STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04505

MIZREH FLAMEN

Permanent preservation of this book was made possible
by Gayla C. Stein
in memory of
Stan Stein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מזרח פלאַמען

(שעכערעזאַדעס מעשה־לאַך)

פאַרלאַג ״צענטראַל״

וואַרשע 1923

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

די געשיכטע פונם פרינץ קאמאר עס־זעמאן און דער פרינצעסין בודיר.

הויבט זיך אָן אין האַלט הונדערט זיבע־
ציקסטער נאכט און ענדיקט זיך אין דער
צווייהונדערט נייאונפערציקסטער נאכט.

אַמאָל, אין די גאָר אַלטע צייטן האָט געהערשט אין דער וועלט איינער אַ מלך מיטן נאָמען שאַך-זעמאַן, וואָס האָט געהאַט זייער אַ סך חילות און הויפלייט און לייבהיטער און קריגספירער און עמירן און וויזירן. זיין רעזידענץ איז געלעגן אויף די קאַלידאַנישע אינזלען נישט ווייט פון פערסיע.

טויזנטער שלאַנקע שקלאַפינס האָבן באַצירט זיין הויף, אָבער זיינע אייגענע פיר טעכטער זיינען געווען ענלאַך צו דער לבנה. דער מלך איז שוין געווען נישט יונג, די כחות האָבן אים שוין ביסלאַכווייז גענומען פאַרלאָזן און זיין שטענדיקער צער האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט: ער האָט קיין זון נישט געהאַט. דעריבער איז ער שטענדיק טרויעריק געווען, און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין וויזיר:

טויזנט און איין נאכט.

„איך האָב נישט קיין טראָנפּאָלגער און נאָך מיין טויט וועט נישט זיין ווער עס זאָל ירשנען מיין גדולה און מיין רום, וואָס דער מקור דערפֿון איז דער טראָן.‟

האָט דער וויזיר געזאָגט:

אָ, מיין גרויסער מלך פֿון די רעכטגלויביקע, אפשר וועט נאָך גאָט העלפֿן. קודם זאָלסטו זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָט, עפּטער זיך וואַשן די פֿיס און די הענט און אָפּהיטן די גוטע פֿרימאָרגן-תּפֿילות. איך וואָלט דיר געראַטן, דו זאָלסט מאַכן אַ גרויסן מאָל-צייט און איינלאַדן אויף אים די אַלע אָרימע און פֿאַרוואָרלאָזטע פֿון דיין מדינה, וועלן זיי בעטן צו גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!) און ער וועט אָננעמען זייער תּפֿילה און וועט דיר שיינקען אַ זון. צווישן אָרימע און געדריקטע געפֿינט זיך שטענדיק אַזאַ איינער, וואָס זיין נשמה איז ריין ווי באַרג-וואַסער און וואָס גאָט הערט זיך זייער צו צו זיין תּפֿילה. איך בין זיכער, אַז דאָסדאָזיקע מיטל וועט דיר ברייננגען דאָס, נאָך וואָס דו לעכצסט אַזוי.‟

האָט דער מלך געפֿאָלגט דידאָזיקע עצה און האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט פֿאַר אָרימע לייט און זיין ווייב איז טאַקי אין דריי טעג אַרום טראָגעדיק געוואָרן און האָט אים צו דער באַשטימטער צייט געהאַט אַ יינגל, וואָס איז געווען שיין, ווי די לבֿנה אויף אַ ריינעם הימל. האָט אים דער מלך אַ נאָמען געגעבן קאַמאַר-עס-זעמאַן.

די פֿרייד פֿון מלך האָט זיך נישט געלאָזט באַשרייבן און ער האָט געהייסן אויספּוצן די שטאָט אין משך פֿון אַ וואָך צייט און פּויקן האָבן אין די גאַסן געפּויקט און טרומייטערס האָבן געטרומייטערט און שופֿרות האָבן געשאַלט און אין אַלע עקן שטאָט איז אויסגערופֿן געוואָרן די פֿריילאַכע בשורה, אַז דעם מלכס ווייב האָט געבוירן אַ יינגל.

דער עלטסטער וויזיר פֿון מלך האָט באַלד אויסגעפֿונען די בעסטע ניאַנקעס און די בעסטע קינדער-דערציער און אַזוי האָט מען אים געהאָדעוועט ביז פֿופֿצן יאָר.

געווען איז דער יונגער פּרינץ וואונדערלאַך שיין און הנעוו-

דיק, אַזוי, אַז ער האָט פאַרלויכטן אַלע חדרים פון פּאַלאַץ, און דער פאָטער איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים — נישט ביי-טאָג און נישט ביינאַכט, און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו איינעם פון זיינע וויזירס:

„אָ, מיין וויזיר, איך בין שטאַרק באַאומרוהיקט איבער דעם גורל פון מיין זון און איך וואָלט געוואָלט אים וואָס פריער חתונה-מאַכן.״

דערויף האָט דער וויזיר געזאָגט:

„וויסן זאָלסטו, אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, אַז חתונה-האָבן איז זייער אַ גלייכע זאַך פאַר אַ יונגנמאַן און איך זע, אַז דו האָסט רעכט, ווען דו טראַכסט וועגן דעם.״

האָט דער מלך אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

„רוף מיר אַריין אַהער מיין זון קאַמאַר-עס-זעמאַן.״

האָט דער וויזיר אַריינגערופן דעם יונגן פּרינץ, וואָס האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר זיין פאָטער. האָט אים דער פאָטער זייער מילד אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אָ, מיין זון, קאַמאַר-עס-זעמאַן, זאָלסט וויסן, אַז איך וויל דיך חתונה-מאַכן און נאָך פאַרן לעבן וויל איך האָבן נחת פון דיר. אויף דיר וואַרט אַ טראָן, מוזטו חתונה האָבן.״

האָט זיך דער פּרינץ דערנענט צום פאָטער און זיך אָנ-גערופן:

„אָ, מיין פאָטער! זאָלסט וויסן, אַז איך וויל נישט חתונה-האָבן און אין מיין בלוט איז נישט פאַראַן קיין שום נייגונג צו פרויען. וועגן פרויען האָב איך געלייענט קלוגע ביכער, וואָס זאָגן, אַז זיי זיינען פאַלש, ביטרע און געמיין. דער דיכטער זאָגט:

די פרויען זיינען נאָר אַ ווײַלע גוט צום מאַן.
און זאָל זיין האָר אים ווערן עטוואָס וויים,
צי זיין עשירות זאָל פאַרמינערט ווערן,
וועט אים די פרוי פאַרראַטן קאַלט, ווי אַ רוצח
און עלנט וועט זיין לעבן פליסן אונטער הימל.

און אַ צווייטער דיכטער זאָגט:

דער פרוי זאָלסטו זיך קיינמאָל נישט פאַרטרויען—

די קושן זיינען פאַלש, איר אָרעם איז אַ פֿאַלשער
און וועסטו מיט איר טיילן דעם געלעגער,
וועסטו געניסן בלויז אַ רגע פאַרגעניגן,
אַ רגע—און דערנאָך פאַרביטערונג, פאַרראַט.

„אָ, מיין פאָטער, איך וועל קיינמאָל נישט חתונה-האָבן, עס מעג אַפילו אונטערגיין די וועלט."

אַז דער מלך האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט דערשפּירט, אַז ער ווערט שטאַרק געקרייגקט דערפון, וואָס זיין זון פאָלגט אים נישט. אָבער ער האָט אים אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט פאַרשוויגן זיינע ווערטער און האָט זיך באַצויגן צו אים, ווי דער בעסטער פאָטער אין דער וועלט.

דער פּרינץ קאָמאַר-עס-זעמאַן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שענער און די גאַנצע שטאָט האָט שוין גע-וואוסט, אַז ער איז דער שענסטער אונטערן הימעל.

דער מלך שאַך-זעמאַן האָט מיט גרויס געדולט אָפּגעוואַרט אַ גאַנץ יאָר, טאָמער וועט דער זון חרטה האָבן און וועט זיך לאָזן חתונה מאַכן מיט איינער פון די וועלט-פּרינצעסינס.

דער זון איז אָבער געוואָרן אַלץ שענער און שענער אַזוי, אַז ער האָט איבערגעשטייגט אין שיינקייט די לבנה, נאָר פון אַ ווייב האָט ער נישט געוואָלט הערן.

אין אַ יאָר אַרום האָט אים אַריינגערופן דער פאָטער צו זיך אין צימער און געזאָגט:

„אָ, מיין זון, הער זיך צו צו מיינע רייד."

איז דער פּרינץ געפאַלן אויף די קני פאַרן פאָטער און געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, שוין-זשע קאָן איך הערן דיינע ווער-טער און נישט פאָלגן זיי? גאָט האָט באַפוילן, אַז אַ זון זאָל געהאָרכן זיין פאָטער."

דעמאָלט האָט דער מלך געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, מיין זון, אַז איך וויל דיך חתונה-מאַכן פאַר מיין לעבן, וואָרום איך בין שוין אַלט און מיד און גאָט ווייס,

צי איך וועל דערלעבן נחת פון דיר. איך וויל דיר נאָך פאַרן לעבן מאַכן פאַר אַ סולטאַן איבער מיין גרויסער מדינה.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער פּרינץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, איך וועל עס קיינמאָל נישט טאָן, איך מעג אַפילו אומקומען דורכדעם. איך ווייס, אַז גאָט הייסט מיר, איך זאָל דיך פאָלגן, אָבער איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך נישט צווינגען חתונה-צו-האָבן, און זאָלסט נישט מיינען, אַז איך וועל עס ווען-עס-איז טאָן. פון די קלוגע ביכער ווייס איך שוין, וואָס פאַר אַן אומגליק די פרויען ברייגגען אויף דער וועלט. אָן די פרויען וואָלט דער הימל שענער געווען און די זון וואָלט העלער געלויכטן. אַלע וואָלטן געלעבט גוט און עס וואָלט קיין פאַלשקייט נישט געווען. דער דיכטער זאָגט:

דער, וואָס איז איינמאָל נאָר אַריינגעפאַלן
אין די אומפאַרשעמטע אָרעמס פון אַ פרוי,
וועט קיינמאָל שוין פון עבטן גליק נישט וויסן,
זיין לעבן וועט שוין זיין פאַרסמט אויף אייביק.
די פינגער, וועלכע זיינען אויסגעפוצט מיט אָדרע,
די האָר, וואָס שלענגלען זיך ביים קליינעם שטערן,
די ברעמען, וועלכע ציען זיך ווי שלאַנגען—
דאָס אַלץ איז סם, אָ, מענטש, דאָס אַלץ איז סם.

אַז דער מלך שאַך-זעמאַן האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער דערשטיקט זיין גרויסן צער אין זיך און האָט גאָרנישט געענטפערט דעם זון. אָבער אַז דער זון איז אַרויס פון צימער, האָט ער אַריינגערופן דעם וויזיר און אַזוי געזאָגט צו אים:

„אָ, וויזיר, גיב מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין זון קאַמאַר-עס-זעמאַן? דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז איידער איך גיי אים מאַכן פאַר אַ סולטאַן, מוז ער ביי מיר פריער חתונה-האָבן, אָבער ער וויל גאָרנישט הערן דערפון. גיב-זשע מיר אַ גוטע עצה, וואָס זאָל איך טאָן מיט אים?״

האָט דער וויזיר זיך אָנגערופן:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, דו מוזט וואַרטן נאָך אַ יאָר, און אַז דו וועסט מיט אים ווידער ריידן וועגן חתונה-האָבן, זאָלסטו עס טאָן נישט אויג-אויף-אויג, ווי פריער, נאָר ביי פייערלאַכע אומשטענדן—פאַר אַלע ווזירן, עמירן, הויכע לייט און חילות. נאָר ביי אַזוינע אומשטענדן זאָלסטו אים פאָרלייגן חתונה-צו-האָבן און מיר וועלן זען, ווי דאָס וועט ווירקן אויף אים. מיר שיינט, אַז ער וועט זיך אונטערגעבן און וועט געהאָרכן דיינע ווערטער.”

אויסגעהערט דידאָזיקע עצה, האָט זיך דער מלך שאַך-זעַמאַן זייער דערפרייט. דידאָזיקע עצה איז אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט דערפאַר געשיינקט דעם ווזיר וואונדערשיינע ערנקליידער.

ווידעראַמאָל האָט דער מלך שאַך-זעמאַן געדולדיק אויסגעוואַרט אַ יאָר און מיט יעדן טאָג איז דער יונגער פרינץ אַלץ שענער און שענער געוואָרן.

איצט איז ער שוין אַלט געוואָרן ,צוואַנציק יאָר. זיינע אויגן האָבן דורכגעשניטן דעם צווייטן, ווי אַ שאַרף מעסער, דאָס געזיכט איז אים געוואָרן קלאָר, ווי די לבנה און די האָר שוואַרץ, ווי די נאַכט.

דער מלך שאַך-זעמאַן האָט צונויפגערופן זיינע אַלע ווזירן, עמירן, הויפלייט, הויכע באַאַמטע און אַלע זיינע אַרמייען צוזאַמען מיט זייערע קאָמאַנדירן.

אַז אַלע זיינען געקומען צו דער ריכטיקער מינוט, האָט ער געשיקט רופן זיין זון, דעם יונגן פרינץ, וואָס איז באַלד געקומען, און דריי מאָל אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון זיין פאָטערס פיס און נאָכדעם זיך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט פאַרן פאָטער. דעמאָלט האָט דער פאָטער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון, פאַר מיר שטייען דאָ מיינע אַלע אַרמייען און די גרעסטע לייט פון מיין הויף, און דעריבער וויל איך, דו זאָלסט גוט אויסהערן און געהאָרכן דאָס, וואָס איך זאָג דיר. איך וויל, דו זאָלסט חתונה-האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ מלך. מיי-

נע יאָרן זיינען שוין געציילט און איך וויל נאָך דערלעבן נחת פון דיר.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער יונגער פּרינץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ סאַמע ביז צו דער ערד, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אויפגעהויבן די אויגן צום פאָטער און זייער ליידנשאַפטלאַך אַרויסגעזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער פאָטער, אָ, מיין גרויסער מלך! איך וועל קיינמאָל נישט חתונה-האָבן, דאָס מעג מיר אַפילו קאָסטן דאָס לעבן, אָבער איך זע, אַז איך בין געצוואונגען דיר צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן פאַר אַלע געסט און פאַר אַלע אַרמייען. איך מוז דיר זאָגן, אַז דו האָסט אַ שוואַכן אומבאַוועגלאַכן פאַרשטאַנד. וואָרום צוויי מאָל האָסטו מיר פאָרגעלייגט חתונה-צו-האָבן און צוויי מאָל האָסטו באַקומען פון מיר אַן אָפּזאָג!״

נאָכדעם האָט דער יונגער פּרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ חוצפּהדיקער פּאָזע געגן פאָטער.

האָט זיך דער מלך שאַך-זעמאַן זייער פאַרשעמט און איז בלאַס געוואָרן, ווייל די העכסטע לייט פון זיין מדינה זיינען דאָ געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו דעם פּרינצס ווערטער. אָבער דער מלך האָט זיך באַלד באַהערשט און זיך אַ וואָרף געטאָן צום זון ווי אַ לייב.

דער יונגער פּרינץ איז תּיכּף אָפּגעשפּרונגען, אָבער דער מלך האָט באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן כאַפּן דעם יונגן פּרינץ. האָט מען אים תּיכּף געכאַפּט און פאַרבונדן אויף הינטן די הענט און צוגעפירט צום פאָטער. גרויסע קאַלטע טראָפּנס שווייס זיינען אים אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן און פון שרעק האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אָבער דער פאָטער האָט אַ געשריי געטאָן צו אים:

„אַך, דו אומווירדיקע חיה, וואָס דו ביזט! ווי אַזוי האָסטו זיך באַוועגט צו ענטפערן מיר אַזוי פאַרן גאַנצן הויף און פאַר מיינע אַלע אַרמייען? קיינער האָט דיך נאָך קיינמאָל נישט באַשטראָפט, צי ווייסטו, אַז דעריעניקער, וואָס וואָלט זיך דער-

וועגט אַזוי צו ריידן, וואָלט באַשטראָפט געוואָרן מיט טויטשטראָף!״

און ער האָט באַפוילן די דינער, זיי זאָלן אים אָפּבינדן די הענט און אַריינזעצן אין איינעם פון די טורמס, וואָס געפינען זיך אין הויף.

האָט מען באַלד אויסגעוואַשן און אויסגעווייסט אַ צימער אין איינעם פון די טורמס און אַריינגעשטעלט דאָרט אַ שיין בעט און אַריינגעזעצט אַהין דעם יונגן פּרינץ.

און אַזוי ווי דאָרט איז אַפילו בייטאָג אויך געווען פינסטער, האָט מען דאָרט אויפגעהאָנגען אַ סך לאַמטערנעס און אַ סך ליכט.

ביי דער טיר פון דעם צימער האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ דינער.

דער יונגער פּרינץ איז געווען זייער צוטראָגן, האָט ער זיך באַלד אַריינגעלייגט אין בעט און זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן.

איצט האָט ער זייער חרטה-געהאַט אויף זיינע מעשים און האָט זיך זייער מצער-געווען, וואָס ער האָט פאַרשאַפט דעם פאָטער אַזוינע שווערע אַנגסטן, און אין גרויס צער און וויי האָט ער אויסגעשריען:

„פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, איר פרויען און כלות! דאָך אָבער בין איך באַגאַנגען אַ פעלער. איך האָב באַדאַרפט געהאָרכן דעם פאָטער, איך האָב באַדאַרפט חתונה-האָבן און דעמאָלט וואָלט גאָרנישט געשען.״

אַזוי האָט אויסגעשריען דער יונגער פּרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן אין זיין תפיסה, אָבער אין דער אייגענער צייט איז דער אַלטער מלך געווען שוואַרץ ווי דער טויט פון אינערלאַכע יסורים און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. שפּעטער האָט ער אַריינגערופן דעם וויזיר און זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין וויזיר, מיר איז זייער שלעכט און שולדיק ביזטו. ווי אַזוי האָסטו עס מיר געגעבן אַזאַ עצה? עס איז דאָך נאָר צום לאַכן! און וואָס זאָל איך איצט טאָן, פרעג איך דיך?

דערויף האָט דער וויזיר געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע! לאָז־איבער דיין זון אין תפיסה. זאָל ער דאָרט זיצן אַ וואָסערע צוויי וואָכן. נאָכדעם זאָלסטו אים אַריינרופן און הייסן חתונה־האָבן. וועסט זען, אַז ער וועט דיך באַלד פאָלגן.״

די עצה איז אַפילו געפעלן געוואָרן דעם מלך, אָבער די נאַכט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן און האָט זיך אַלץ גע־פייניקט, וואָס זיין זון זיצט איצט אין תפיסה.

דער מלך שאַך־זעמאַן האָט אייגנטלאַך קיינמאָל נישט גע־קאָנט איינשלאָפן, וואו ער האָט פריער נישט אַרונטערגעלייגט זיין האַנט אונטער דעם זונס האַלז. נאָר אַזוי פלעגט ער איינשלאָפן.

די נאַכט האָט זיך פאַר אים געצויגן שרעקלאַך לאַנג און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ליגט אויף הייסע קוילן.

טיילמאָל האָבן אים געשראָקן און געפייניקט משונהדיקע שרעקבילדער און ער האָט געוויינט אין קישן, ווי אַ קליין קינד.

זיין זון, ווידער, האָט אַזוי פאַרבראַכט די צייט. אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָט דער דינער אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ לאַמטערנע מיט אַ ליכט און באַלד דערויף האָט ער אים גע־בראַכט צו עסן.

אַז ער האָט אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט מאַנכע שפייזן, האָט ער זיך ווידער באַדאַכט וועגן זיין שווערער לאַגע און ער האָט זיך געזאָגט:

„יעדער בן־אדם איז אָפגעהאַנגען פון זיין צונג, וואָרום נאָר די צונג קאָן דערפירן צו די גרעסטע אומגליקן אין דער וועלט.״

נאָכדעם האָט ער זיך שרעקלאַך צעוויינט און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געביסן זיך די פינגער.

אָבער אַז ער האָט זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָט ער זיך אַרומגעוואַשן די פיס און די הענט און זיך אַנידערגעזעצט אין בעט און גענומען זאָגן קאַפּיטלאַך פון קאָראַן.

נאָכדעם האָט ער דערשפּירט, אַז ער וויל שלאָפן, האָט ער זיך אויסגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין דער ווייכער בעט. געשלאָפן איז ער אין אַ דינעם העמד מיט אַ בלויען טיכל אויפן

קאָפּ און איז נאָך געווען שענער פון דער לבנה. צוקאָפּנס פון זיין בעלעגער האָט געברענט אַ ליכט און ביי די פיס אַ לאַמטערנע.

אַזוי האָט ער רוהיק געשלאָפן אַ דריטל נאַכט און האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס די קינפטיקע שעה וועט אים ברענגען, און וואָס גאָט, וועלכער ווייס די סודות פון אַלע וועגן, האָט שוין באַשטימט פאַר אים.

דער טורם, וואו דער פרינץ איז געווען פאַרשפאַרט, איז געווען זייער אַן אַלטער און זייער אַ פאַרוואָרפענער טורם און דערביי איז געלאָפן אַ קליין טייכעלע. אויפן טייכעלע האָט געוואוינט אַ שדיכע, וואָס האָט נאָך אַרויסגעשטאַמט פון דעם פאַרשאָלטענעם איבליסן.

געהייסן האָט דידאָזיקע שדיכע מיימונען.

אין דער אייגענער נאַכט, ווען קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט געשלאָפן אויף זיין געלעגער, איז די שדיכע אַרויס פון טייכל און געוואָלט זיך אויפהויבן צום הימל, אויסצוקוקן די געגנט, האָט זי אָבער דערזען אין טורם אַ שיין.

זי האָט שוין לאַנג געוואוינט אין טייכל און האָט אויסגעצייכנט גוט געוואוסט, אַז אין טורם וואוינט קיינער נישט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס האָט געמוזט געשען עפּיס אַן אומגעווינלאַך געשעעניש.

איז זי שטיל און אָן אַ שום שאָרך צוגעפליגן צום טורם און האָט דערזען, אַז ביי דער טיר שלאָפט אַ האַרעמדינער.

דעמאָלט איז זי אַריין אין צימער, און דאָ האָט זי דערזען, ווי אַ יונגערמאַן שלאָפט אויף אַ שיינעם געלעגער און צוקאָפּנס ברענט אים אַ ליכט און צופוסנס אַ לאַמטערנע.

איז זי צוגעגאַנגען נענטער און פאַמעלאַך אויפגעהויבן די דעקע פון דעם שלאָפנדיקן און אַ קוק געטאָן אויף אים. אַ גאַנצע שעה צייט איז זי געשטאַנען און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונם שלאָפנדיקן.

זי האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ שיינעם יונגלינג נישט געזען. די באַקן האָבן אים געבליט, ווי צוויי רויזן, אין די צוגעמאַכ-

טע איגן איז געלעגן אַ סאַמעטענער שאָטן און שענער פון דער לבנה האָט אויסגעזען זיין קאָפּ.

פון גרויס התפעלות האָט מיימונעך אויסגערופן צו גאָט:

„געבענטשט און געלויבט זאָל זיין אַלאַ! ער איז דער גרעס־טער און בעסטער פון אַלע שעפער!"

דידאָזיקע שדיכע האָט געגלויבט אין גאָט, ווייל זי האָט זיך געשראָקן פאַר אים, און זי האָט נאָכאַמאָל אויסגערופן:

„נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט!"

פון נאַטור האָט זי נישט געוואוסט פון קנאה, דאָך האָט זי געוואָלט זיין ענלאַך צו דעמדאָזיקן שיינעם יונגלינג.

„איך שווער ביי גאָט,—האָט זי ווייטער געזאָגט,—אַז איך וועל אים קיין שום שלעכטס נישט טאָן און וועל אויך נישט דערלאָזן, אַז עמיץ זאָל אים טאָן עפּיס שלעכטס און וועל אים אויך אַרויסראַטעווען פון אומאַנגענעמליכקייטן, וואָרום ער איז אַזוי שיין, אַז מען קאָן לויבן און דאַנקען אַלאַ פאַר זיין שיינ־קייט. אָבער ווי קומט ער אַהער אין דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם טורם? אויב עמיץ פון אונזערע שייטאַנעס וועלן פאַרבלאָנדזשען אַהער, וועלן זיי אים זיכער אומברייינגען."

נאָכדעם האָט זיך די שדיכע איינגעבויגן און האָט אים אַ קוש געטאָן צווישן די ברעמען.

באַלד דערויף האָט זי אים צוגעדעקט מיט דער דעקע, זי פריער, און איז אַוועקגעפלויגן אונטערן הימל. זי האָט שוין געהאַט דערפלויגן צו דעם ערשטן הימל, ווען זי האָט פלוצלונג דערהערט אַ פאָכן פון פליגלען.

דעמאָלט האָט זי זיך עטוואָס צוגעהערט און באַלד דערויף האָט זי דערזען, אַז דאָס איז דער שייטאַן מיטן נאָמען דאַכנאַש.

אַז דער שייטאַן האָט זי באַמערקט, האָט ער זיך שנעלער געלאָזט פליען, ווייל ער האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר איר.

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז די שדיכע מיימונעך, די טאָכטער פון שייטאַנען־מלך. אָבער די שדיכע האָט אים דער־יאָגט.

דעמאָלט האָבן אים גענומען ציטערן די פליגלען און ער

האָט געזאָגט:

„אין נאָמען פון דער העכסטער און גרעסטער קמע, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף סולייכמאַנס זיגעל, בעט איך דיך, דו זאָלסט רחמנות האָבן איבער מיר און זאָלסט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז מיימונעך זייער גערירט געוואָרן און געזאָגט:

„דו בעטסט מיך אַפילו אין נאָמען פון אַלעם העכסטן, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, דאָך אָבער קאָן איך דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיר נישט זאָגן, פון וואַנען דו פליסט."

האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין הארין! וויסן זאָלסטו, אַז איך פלי פון זייער אַ וויטן קאַנט אין כינע און די אַרומיקע אינזלען און איך קאָן דיר דערציילן זייער טשיקאַווע זאַכן, וואָס איך האָב דאָרט הײַנט געזען. אויב דו וועסט איינגעפינען, אַז מיין צונג איז אַ וואָר-האַפטיקע און איך רייד דעם אמת, זאָלסטו מיך אָפּלאָזן, איך זאָל קאָנען ווייטער פליען מיין וועג. אָבער איך פאַרלאַנג פון דיר אויך, דו זאָלסט מיר געבן אַ צייכן, אַז איך בין דיין באַ-פרייטער שקלאַף אויף אייביק און אַז קיינער פון די שייטאַנעס, סיי פון די העכערע, סיי פון די קלענערע, טאָרן מיך נישט פאַרהאַלטן אין מיין נסיעה."

האָט אים מיימונעך געזאָגט:

„דערצייל, וואָס האָסטו היינט געזען. אָבער איך בין דיך מתרה, אַז אויב דיר וועט נאָר איינפאַלן צו באַפּוצן דיין געשיכטע מיט ליגנס, וועסטו זיכער האָבן אַ וויסטן סוף. איך שווער דיר ביי דער אייגענער קמע, אַז איך וועל דיר אויסרייסן אַלע דיי-נע פעדערן און אָראָפּשינדן די הויט און איבערברעכן אַלע ביי-נער ביז אייבעם."

דערויף האָט דער שייטאַן געזאָגט:

אויב דו וועסט געפינען שקר אין מיינע ווערטער, קאָנסטו מיט מיר טאָן, וואָס דו ווילסט. דו מעגסט מיך אַפילו טויטן, אָבער איך וועל שווייגן. איצט וועל איך דיר אויספירלאַך דער-

ציילן, וואָס איך האָב געזען. דורך די אינערלאַכע אינזלען פון דער גרויסער כינעזישער מדינה בין איך היינט ביינאַכט אַריינגעפלויגן אינעם פּאַלאַץ פונם מלך על-האיור, וואָס הערשט איבער אַ סך אינזלען, ימים און זיבן פּאַלאַצן, און דאָרט האָב איך געזען די יונגע פּרינצעסין, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו איר שיינקייט. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל דיר איבערגעבן מיט ווערטער איר רייץ, ווייל עס זיינען גאָר קיין ווערטער נישטאָ דערצו. איך וועל דיר בלויז זאָגן, אַז אירע האָר זיינען טונקל, ווי די נאַכט פון שיידונג און טויט און דאָס געזיכט איז איר קלאָר ווי דער טאָג, ווען צוויי געליבטע טרעפן זיך. גוט האָט זי באַזונגען דער דיכטער:

כ'האָב געזען אירע האָר—
הונדערט נעכט האָב איך געזען;
כ'האָב געזען אירע אויגן—
צוויי לבנות פאַר אמאָל.

איר נאָז איז ענלאַך צו אַ געשליפטן חלף און די באַקן זיינען ענלאַך צו צייטיקע ווייַנטרויבן. אירע ליפּן זיינען ווי קאָראַלן און זיינען זיסער פון די בעסטע וויינען. איר צונג רעדט קלוג און קומט נישט שפּעט מיט אַן ענטפער און אירע בריסטן קאָנען פאַרשכורן שטיינער אין גאַס. געבענטשט און געלויבט זאָל זיין יענער, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ פאָלקאָמענהייט! אירע הענט זיינען רונד און ווייס, ווי דער דיכטער האָט געזונגען:

די לענדען אירע זיינען ברייט און די טאַליע שלאַנק.
און ווען איך זע זי, זינדיק איך אין מיין מחשבה.
אָ, צוליב איר בין איך אַ זינדער, נישט באַשטראָף מיך, גאָט!
אָדער שטראָף מיך, גאָט, אַבי איר רייץ זאָל לעבן.

די אַנדערע שטריכן אירע זיינען מיר שוין נישט אַזוי באַקאַנט, אָבער איך האָב דאָך באַמערקט אירע רייצנדיקע פיסעלאַך, וואָס האַלטן-אונטער גאָטס שיינע שאַפונג. איך האָב מיך אַפילו געוואונדערט, ווי אַזוי קאָן אַ מענטש גיין מיט אַזוינע קליינטשקע פיסעלאַך. אָבער דאָ מוז איך שוין שווייגן, ווייל מיר פעלן ווערטער דערויף."

---

*טויזנט און איין נאכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער שייטאַן פון דאָסניי אָנ־גערופן:

„דער פאָטער פון דערדאָזיקער פּרינצעסין איז דער מעכ־טיקער מלך און דער וואונדערלאַכער רייטער, וואָס קאָן אַדורכ־פאָרן הונדערטער מײַלן יבשה און ים. ער ווייס נישט פון פּחד און שרעק און קיין איין מענטש קאָן זיך נישט ראַנגלען מיט אים. ער הייסט על־האָיור און הערשט, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, איבער אינזלען און ימים און זיבן פּאַלאַצן. ער האָט אַזוי ליב די יונגע פּרינצעסין, אַז ער האָט צונויפגעזאַמלט געלט בײַ אַלע מלכים און האָט איר אויסגעבויט זיבן פּאַלאַצן פון פאַר־שידענע מאַטעריאַלן. איין פּאַלאַץ איז פון קרישטאָל, דער צווײ־טער פון מאַרמאָר, דער דריטער פון כינעזישן טשוהון, דער פערטער פון אַניקס און טייערע איידלשטיינער, דער פינפטער פון זילבער, דער זעקסטער פון גאָלד און דער זיבעטער איז פון בריליאַנטן. אין די אַלע פּאַלאַצן געפינט זיך דאָס שענסטע מעבל און די טייערסטע געפעסן און די פּרינצעסין וואוינט בלויז עטלאַכע יאָר אין אַ פּאַלאַץ. אַלע דריי יאָר ציט זי זיך איבער אין אַ צווייטן פּאַלאַץ. הייסן הייסט די פּרינצעסין בוכור. אַז איר שיינקייט איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט און מען האָט אומעטום גערעדט פון איר, האָבן אַלע מלכים געשיקט שלוחים צו איר פאָטער, ער זאָל זיי געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. האָט זי דער פאָטער געפרעגט, צי זי וויל אַ מאַן, אָבער זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין פאָטער, חתונה־האָבן וויל איך נישט. איך בין אַ טאָכטער פון אַ גרויסן מלך, איך בין אַ פּרינצעסין, וואָס הערשט איבער לאַנד און מענטשן און איך וויל נישט, אַז אַ מאַן זאָל איבער מיר הערשן."

אָבער וואָס מער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ שידוך, אַלץ שטאַרקער האָט מען זי דערעסן מיט דעמדאָזיקן ענין.

אַלע מלכים פון די שכנישע מלוכות האָבן געבראַכט צו איר פאָטער פאַרשידענע מתנות פון גאָלד און בריליאַנטן און האָבן געבעטן איר האַנט, און הונדערטער מאָל האָט איר דער

פאָטער פאַרגעלייגט אַ שידוך, און זי האָט אַלץ אָפּגעזאָגט און זיך געבייזערט און איינמאָל אַפילו זיך אָנגערופן:

„אויב דו וועסט מיר כסדר דערעסן מיט די שדוכים, וועל איך נעמען אַ מעסער און אַריינשטעכן זיך אין האַרצן, אַזוי אַז דער שפּיץ זאָל אַרויס אין רוקן און אַזוי־אַרום וועל איך דערלייזט ווערן פון מיין שווער לעבן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער פאָטער זייער מצער־געווען און פינסטער איז אים אין די אויגן געוואָרן און ער האָט זיך זייער דערשראָקן. אָבער ער האָט זיך אויך זייער געשעמט פאַר די מלכים, וואָס האָבן געבעטן איר האַנט, און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו איר:

„אויב דו וועסט נישט חתונה־האָבן, טאָ גיי שוין אויך נישט אַרויס פון פּאַלאַץ, ווייל דאָס איז נישט שיין."

נאָכדעם האָט ער זי אַריינגעפירט אין איינעם פון די פּאַלאַצצימערן און זי דאָרט פאַרשלאָסן און דער דינערין, וועלכער ער האָט איבערגעגעבן די שליסלען, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל גוט אַכטונג געבן אויף איר.

אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך פאַנאַנדערגעשיקט בריף צו אַלע מלכים, אין וועלכע ער האָט זיי צו וויסן געטאָן, אַז מיט זיין טאָכטער איז געשען אַ גרויס אומגליק, אַז אירע קלאָרע געדאַנקען זיינען עטוואָס פאַרטונקלט געוואָרן און אַז אַ יאָר צייט וועט זי זיצן פאַרשלאָסן ביי איר אין צימער."

דער שייטאַן דאַכנאַש האָט עטוואָס פאַרהאַלטן דעם אָטעם און נאָכדעם ווייטער געזאָגט:

„אַלע נאַכט פלי איך צו איר און קוק אויף איר שיינקייט. קיין שענערע פאַר איר האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען. בשעת זי שלאָפט, קוש איך זי צווישן די ברעמען, אָבער מיין ליבע באַליידיקט מיך נישט, ווייל איר שענקייט שטייגט־איבער אַלץ, וואָס איך האָב ווען געזען אין מיין לעבן. אָ, מיין האַרין, איך האָב צו דיר איין בקשה: קום מיט מיר און דו וועסט אָנקוקן דידאָזיקע שיינהייט. איך וויל, דו זאָלסט זי זען. אויב אין מיינע ווערטער איז פאַראַן אַ טראָפּן שקר, מעגסטו מיך טויטן.

איך וועל מיך לאָזן טויטן אָן חרטה."

דער שייטאַן האָט שוין אויסגעשפּרייט די פליגלען און זיך מכין־געווען צו פליען, אָבער די שדיכע האָט זיך צולאַכט און אַ שפּיי געטאָן אים אין פּרצוף אַריין און געזאָגט:

„נו, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָרט דיין פּרינצעסין? זי איז מער נישט ווערט, ווי אַ שטיקל ליים פון אַ צובראָכענעם טעפּל. וואָס וואָלסטו אָבער געזאָגט, ווען דו וואָלסט געזען מיין געליבטן? ביי גאָט, איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיר דערציילן זייער אַ טשיקאַווע געשיכטע. ערשט מער ווי ווערטער האָב איך נישט געהערט. אָרימער שייטאַן! איך האָב היינט ביי־נאַכט געזען אַזאַ שיינעם יונגלינג, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט זען אויפן וואָר, נאָר אין אַ חלום."

האָט דער שייטאַן געפרעגט:

„ווער איז דער יונגלינג?"

און מיימונעך האָט געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, שייטאַן, אַז דערדאָזיקער יונגלינג האָט אי־בערגעלעבט עטוואָס אַזוינס, וואָס דיין פּרינצעסין. עטלאַכע מאָל האָט אים זיין פאָטער באַפוילן, ער זאָל נעמען אַ ווייב, אָבער ער האָט זיך אַלץ אָפּגעזאָגט. דעריבער איז דער פאָטער אַזוי בייז געוואָרן אויף אים, אַז ער האָט אים אַריינגעזעצט אין טורם, און היינט, אַז איך בין דאָרט פאַרבייגעפלויגן, האָב איך אים געזען."

אויסגעהערט די שדיכע, האָט זיך דער שייטאַן אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין מיימונעך, ווייז מיר דעמדאָזיקן יונגלינג, וואָרום איך וויל זען, ווער איז שענער: ער, צי די פּרינצעסין בודור. זאָלסט וויסן, איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איך קאָן מיך נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי מען קאָן זיין שענער פון דער פּרינ־צעסין."

האָט די שדיכע געזאָגט:

„אומגליקלאַכער שייטאַן, וואָס דו ביזט, דו זאָגסט ליגן! דו ביזט דער סאַמע לעצטער און קלענסטער פון די שייטאַנעס און ריידן מיט דיר איז נישטאָ וואָס. איך בין זיכער, אַז אויף

דער וועלט איז נישטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל זיין קאָנען פאַר-גלייכן צו מיין געליבטן. אויב אָבער דו אַמפּערסט זיך מיט מיר און דו טענהסט אַלץ, אַז דיין פּרינצעסין איז שענער, וועל איך דיר נאָכאַמאָל אַ שפּיי טאָן אין פּנים."

האָט דאַכנאַש זיך דערשראָקן, דאָך אָבער האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, אין נאָמען פון גאָט בעט איך דיך, דו זאָלסט צוערשט פליען מיט מיר צו מיין געליבטער און זי גוט באַטראַכטן און נאָכדעם וועל איך פליען מיט דיר צו דיין גע-ליבטן און איך וועל אים גוט באַטראַכטן און צוגלייכןביידן און דעמאָלט וועלן מיר זען, ווער פון זיי איז שענער."

דעמאָלט האָט די שדיכע אַ מאַך געטאָן מיט אַ פליגל און געזאָגט:

„אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט, זאָל זיין אַזוי. אָבער פרי-ער, ערגסטער און קלענסטער פון די שייטאַנעס, לאָמיר גיין אין געוועט. אויב דיינע געליבטע וועט זיין שענער פון מיין גע-ליבטן, האָב איך פאַרלאָרן, אויב פאַרקערט, האָסטו פאַרלאָרן."

האָט דער שייטאַן געזאָגט:

„עס געפעלט מיר, איך באַשטיי. לאָמיר פליען צו די אינזלען."

דאָ אָבער האָט זיך אָנגערופן די שדיכע:

„דאָס אָרט, וואו מיין געליבטער געפינט זיך, איז אַ סך נענטער, און דעריבער לייג איך פאָר, מיר זאָלן פריער פליען צו מיין געליבטן און ערשט נאָכדעם צו דער פּרינצעסין."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט דער שייטאַן געזאָגט.

באַלד האָבן זיי אַ פאָך געטאָן מיט די פליגלען און זיי-נען תיכף-ומיד געקומען אין טורם. דאָרט האָט שדיכע אויפ-געדעקט דעם שלאָפנדיקן פּרינץ, וואָס האָט מיט זיין רייץ אי-בערגעשטייגט די לבנה. מיימונעך האָט זיך אומגעדרייט צום שייטאַן און געזאָגט:

„זע, דו אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט, וואָס קאָן זיין שע-נער פון אים?"

האָט דער שייטאַן אַ לענגערע צייט געקוקט אויפֿן פּרינץ און דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, איך שווער דיר ביי גאָט, אַז איך פאַרשטיי דיך, אָבער עס איז שווער צו פאַרגלייכן די שיינקייט פון אַ פרוי מיט אַ מאַנספּערשוין. ביי גאָט, ביידע זיינען אומגעווייגלאַך שיין און ביידע זיינען אויסגעטאָקט פון דעם שעפּערס האַנט."

אַז די שדיכע האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז זי אַזוי בייז געוואָרן, אַז זי האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פליגל איבערן קאָפּ.

פון ווייטאָק איז דעם שייטאַן פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער איז שיער נישט אומגעפאַלן אויפן אָרט, אָבער די שדיכע האָט זיך אָנגערופן:

„איך שווער דיר ביי דעם רייצנדיקן פּרינץ, אַז דו וועסט די מינוט אַוועקפליען צו דיין פּרינצעסין און ברייגנען זי אַהער אַ שלאָפנדיקע. דאָ וועלן מיר זיי אַוועקלייגן אין איין שורה און מיר וועלן זען, ווער פון זיי איז שענער. אויב דו וועסט מיר נישט פאָלגן און וועסט די מינוט נישט טאָן דאָס, וואָס איך הייס דיך, וועלן דיינע אויגן די צווייטע מינוט נישט דערלעבן. איך וועל אַריינוואַרפן אין דיר אַ פונק, און דו וועסט צוריסן ווערן אויף די קלענסטע שטיקלאַך, און דידאָזיקע שטיקלאַך וועל איך צוזייען און צושפּרייטן איבער די מדבריות, כדי די איבעריקע שייטאַנען זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר דערפון. אַלזאָ, מאַך עס וואָס גיכער, וואָרום איך וואַרט דאָ."

האָט דער שייטאַן אויפגעהויבן די פליגלען און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, דיין באַפעל וועט דערפילט ווערן. אָבער ווי דאָס איז מיר נישט שווער, מוז איך דיר פאָרט באַמערקן, אַז מיין געליבטע איז שענער און חנעוודיקער."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער שייטאַן אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפלויגן, אָבער מיימונעך האָט אים נישט

אָפּגעלאָזט און איז אים נאָכגעפלויגן, ווייל זי האָט אים נישט געטרויט.

די גאַנצע נסיעה האָט נישט מער געדויערט ווי אַ שעה אַהין און צוריק, און ביידע האָבן געבראַכט אין טורם אַריין די פּרינצעסין, וואָס איז געווען אַנגעטאָן אין אַ העמד פון ווענע־ציאַנישן שטאָף, באַנייט מיט גאָלד, און אויף די אַרבעל איז אויסגעהאָפט געווען דאָסדאָזיקע ליד:

דריי זאכן האָבן זי פערהיט פון אונז:
איר שרעק פאַר שפּיאָנעס און פאַר געצנדינער,
איר ליבע פון קאָפּ, דער רויש פון אירע קליידער
און אויך דער זיסער אַמבּרע־אַראָמאַט.
און ווען מען זאָל איר צונעמען די קליידער
און אויך פערלעשן איר דאָס ליבע פון קאָפּ
און אָפּמעקן די פיינטשאַפט צו די שפּיאָנעס,
וועט איר נאָך בלייבן אַלץ דער זיסער אַמבּרע־אַראָמאַט.

דער שייטאַן און די שדיכע האָבן אַוועקגעלייגט די פּרינ־צעסין אויף דעם געלעגער אין איין שורה מיטן פּרינץ און זיי גוט און לאַנגזאַם באַטראַכט. דעמאָלט האָבן זיי איינגעפונען, אַז ביידע זיינען זייער ענלאַך צו איינאַנדער, ווי אַ ברודער־ און שוועסטער־צווילינג, און ביידע זיינען אויסערגעוויינלאַך שיין.

דאַכנאַש און מיימונע האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיי און צולעצט האָט זיך דער שייטאַן אַנגערופן:

„זעסטו, מיין געליבטע איז שענער.”

איז די שדיכע רויט געוואָרן פון גרימצאָרן און האָט אויס־געשריען:

„אַך, דו פאַרשאָלטענער דאַכנאַש! שוין־זשע ביזטו בלינד? שוין־זשע פאַרשטייסטו נישט, וואָס עס הייסט אמתע שיינקייט און רייץ? מיין געליבטער איז אַזוי שיין, אַז אונזער לשון איז אָרים צו באַזינגען אים.”

און די שדיכע האָט זיך איינגעבויגן און האָט עטלאַכע מאָל אַ קוש געטאָן דעם פּרינץ. באַלד דערויף האָט זי דעקלאַ־מירט אַ לאַנגע אָדע וועגן זיין שיינקייט און האָט אים נאָכאַמאָל

אַ קוש געטאָן.

דאַכנאַש, וואָס איז געווען אַנטציקט פון דער פּרינצעסין, האָט רוהיק אויסגעהערט די אָדע און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, איך האָב אויפמערקזאַם אויסגעהערט דיין אָדע, אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז דו ביזט פאַרליבט אין אים. אָבער איך קאָן אויך דעקלאַמירן און אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך דיר אויך דעקלאַמירן אַן אָדע לכבוד מיין געליבטער. איך מיין, אַז דו וועסט עס מיר דערלויבן, ווייל דו האָסט אַ גוט האַרץ.”

באַלד דערויף איז ער צוגעגאַנגען צו זיין געליבטער און אַ קוש געטאָן איר צווישן די אויגן און נאָכדעם מיט גרויס פייער פאָרגעלייענט אַן אָדע לכבוד דער שיינער פּרינצעסין.

דעמאָלט האָט זיך מיימונעך אָנגערופן:

„דו דעקלאַמירסט גרויסאַרטיק, אָבער, דאַכנאַש, ווער איז פאָרט שענער פון זיי?”

האָט דער שייטאַן געזאָגט:

„מיין געליבטע בוכור איז שענער פון דיין געליבטן.”

„דו לייגסט, אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט!—האָט די שדיכע אויסגערופן.—מיין געליבטער איז שענער פון דער פּרינצעסין.”

זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט, אָבער די שדיכע איז בייז געוואָרן און האָט אים, צולעצט, אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך נאָך ווייטער שפּאַרן, וועט זי אים איבערברעכן הענט און פיס.

האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר איר ביז צו דער ערד און מיט גרויס הכנעה אַרויסגעזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, זיי מיר מוחל, אויב איך בין דיר ווידערשפּעניג. איך האָב מיך געשפּאַרט איבער דעם, ווייל איך האָב געמוזט אויסדריקן מיין התפעלות איבער דער אונגעווייבלאַכער שיינקייט, וואָס מיינע אויגן זעען. אָבער איך האָב פאַר דיר אַן עצה: אַזוי ווי מיר קאָנען ביידע נישט דורכקומען, טאָ לאָמיר רופן אַ דריטן און לאָמיר הערן זיין מיינונג, ווער פון אונז איז דאָ גערעכט.”

האָט די שדיכֿע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„דאָס לאָזט זיך הערן. אדרבה, טו אַזוי.“

דעמאָלט האָט די שדיכֿע אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, און באַלד דערויף איז אַרויס פון דער ערד אַ שייטאַן, וואָס איז געווען בלינד אויף איין אויג, מיט אַ קראַנקער שמוציקער הויט אויפן גוף.

דער שפּאַלט פון די אויגן האָט זיך ביי אים געצויגן נישט אין דער ברייט, נאָר אין דער לייַנג, פון אויבן אַראָפּ און אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט זיבן הערנער און פיר לאָקן זייַנען אים געהאָנגען ביז די טריט פון די פיס.

אויף די הענט האָט ער געהאַט נעגל, ווי אַ לייב, און די פיס זייַנען געווען ענלאַך צו די פיס פון אַ העלפאַנד מיט קאָ-פּיטעס פון אַן אייזל.

באַלד ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט ער אַ קוש גע-טאָן דעם שטויב פון מיימונעכס פיס און האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, מיין גאָלדענע פּרינצעסין, זאָג מיר, וואָס פאַרלאַנגסטו?“

האָט די שדיכע געזאָגט:

„אָ, קאַשראַש, איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט זיין דער ריכטער צווישן מיר און דעם פאַרשאָלטענעם דאַכנאַשן.

און זי האָט אים אויספירלאַך דערציילט, וואָס דאָ איז גע-שען.

האָט זי קאַשראַש גוט און אויפמערקזאַם אויסגעהערט און נאָכדעם האָט ער זיך צוגעקוקט צום יונגן פּרינץ און דער פּרינ-צעסין.

ביידע זייַנען געלעגן אַרומגענומען, ווי צוויי קליינע קינ-דער און ביידע זייַנען געווען אויסערגעווייגלאַך שיין און ביידע זייַנען געווען ענלאַך צו אייַנאַנדער.

קאַשראַש האָט לאַנג געקוקט אויף זיי און נאָכדעם, ווי ער האָט דעקלאַמירט אַ ליד, האָט ער זיך אָנגערופן צו דער שדיכֿע:

„ביי גאָט, ביידע זייַנען וואונדערלאַך שיין און ביידע זיי-

נען ענלאַך צו איינאַנדער, ווי אַ צווילינג. אָבער ווער איז פּאָרט שענער פון זיי ביידן, איז שווער צו זאָגן, מחמת זיי געהערן נישט צו איין געשלעכט. דאָך קאָן מען יאָ פאַרענטפערן דידאָ-ויקע פראַגע און דוקא, ווי מיר שיינט, אויף אַזאַ אופן: מען באַדאַרף אויפוועקן איינעם, אָן דעם וויסן פון צווייטן, און ווער עס וועט זיך גיכער און שטאַרקער איינליבן, דער באַדאַרף גע-האַלטן ווערן פאַר ווייניקער שיין.

איז מיימונעכן זייער געפעלן בעוואָרן דידאָזיקע עצה און זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, קאַשראַש, דו האָסט געגעבן זייער אַ גוטע עצה און איך בין פולקום איינשטימיק מיט דיר."

„און איך אויך",—האָט זיך דאַכנאַש אָנגערופן.

באלד דערויף האָט זיך דאַכנאַש פאַרוואַנדלט אין אַ פלוי, וואָס האָט קאַמאַר-עס-זעמאַנען אַ ביס געטאָן אין האַלז און אין אַ צאַרטן אָרט.

האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן תיכף-ומיד אויפגעכאַפּט און אַ קראַץ געטאָן דאָס איינגעביסענע אָרט.

נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט, אָבער דאָ האָט ער דערזען, אַז נעבן אים ליגט עפּיס אַ ווייכע און אַ ווארימע זאַך, וואָס שמעקט ווי אַ בלום אין פרי-לינג. האָט ער זיך זייער געחדושט און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן געלעגער.

דעמאָלט האָט ער זיך בעסער צוגעקוקט און האָט דערזען, אַז מיט אים צוזאַמען אויפן געלעגער שלאָפט אַ מיידל, וואָס זעט-אויס, ווי די לבנה.

דאָס מיידל איז נאָך אַפילו זייער יונג, אָבער זי האָט שוין אַ הויכע צייטיקע ברוסט, און די בעקלאַך בליען איר, ווי רויזן.

האָט דער פּרינץ נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון איר און אַז ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט, האָט ער געזען, אַז זי איז נאָך שענער פון דער לבנה און אַז זי טראָגט אַ ווענע-ציאַנישן העמד מיט גאָלדענע האַפטונגען, אַז אויפן קאָפּ האָט

זי אַ קרוין פון דימענטן און ברילִיאַנטן און אויפן האַלז טראָגט
זי אַ האַלזבאַנד פון גאָלד און פערל.

און דער יונגער פּרינץ האָט זיך פאַרשעמט און פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן:

„עס געשיט שטענדיק דאָס, וואָס גאָט וויל, און דאָס, וואָס גאָט וויל נישט, געשיט נישט.“

נאָכדעם האָט ער זי איבערגעקערט צו זיך און גענומען זי וועקן, אָבער זי האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט, ווייל דער שייטאַן האָט זי גוט פאַרשלעפערט.

דעמאָלט האָט זי קאַמאַר-עס-זעמאַן גענומען שטויסן מיט אַ צאַרטער באַוועגונג און דערביי האָט ער געזאָגט:

„שטיי-אויף, מיין געליבטע, און גיב אַ קוק אויף מיר. זע, ווער איך בין. איך בין קאַמאַר-עס-זעמאַן, אַ יונגער פּרינץ.“

אָבער די פּרינצעסין האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט און האָט די אויגן נישט געעפנט און ער איז אַ שעה צייט געזעסן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און האָט ביי זיך געטראַכט: „אויב איך בין מיך נישט טועה, מוז עס זיין די כלה, וואָס דער פאָטער האָט אויסגעפונען פאַר מיר, איך זאָל מיט איר חתונה-האָבן. דריי יאָר צייט האָב איך מיך פעסט געהאַלטן און האָב אים אַלעמאָל אָפּגעזאָגט, אָבער מאָרגן מוז איך אים, מיט גאָטס הילף, זאָגן: פאָטער, מאַך מיך חתונה מיט איר. איך וויל אַן איבעריקן טאָג נישט וואַרטן און וויל וואָס שנעלער זיך איינזויגן אין איר לייב און טרינקען פון איר שיינקייט.“

און מיט דער־דאָזיקער מחשבה האָט ער זיך אָנגעבויגט צו צו איר און זי געוואָלט אַ קוש טאָן.

דאָ האָט זיך מיימונעס דערשראָקן און איז בלאַס געוואָרן און דאַכנאַש, ווידער, איז געשפּרונגען פון התפעלות און פרייד.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך דער יונגער פּרינץ באַדאַכט און זיך אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר גאָט און האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

„איך וועל מיך בעסער איינהאַלטן,—האָט ער געטראַכט—מיין פאָטער איז בייז אויף מיר און האָט מיך אומישנע פאַר-

שפּאַרט אין דעמדאָזיקן טורם. דערבײַ האָט ער אַוועקגעלייגט נעבן מיר דידאָזיקע פּרינצעסין. ער וויל מיך אויספּרובן, און ווען איך זאָל זי אַ קוש טאָן, וואָלט זי אים זיכער דערציילט, און פאַר מיר וואָלט עס נישט געפּאַסט און דאָס וואָלט מיך פאַרמאוסט אין זײַנע אויגן. דער פּאָטער האָט זיך, קען זײַן, באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל און קוקט מיר נאָך און אויף מאָרגן וואָלט ער מיר געקאָנט זאָגן: „ווי אַזוי זאָגסטו, אַז דו ווילסט נישט חתונה-האָבן, ווײַבאַלד איך האָב אַליין געזען, ווי דו האָסט געקושט דידאָזיקע פּרינצעסין?“ וועל איך מיך גלײַכער אײַנהאַלטן און נישט הערן זײַנע שטראָף-רייד. איך וועל דאָס מיידל נישט אָנרירן און וועל אַפילו נישט קוקן אויף איר. אָבער איך וועל נעמען בײַ איר עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל מיר קאָנען דינען פאַר אַן אָנדייַנק, כּדי מיר זאָלן שפּעטער איינאַנדער דער-קאָנען.“

און באַלד דערויף האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן אָנגענויגט און האָט אַראָפּגענומען דאָס רינגעלע פון איר קליינעם פינגערל.

דאָס איז געווען זייער אַ טייער רינגעלע מיט אַ וואונדער-לאַכן בריליאַנט, אַרום וועלכן עס איז אויסגעקריצט געווען דאָס-דאָזיקע ליד:

מײַן פרײַנט, איך האָב דײַן וואָרט נאָך נישט פאַרגעסן,
אָ, גלויב, איך וועל עס שטענדיק טראָגן אין זכּרון.
בײַ גאָט, איך וועל מיט דיר זיך נישט צושיידן
און וועל דיר קושן אין די אויגן, אין די אויגן.

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אָנגעטאָן דאָסדאָזיקע רינגעלע אויף זײַן קליינעם פינגער, האָט זיך אומגעדרייט אויפן געלעגער און איז אײַנגעשלאָפן.

אַז די שדיכע מיימונעך האָט עס דערזען, האָט זי זיך זייער דערפרייט און געזאָגט צו די שייטאַנעס:

„האָט איר געזען, ווי מײַן געליבטער פּרינץ האָט זיך אָפּגעקערט פון דער פּרינצעסין? אָט האָט איר דעם בעסטן סימן, אַז ער איז שענער פון איר. ער האָט, אמת, זייער באַוואונדערט דער פּרינצעסינס שיינקייט און רייץ, דאָך האָט ער זיך אומ-

געקערט צו איר מיטן רוקן און איז איינגעשלאָפן.״

און ביידע שייטאַנעס האָבן אָפּגעענטפערט:

„יאָ, מיר זיינען ביידע געווען עדות פון זיין איידעלער אויפפירונג.״

איצט האָט זיך מיימונעך פאַרוואַנדלט אין אַ פלוי און איז אַרונטערגעשפּרונגען אונטערן העמד פון דער פרינצעסין און האָט זי אַ ביס געטאָן.

דעמאָלט האָט די פרינצעסין געעפנט די אויגן, זיך אַנידערגעזעצט אויפן געלעגער און האָט דערזען נעבן זיך אַ שלאָפנדיקן יונגלינג, שיין ווי די לבנה. געהאַט האָט דער יונגלינג בעקלאַך, ווי רויזן און ליפּן, ווי סאָלייִמאַנס זיגל.

און די יונגע פרינצעסין האָט מיט אַמאָל דערשפּירט אַ שטאַרקן ליבע־ציטער און זי האָט ביי זיך געטראַכט: „דערדאָזיקער יונגלינג איז מיר אַ פרעמדער און איך קאָן אים נישט, אָבער פאַרוואָס ליגט ער מיט מיר אויף איין געלעגער?״

נאָכדעם האָט זי אים נאָכאַמאָל באַטראַכט און האָט דריי מאָל געגאַפט פון זיין שיינקייט און רייץ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַרויסגעזאָגט:

„ביי גאָט, דערדאָזיקער יונגלינג איז שיין, ווי די העלע לבנה און מיין האַרץ קלאַפּט פון ליבע צו אים און אַ פייער האָט ער אָנגעצונדן אין מיין נשמה. איך שווער ביי גאָט, אַז מיט אים וואָלט איך יאָ חתונה־געהאַט, ווען מען לייגט מיר אים פאָר פאַר אַ חתן. וואָרום נאָך אַזאַ שיינעם יונגלינג האָב איך קיינמאָל נישט געזען.״

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט די פרינצעסין בוכֿור אַ קוק געטאָן דעם פרינץ אין פּנים אַריין און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! אָ, געליבטער פון מיין האַרץ, ליכט פון מיינע אויגן. שטיי־אויף פון שלאָף און גיב אַ קוק אויף מיר.״

און זי האָט אים גענומען שטויסן.

אָבער מיימונעך, וואָס האָט נישט געוואָלט, ער זאָל אויפשטיין פון שלאָף, האָט אים באַדעקט מיט אירן אַ פליגל, איז ער נאָך שטאַרקער פאַרזונקען אין דער ממשלה פון שלאָף. די

פרינצעסין בוכור האָט אים אַלץ געשטויסן און געוועקט און גע-
זאָגט פאַר זיך:

„איך בעט דיך אין נאָמען פון מיין לעבן, שטיי-אויף פון שלאָף און נעם מיך אַרום. שלאָף מער נישט.״

אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט נישט געענטפערט. ער איז זיך אַלץ געשלאָפן און די פרינצעסין האָט ווייטער געזאָגט:

„שוין-זשע ביזטו אויך אַזוי שטאָלץ, ווי דו ביזט שיין? וואָרום אויב דו ביזט שיין, בין איך דאָך אויך שיין. שוין-זשע קאָנסטו זיין גלייכגילטיק צו מיר? שוין-זשע איז דיר פאַרבאָטן צו ריידן מיט מיר? שוין-זשע בין איך דיר נישט ווערט?״

האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן געעפנט די אויגן פון שלאָף, איז די פרינצעסין געבליבן זיצן אין גרויס שטיינונג און גאַפונג. זי האָט געקוקט אויף אים און געזיפצט און גערעדט:

„אָ, ליכט פון מיינע אויגן, אָ, געליבטער פון מיין האַרץ! רייד מיט מיר, ענטפער מיר! זאָג מיר, ווי הייסטו, ווייל מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט דיינעם.״

אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט געשלאָפן און האָט גאָרנישט געענטפערט, און די פרינצעסין האָט אים אַלץ געשטויסן און גערעדט צו אים און אַז זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, האָט זי דערזען איר רינגעלע אויף זיין קליינעם פינגער, און האָט אויס-געשריען:

„אָ, מיין געליבטער! איצט ענטפערסטו מיר נישט, אָבער בשעת איך האָב געשלאָפן, ביזטו געקומען צו מיר. אָבער זע, ווי טריי איך בין דיר: איך וועל נישט צונעמען דאָס רינגעלע פון דיין פינגער. איך וועל דיר אים נישט אויסטאָן. מעגסט זיין רוהיק, איך בין דיינע.״

דערזען, אַז זי קאָן אים נישט אויפוועקן, האָט זי אַראָפּ-גענומען פון זיין האַנט זיינס אַ רינגעלע און האָט עס אָנגעטאָן אויף איר קליינעם פינגער, נאָכדעם האָט זי אַ קוש געטאָן דעם פרינץ אין די ליפּן און אַרומגענומען אים און פון דאָסניי שטאַרק איינגעשלאָפן.

דעמאָלט האָט זיך מיימונעך זייער דערפרייט און געזאָגט:

„האָסטו שוין געזען, פאַרשאָלטענער דראַכנאָש, ווי דיין גע־ליבטע האָט זיך פאַרליבט אין מיין געליבטן? אָבער ווי שטאָלץ און מאַיעסטעטיש ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר. איצט ווייסן מיר שוין, ווער עס איז שענער, אָבער איך וויל פון דיר גאָר־נישט נעמען און בין דיר מוחל דיין איינגעשפּאַרטקייט."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אים אַרויסגעגעבן אַ בלאַנק מיט אַ זיגל, אַז ער איז פריי, און האָט זיך אָנגערופן צו קאַשראַשן:

„העלף אים איבערטראָגן די פרינצעסין אויף איר אַלטן אָרט, וואָרום די נאַכט איז שוין באַלד אַריבער און איך האָב נאָך נישט אָפּגעטאָן מיינע נויטיקע אַרבעטן."

האָט קאַשראַש געהאָלפן דאַכנאָשן: ביידע האָבן גענומען די פרינצעסין און זי אַוועקגעטראָגן אין כינע צו איר אין פּאַ־לאַץ אַריין און אַוועקגעלייגט זי אויף איר שטענדיקן גאָלדענעם געלעגער.

מיימונען אָבער איז געשטאַנען נאָך אַ קליינע ווײַלע נעבן דעם שלאָפנדיקן פרינץ און איז נאָכדעם אַוועקגעפלויגן צו איר טייכל.

פאַרטאָג האָט זיך קאַמאַר־עס־זעמאַן אויפגעכאַפּט, און אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער נישט געפונען די פרינצעסין. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן צו זיך:

„וואָס באַדייט עס? מיין פאָטער האָט, דאַכט זיך, געוואָלט, איך זאָל חתונה־האָבן מיט דערדאָזיקער מיידל. ער האָט מיר געגעבן דאָס מיידל און האָט דערוועקט אין מיר ליידנשאַפט און איצט האָט ער זי מיר צוגענומען און זי אַוועקגעפירט, מיין ליידנשאַפט זאָל נאָך שטאַרקער ווערן."

נאָכדעם האָט ער אַ רוף געטאָן דעם האַרעמדינער, וואָס האָט געשלאָפן ביי דער טיר, און האָט געזאָגט:

„שטיי־אויף, אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט!"

איז דער האַרעמדינער באַלד אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַ צומישטער און האָט געעפנט די אויגן. באַלד דערויף איז ער אַוועק און געבראַכט אַ טאַז און אַ האַנדפאַס צום וואַשן זיך.

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַרומגע-וואַשן און אָנגעהויבן די פרימאָרגן-תּפילה און זיך צוריק אַראָפּ-געלאָזט אויף זיין געלעגער מיט דער תּפילה אויף די ליפּן. דערזען, אַז דער האַרעמדינער שטייט און וואַרט אויף עפּיס אַ באַפעל, האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, סאַוואַק! ווער איז דאָ געווען ביינאַכט און ווער האָט מיר דאָ אַוועקגענומען דאָס מיידל, וואָס איז געשלאָפן מיט מיר אויפן געלעגער?"

האָט דער האַרעמדינער געפרעגט:

„אָ, מיין האַר, וואָס פאַר אַ מיידל מיינסטו? וואו איז דאָ געווען אַ מיידל?"

האָט דער פּרינץ געזאָגט:

„אַ מיידל, וואָס האָט מיט מיר ביינאַכט געשלאָפן. איך האָב איר ברוסט געהאַלטן אין מיין האַנט."

האָט זיך דער האַרעמדינער פאַרשעמט פון דידאָזיקע ווער-טער און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, דו האָסט אַ טעות. דאָ איז קיין שום מיידל נישט געווען. און ווי אַזוי האָט געקאָנט אַריין אַהער אַ מיידל, אַז די טיר איז געשלאָסן און אַלץ איז צוגעשפּאַרט? מיין האַר, איך שווער ביי גאָט, אַז אַהער האָט קיין שום מענטש נישט אַריינגעדרונגען."

איז דעם פּרינץ אַריינגעפאַלן אין פּנים דאָס בלוט פון אויפרעגונג און כּעס און ער האָט געזאָגט:

„אויסוואורף, וואָס דו ביזט, דו לייגסט! שוין-זשע ביזטו מיין גלייכן און קאָנסט מיך גענאַרן און זאָגן ליגן? ענטפער! וואו איז דאָס מיידל, וואָס האָט מיט מיר געשלאָפן די נאַכט?"

האָט זיך דער האַרעמדינער דערשראָקן און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך האָב קיינעם נישט געזען—נישט קיין פרוי, נישט קיין מאַן."

איז קאַמאַר-עס-זעמאַן אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויס-געשריען:

„אומגליקלאַכער מענטש, וואָס דו ביזט! מען האָט דיך

געהייסן, דו זאָלסט מיך געגאַרן. קום אָקאָרשט אַהער צו מיר געגנטער."

איז דער האַרעמדינער צוגעגאַנגען נענטער און קאַמאַר-עס זעמאַן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלז און אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע, און נאָכדעם ווי ער האָט אים גוט צוגעדריקט מיט דער קני, האָט ער אים אַזוי לאַנג געשלאָגן און געשטיקט, ביז יענער האָט געחלשט.

נאָכדעם האָט ער אים אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און אַראָפּגעלאָזט אין טייך אַריין.

דרויסן איז געשטאַנען אַ גרויסער פראָסט.

עטלאַכע מאָל האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און עטלאַכע מאָל צוריק אַרויסגעצויגן, און דער האַרעמדינער האָט געשריען און געיאָמערט און גערופן מענטשן צו הילף. אָבער אויף זיינע גוואַלדן האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן געענטפערט:

„אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט, איך וועל דיך נישט אַרויס-ציען פון וואַסער, כל-זמן דו וועסט מיר נישט זאָגן דעם אמת וועגן דער מיידל מיט דער וואַרימער ברוסט. ווער האָט מיר אַוועקגענומען דאָס מיידל?"

און דער האַרעמדינער, ביזן האַלז אין קאַלט וואַסער, האָט זיך פון אונטן אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, צי מיך אַרויס פון טייך, וועל איך דיר זאָגן די גאַנצע וואָרהייט."

דעמאָלט האָט אים קאַמאַר-עס-זעמאַן אַרויסגעצויגן פון טייך און דער האַרעמדינער האָט געציטערט פון קעלט, ווי אַ בלאַט אין הערבסט.

אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט און אויף די קליידער איז אים געפראָרן געוואָרן דאָס וואַסער. אָבער אַז ער איז עט-וואָס געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, איך מוז מיר פריער אַראָפּציען די קליי-דער און אויסטריקענען זיי, און ערשט נאָכדעם, אַז איך וועל מיך איבערטאָן אין טרוקענע מלבושים, וועל איך מיט דיר קאָ-נען ריידן, דעמאָלט וועל איך דיר דערציילן די גאַנצע געשיכ-

טע מיט דערדאָזיקער מיידל.

האָט אים דער פרינץ באַמערקט:

„אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט! דו וואָלסט מיר זיכער געאָרנישט געזאָגט, ווען איך וואָלט דיר נישט מכבד-געווען מיטן טעם פון טויט. גיי, טו דיך איבער, אָבער מאַך דאָס שנעל, און דערצייל מיר די געשיכטע מיט דער מיידל.״

האָט דער האַרעמדינער זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, אַז ער לעבן נאָך. איז ער באַלד אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער און פון דאָרט האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אין די נאַסע קליידער צו שאַך-זעמאַן אין פּאַלאַץ אַריין, וואו ער האָט אויך געטראָפן דעם וויזיר. ביידע האָבן געשמועסט וועגן דעם יונגן פּרינץ.

דער סולטאַן האָט געזאָגט:

„די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. דאָס האַרץ האָט מיר אַלץ וויי-געטאָן פאַרן זון. אין דעם אַלטן טורם קאָן אים אַמאָל געשען עפּיס שלעכטס. ווער ווייס, וואָס אין אַזאַ טורם קאָן געשען.״

אָבער דער וויזיר האָט באַמערקט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, שרעק זיך נישט. וואָס קאָן דאָרט מיט דיין זון געשען? לאָז אים איבער דאָרט אויף אַ חודש צייט, וועט ער זיך זיכער אויסניכטערן און אונטערגעבן.״

אָבער דאָ איז אַריינגעלאָפן דער האַרעמדינער, אַ נאַסער, בלוי פון קעלט, מיט אַרויסגעקאַטשעטע אויגן פון שרעק, מיט קלאַפּנדיקע ציין און האָט זיך אָנגערופן צום סולטאַן:

„אָ, גרויסער און לייטזעליקער מלך! זיי וויסן, אַז דיין זון איז משוגע געוואָרן און זע, וואָס ער האָט מיט מיר געמאַכט. ער טענהט אַלץ, אַז ער האָט ביינאַכט געשלאָפן מיט אַ מיידל און פאָדערט דורך שטאַרקע קלעפּ, וואָס ער האָט מיר געגעבן, איך זאָל אים דערציילן איר לעבנסגעשיכטע, אָבער עס איז גאָר קיין מיידל נישט געווען.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער סולטאַן בלאַס געוואָרן און אויסגעשריען:

„אָ, וואָס איז מיט דיר געשען!“
און צום ווזיר האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, פול גרימצאָרן און פאַרביטערונג, און געזאָגט:
„גיי די מינוט צום טורם און גיב אַ קוק, וואָס איז מיט מיין זון געוואָרן.“
איז דער ווזיר אַוועק, אָבער ער האָט זיך אַזוי געשראָקן, אַז ער האָט ווײַלעווײַז אַרויפגעטראָטן אויף די פּאָלעס פון זיין לאַנגן מאַנטל, און צוזאַמען מיטן האַרעמדינער איז ער אַריין אין טורמצימער.
די זון איז שוין אויפגעגאַנגען, און דער ווזיר האָט געטראָפן דעם פּרינץ אין בעט. ער איז געזעסן מיט די פיס אונטער זיך, אַ פאַרטראַכטער און אַן אומעטיקער.
האָט זיך דער ווזיר אַנידערגעזעצט נעבן אים און געזאָגט:
„אָ, מיין האַר, דערדאָזיקער אומגליקלאַכער שקלאַף האָט געבראַכט אַ שרעקלאַכע בשורה, וואָס האָט שטאַרק דערשראָקן און אויפגערעגט דעם מלך.“
האָט דער פּרינץ געפרעגט:
„וואָס האָט ער געקאָנט דערציילן וועגן מיר?“
דערויף האָט דער ווזיר געזאָגט:
„דערדאָזיקער האַרעמדינער איז געקומען צו אונז אַ נאַסער און אַ דערפּראָרענער און האָט אונז עפּיס פאַרציילט. גאָט זאָל דיך באַשיצן און באַשירמען. דערדאָזיקער האַרעמדינער האָט געזאָגט אַזאַ ליגן, אַז מען טאָר אים נישט איבערחזרן. זאָל אַלאַ שוינען דיין פאַרשטאַנד און דיך אָפּהיטן פון שלעכטע מעשים.“
אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט געפרעגט:
„וואָס האָט ער פּאָרט, דער אומגליקלאַכער שקלאַף, דערציילט?“
האָט דער ווזיר געזאָגט:
„ער האָט אונז דערציילט, אַז דו ביזט משוגע געוואָרן און אַז ביינאַכט איז ביי דיר געווען אַ מיידל. אָ, מיין טייערער פּרינץ, וואָס זיינען עס פאַר אַ ווערטער.

דעמאָלט איז קאַמאַר-עס-זעמאַן זייער בייז געוואָרן און האָט זיך אָנגערופן צום ווזיר:

„איצט זע איך, אַז איר האָט אָנגעלערנט דעם האַרעמדינער, ער זאָל זיך באַגיין מיט מיר אַזוי, ווי ער איז זיך באַגאַנגען. איר האָט אים פאַרווערט צו ריידן מיט מיר וועגן דער מיידל, וואָס האָט געשלאָפן מיט מיר די נאַכט. אָבער דו, ווזיר, ביזט דאָך עפּיס קליגער פון דעם האַרעמדינער, טאָ זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז געוואָרן מיטן מיידל, וואָס האָט געשלאָפן מיט מיר? דאָס האָט זי מיר געבראַכט דער פאָטער און אַנידערגעלייגט זי אויף מיין געלעגער, אָבער אינדערפרי, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז זי שוין נישט געווען. זאָג מיר, ווזיר, וואו איז זי? איך בייגק נאָך איר ברוסט."

האָט דער ווזיר געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, קאַמאַר-עס-זעמאַן, אַלאַ זאָל דיך באַשיצן און באַשירמען. איך פאַרזיכער דיך מיט מיין סאַמע וואָרהאַפטיקסטן וואָרט, אַז מיר האָבן קיינעם נישט געשיקט צו דיר ביינאַכט, אַז דו האָסט געשלאָפן אַליין און די טיר איז געווען צוגעשפּאַרט און צוגעשלאָסן און דער האַרעמדינער האָט געשלאָפן הינטער דער טיר. איך בעט דיך, קום צום שכל און פּייניק נישט מער—נישט זיך, נישט דעם צווייטן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער יונגער פּרינץ אָנגעצונדן געוואָרן פון גרימצאָרן און אויסגעשריען:

„וויסן זאָלסטו, ווזיר, אַז דאָסדאָזיקע מיידל איז מיין געליבטע און אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ שיינע, ווי זי."

האָט זיך דער ווזיר זייער געחדושט און געפרעגט:

„צי האָסטו געזען דאָסדאָזיקע מיידל אין חלום אָדער בייטאָג וואָר? צי האָסטו זי געזען מיט די אייגענע אויגן?"

און דער פּרינץ האָט ווידער אויסגעשריען:

„אַך, דו אומגליקלעכער זקן, וואָס דו ביזט! שוין-זשע מיינסטו, אַז איך האָב זי געזען מיט די אויערן? ניין, איך האָב זי געזען מיט די אייגענע אויגן און אויפן וואָר און איך האָב

בעת־מעשה נישט געשלאָפן, ווייל איך בין געזעסן און האָב מיך געקוויקט מיט איר און אין מיינע הענט געהאַלטן אירע וואַרי־מע בריסט. איצט הערסטו קלאָרע רייד? איך האָט איר אַפילו אָנגעזאָגט, זי זאָל מיט מיר נישט ריידן און זאָל זיך מאַכן שלאָפנדיק. דעמאָלט בין איך אויך איינגעשלאָפן, אָבער אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך זי שוין נישט געפונען."

און דער פרינץ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט אָנגעכאַפּט דעם וויזיר פאַר דער באָרד. דער וויזיר האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט צוויי מאָל אַרומגע־דרייט מיט איר די האַנט און האָט די האַנט אַזאַ שלעפּ געטאָן צו זיך, אַז דער וויזיר האָט אויסגעקאַטשעט די אויגן און האָט שוין געטראַכט, אַז זיין לעצטע מינוט איז אָנגעקומען.

אָבער קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט און האָט אַזוי לאַנג געפּאַטשט און געשלאָגן און געשטיקט דעם וויזיר, ביז יענער איז געבליבן ליגן אַ געחלשטער. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, אַז דער וויזיר איז געקומען צו זיך, האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין גרויסע יסורים און פּיין: „אויב דער הערעמ־דינער האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען פון זיינע פּאַטשנדיקע און שלאָגנדיקע הענט דורך אַ ליגן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך דאָס אויך נישט טאָן? ער איז אַ ביטערער יונג און מיט אים קאָן מען דאָ קיין מחזקות נישט מאַכן, אויב איך וועל מיך איצט נישט ראַטעווען, וועט זיכער קומען אַ סוף צו מיין לעבן."

האָט דער וויזיר געעפנט די אויגן און זיך אָנגערופן צום פּרינץ קאַמאַר־עס־זעמאַן:

„אָ, מיין האַר, זיי נישט בייז אויף מיר, וואָרום דיין פאָ־טער, דער מלך האָט מיך געבעטן, איך זאָל פאַרבאָרגן פון דיר דאָס מיידל. איצט אָבער בין איך זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון דיינע קלעפּ. דו זעסט דאָך, אַז איך בין אַלט און שוואַך. לאָז־זשע מיר פריער אָפּרוהען, קומען צו זיך און דערנאָך וועל איך דיר שוין אויספירלאַך דערציילן פון אַלץ און איבערהויפּט, באַטירלאַך, פון דער מיידל."

האָט אים דער פרינץ אָפּגעלאָזט און געזאָגט:

„פאַרוואָס ביזטו פלוצלינג אַזאַ גוטער געוואָרן און ווילסט מיר דערציילן פון דער מיידל? מסתמא האָבן די קלעפּ געווירקט, האַ? אָ, געבענטשט זאָלן זיין מיינע שלאָגנדיקע און פּאַטשנדיקע הענט! נו, הויב דיך אויף, אומגליקלאַכער זקן, וואָס דו ביזט און דערצייל מיר די גאַנצע געשיכטע, אָבער אויספירלאַך.״

האָט דער וויזיר זיך איבערגעווישט דאָס אויסגעפּאַטשטע געזיכט און אַ פרעג געטאָן:

„אָ, מיין האַר! ווילסטו, אַלזאָ, איך זאָל דיר דערציילן די געשיכטע מיט דער מיידל, וואָס האָט אַ רייצנדיק פּנימל און וואונדערשיינע פאָרמען?״

און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט געזאָגט:

„יאָ, אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט, דאָס וויל איך טאַקי. זאָג מיר, ווער האָט זי געבראַכט אַהער און ווער האָט זי מיר אוועקגעלייגט אויפן געלעגער און וואו איז זי איצט, ווייל איך וויל זי ווידער זען. און אויב מיין פאָטער, דער סולטאַן שאַך-זעמאַן האָט עס געטאָן צוליב דעם, כּדי ער זאָל מיך אויספּרובן, טאָ קאָנסטו אים זאָגן, אַז איך בין גרייט חתונה-צו-האָבן מיט איר כאָטש די מינוט. מיין פאָטער האָט דערוועקט אין מיר די ליבע צו איר און נאָכדעם האָט ער אונז צושיידט, איז דאָס גוט אַזוי? זאָג מיין פאָטער, דעם סולטאַן שאַך-זעמאַן, אַז איך וויל חתונה-האָבן מיט דער מיידל און פון אַן אַנדער מיידל וויל איך נישט הערן און נישט וויסן, ווייל איך בין פאַרליבט אין דער און מיין האַרץ ברענט צו איר, ווי אַ פייער. גיי גיכער צו מיין פאָטער, דעם סולטאַן שאַך-זעמאַן, און זאָג אים, אַז איך קאָן קיין איבעריקע מינוט נישט וואַרטן.״

האָט דער וויזיר זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, אַז ער איז נצול-געוואָרן פון די טויט-קלעפּ, איז ער באַלד אַרויס-געלאָפן פון טורם און מיט איין אָטעם אַריינגעלאָפן צום מלך אין פּאַלאַץ. האָט אים דער סולטאַן אַ פרעג געטאָן:

„אָ, מיין וויזיר, פאַרוואָס האָסטו אַזאַ מראה? זע, ווי דיין באָרד זעט-אויס. פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלאַס און דערשראָקן?

און דער וויזיר האָט געזאָגט:

„אָ, מיר איז זייער שלעכט, אָבער איך האָב פאַר דיר בייס!״

„וואָסערע בייס?״—האָט דער מלך געפרעגט.

און דער וויזיר האָט אויפגעהויבן די אויגן און די הענט אינדערהויך און מיט גרויס טרויער זיך אָנגערופן:

„אָ, גרויסער, אַלמעכטיקער מלך, זאָלסט וויסן, אַז דיין זון איז באמת משוגע-געוואָרן.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דעם מלך פינסטער געוואָרן אין די אויגן, און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין וויזיר, זאָג מיר, וואָס איז געווען די סיבה, וואָס מיין זון האָט פאַרלאָרן דעם קלאָרן פאַרשטאַנד?״

„איך הער און געהאָרך,״—האָט דער וויזיר געענטפערט און האָט באַלד אויפן אָרט דערציילט דעם מלך פון אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזען און געפילט און איבערגעלעבט ביים יונגן פרינץ.

אויסגעהערט דעם וויזירס ווערטער, האָט זיך דער מלך אָנגערופן:

„וויסן זאָלסטו, וויזיר, אַז פאַר דערדאָזיקער בשורה וועל איך דיר אָראָפּנעמען דעם קאָפּ און וועל ביי דיר צונעמען אַלץ, וואָס איך האָב דיר געשײנקט און געגעבן. דו ביזט דער אומגליקלאָכסטער פון אַלע וויזירן און דער געמיינסטער פון אַלע עמירן, איך ווייס, אַז דו ביזט שולדיק אין מיין זונס משוגעת, ווייל דו האָסט מיר שטענדיק געגעבן שלעכטע עצות. איך שווער ביי גאָט, אַז אַלץ וועט אויסגיין צו דיין קאָפּ. אָט הערסטו פון מיר ווערטער!״

נאָכדעם האָט זיך דער סולטאַן אויפגעהויבן און איז אַוועק מיטן וויזיר אין טורם, וואו עס איז געזעסן דער יונגער פרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן. אַז זיי זיינען אַריין צו אים אין צימער, איז דער פרינץ באַלד אויפגעשפּרונגען פון בעט און אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט פון פאָטער און פאַרנויגט דעם קאָפּ און פאַרלייגט די הענט אַהינטער און אַזוי געבליבן שטיין.

נאָכדעם האָט ער די אויגן, פול מיט טרערן, אויפגעהויבן

צום הימל און גענומען דעקלאַמירן אַן אומעטיק ליד וועגן ליבע און וואַרימע בריסט.

האָט דער אַלטער פּאָטער אַרומגענומען דעם פּרינץ און אַ קוש געטאָן אים צווישן די אויגן און אַנידערגעזעצט אים נעבן זיך אויף אַ דיוואַן. און צום וויזיר האָט ער זיך אָנגערופן מיט די דאָזיקע האַרבע ווערטער:

„אויסוואורף, פאַרוואָס האָסטו מיך געשראָקן און געלייגט?“

און באַלד דערויף האָט ער זיך געווענדט צום זון:

„אָ, מיין זון, זאָג מיר, וואָס פאַר אַ טאָג האָבן מיר היינט?“

האָט דער פּרינץ געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, היינט האָבן מיר שבת און מאָרגן זונטאָג און איבערמאָרגן מאָנטאָג און נאָכדעם דינסטאָג און נאָכדעם מיטוואָך און נאָכדעם דאָנערשטאָג און פרייטאָג און נאָכדעם ווידעראַמאָל שבת.“

„אָ, מיין זון,—האָט דער מלך ווייטער געפרעגט,—איך בעט גאָט, דו זאָלסט זיין געזונט און שטאַרק. זאָג מיר נאָר, ווי הייסט דער היינטיקער חודש אין אַראַביש?“

און דער פּרינץ האָט געזאָגט.

„אָ, מיין פאָטער, דער היינטיקער חודש הייסט אין אַראַביש זול-קעדען; דער צווייטער חודש הייסט זול-העיען, דער דריטער מאַגאַרם און אַזוי ווייטער.“

איז דער מלך זייער צופרידן געווען פון דעם זונס ענטפער, האָט ער אַ שפיי געטאָן דעם וויזיר אין פּנים אַריין און געזאָגט:

„אַך, דו אומווערדיקער זקן, וואָס דו ביזט! אַזוי האָסטו מיר געזאָגט, אַז מיין זון איז משוגע געוואָרן, בשעת עס איז גאָר געשען פאַרקערט—דו אַליין ביזט אַראָפּ פון זינען.“

האָט דער וויזיר אַפילו געוואָלט ענטפערן דערויף, אָבער ער האָט זיך בעסער מישב-געווען, אַז עס איז אַ סך גלייכער צו שווייגן און זען, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

נאָכדעם האָט זיך דער מלך ווידעראַמאָל אָנגערופן צום זון:

„אָ, מיין זון, וואָס האָסטו עפּיס געזאָגט דעם וויזיר און

דעם האַרעמדינער, אַז דו האָסט ביינאַכט געשלאָפן מיט אַ מיידל? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מיידל און ווי אַזוי איז עס געשען?״

האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן צולאַכט און געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, כלעבן, דו שפּאַסט שוין צופיל מיט מיר. און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיט מיר נישט ריידן וועגן דעם, ווייל איך בין שוין אַזוי אויך גענוג אויפגערעגט. דו האָסט זיך נישט גוט באַגאַנגען מיט מיר. זאָלסט וויסן, פאָטער, אַז איך וויל חתונה-האָבן, אָבער מיט דעם תנאי, איך זאָל באַקומען דאָס מיידל, וואָס האָט היינטיקע נאַכט געשלאָפן מיט מיר. קיין אַנדערע וויל איך נישט. איך בין זיכער, אַז דו האָסט זי מיר אומישנע צוגעשיקט, איך זאָל מיך איינליבן אין איר, און אינדערפרי האָסטו זי מיר צוגענומען, איך זאָל בייַנקען נאָך איר.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער סולטאַן בלאַס געוואָרן און האָט אויסגעשריען:

„אָ, מיין זון, זאָל דיך אַלאַ באַשיצן און באַשירמען און נעמען אונטער זיינע פליגלען! וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידל, וואָס איך האָב דיר היינטיקע נאַכט צוגעשיקט? איך שווער דיר ביי גאָט, אַז איך וויס נישט פון וואָס צו זאָגן. איך בעט דיך, מיין זון, רייד קלאָרע ווערטער, מחמת איך פאַרשטיי דיך נישט. דו האָסט זי אודאי געזען אין חלום נאָכדעם, ווי דו האָסט גוט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען? איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַ חלום. פאַרשאָלטן זאָל ווערן יענער, וואָס האָט מיר געגעבן אַן עצה דיך חתונה-צו-מאַכן. אָבער, מיין זון, דאָס איז זיכער אַ חלום.״

און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך אַ צאַפּל-געטאָן פון אויפרעגונג און זיך אָנגערופן:

„רייד נישט אַזוי און שווער מיר מיט אַלאַ, אַז דו קאָנסט נישט דאָסדאָזיקע מיידל און אַז דו ווייסט נישט, וואו זי איז אַצינד.״

האָט דער מלך געזאָגט:

„איך שווער ביי גאָט, אַז איך קאָן זי נישט און וויס נישט, וואו זי איז, אָבער איך גלויב, אַז דו האָסט זי נאָר גע-

זען אין חלום.״

דעמאָלט האָט דער יונגער פּרינץ אַזוי געזאָגט:

„איך וועל דיך עפּיס פרעגן, און פון דערדאָזיקער פראַגע וועלן מיר זען, צי דאָס איז אַ חלום, צי נישט. זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס וועסטו ענטפערן דעמיעניקן, וועלכן עס האָט זיך געחלומט אַ בלוטיקע שלאַכט, און ער באַטייליקט זיך אין איר, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געפונען אין דער האַנט אַ פאַרבלוטיקטן שווערד?״

„אָבער, מיין זון,—האָט דער פאָטער באַמערקט,—אַזוינס געשיט קיינמאָל נישט.״

האָבן זיך דעם פּרינץ אָנגעצונדן די אויגן און ער האָט געזאָגט:

„אויב אַזוי, וועל איך דיר אויספירלאַך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. צו האַלבע נאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און האָב דערזען, ווי נעבן מיר, אויף מיין געלעגער שלאָפט אַ מיידל, וואָס איז זייער ענלאַך צו מיר. האָב איך זי אַרומגענומען און זיך געסטאַרעט זי אויפצוּוועקן, אָבער מיר איז עס נישט געלונגען. דעמאָלט האָב איך אַראָפּגעצויגן פון איר קליי־ניטשקן פינגער אַ רינגעלע און אָנגעטאָן אויף מיין פינגער, און זי האָט אויך אַזוי געטאָן מיט מיר, בשעת איך האָב געשלאָפן. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון מיין האַנט אַ רינגעלע. איך האָב גע־מיינט, אַז דו האָסט זי מיר אומישנע צוגעשיקט און אַז דו קוקסט מיר נאָך ערגעץ אין אַ ווינקל. האָב איך מורא געהאַט אַ קוש צו טאָן זי, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט מיך פּאַקן דערויף און נאָכדעם צווינגען, איך זאָל חתונה־האָבן. פאַרטאָג האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און האָב נישט געפונען דאָס מיידל נעבן מיר, און דעריבער האָב איך געשלאָגן דעם וויזיר און דעם האַרעם־דינער. אָבער ווי וועסטו מיר דערקלערן די זאַך מיטן רינגעלע? זוען איך וואָלט עס נישט געהאַט, וואָלט איך, ווי דו, גערעכנט, אַז אַלץ איז געווען בלויז אַ חלום, אָבער איך טראָג אויף דער האַנט אַ רינגעלע, און דו אַליין קאָנסט זען, ווי שיין דאָס איז.״

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן דערלאַנגט

דעם פאָטער דאָס רינגעלע.

האָט דער אַלטער מלך באַטראַכט דאָס רינגעלע און גע־שטיינט און פאַרן קאָפּ זיך געכאַפּט און נאָכדעם זיך אָנגערופן צום זון:

„ביי גאָט, איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס און איך קאָן עס מיר נישט דערקלערן, און דאָס, וואָס איז געשען ביי־נאַכט צווישן דיר און דער מיידל, איז אַן אומפאַרשטענדלאַכע זאַך. איך ווייס אויך נישט, ווי אַזוי האָט דאָס מיידל געקאָנט אַריינדרינגען צו דיר און איך האַלט, אַז דער וויזיר איז שול־דיק אין אַלץ. איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט זיך באַרוהיקן. גאָט וועט דיר שוין זיכער שיקן אַ טרייסט אין דיין צער און דו וועסט אַרויס פון דיין נויט. איצט בין איך שוין איינגאַנצן זיכער, אַז דו ביזט געזונט און דיין פאַרשטאַנד געפינט זיך אין די ריכטיקע גרענעצן, אָבער די געשיכטע מיטן מיידל פאַרשטיי איך נישט.״

דערויף האָט דער יונגער פרינץ געזאָגט:

„איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט מיר אָפּ־זוכן דאָסדאָזיקע מיידל, וואָרום איך קאָן שטאַרבן פון בענקשאַפט נאָך איר. איך קאָן קיין איין טאָג נישט לעבן אָן איר. וואָרום איך האָב נישט קיין געדולט.״

האָט דער מלך אויפגעהויבן די האַנט און אויסגערופן:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! און מיט שׂכל אַליין וועסטו נאָך נישט פאַרשטיין די זאַך.״

נאָכדעם האָט ער גענומען דעם זון פאַר דער האַנט און האָט אים אַוועקגעפירט אין פּאַלאַץ, און דער פרינץ האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

לאַנג איז ער געלעגן אין בעט און דער פאָטער איז אים צוקאָפּנס געזעסן און נישט אָפּגעטראָטן פון אים — נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט.

איינמאָל האָט דער וויזיר זיך אָנגערופן צום מלך:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, וועסטו נאָך לאַנג זיצן פאַרבאָרגן און באַהאַלטן פון דיינע חילות און קיינער

וועט דיך נישט זען אויסער דיין זון? דערפון קאָנען אַרויסקומען גרויסע אונאָרדנונגען. דעריבער וואָלט איך דיר געראַטן, דו זאָלסט איבערפירן דיין זון אין פּאַוויליאָן אויפן ברעג ים. דאָרט וועסטו אויך קאָנען פאַרברענגען די צייט מיטן זון, אָבער צוויי טעג אין דער וואָך וועסטו זיך מוזן באַשעפטיקן מיט די מלוכה-ענינים. אין די דאָזיקע צוויי טעג וועלן קומען צו דיר גרויסע מלוכה-לייט און קריגסלייט און בכלל די אַלע, וואָס באַדאַרפן דיך זען. אַזוי אַרום וועט נישט ליידן די מלוכה און גאָט וועט שוין מציל-זיין דיין זון פון זיין קראַנקהייט.״

האָט דער מלך אויסגעהערט די ווערטער און האָט איינגעשטימט מיטן וויזיר. וואָרום דער מלך האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אין פאָלק קאָנען זיך אָנהויבן גרויסע מרידות.

האָט ער באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אַריבערפירן דעם זון אין יענעם פּאַוויליאָן, וואָס שטייט אויפן ברעג פון ים.

די פענסטער פון דעם דאָזיקן פּאַוויליאָן זיינען אַרויסגעקומען צום ים, וואו די כוואַליעס האָבן טאָג און נאַכט געשפּילט אַנטקעגן דער זון.

האָט מען אַריינגעטראָגן אין פּאַוויליאָן נייע טעפּיכער און אויפגעהאָנגען נייע גאַרדינען, אויסגעהאַפט מיט גאָלד און פּערל.

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אַזוי שטאַרק געליטן פון ליבע-יסורים, אַז ער איז געוואָרן בלאַס און מאָגער און שוואַך און דער פאָטער איז שטענדיק געזעסן נעבן אים און האָט שטענדיק געוויינט, אָבער צוויי טעג אין דער וואָך פלעגן קומען צו אים אין פּאַוויליאָן אַלע מלוכה-לייט און קריגסלייט און אין די דאָזיקע צוויי טעג פלעגט דער מלך זיך באַשעפטיקן מיט מלוכה-ענינים און פאַרענטפערן אַלע מלוכה-פראַגן, און די צייט איז דערווייל געגאַנגען איר וועג.

וואָס איז אָבער געשען מיט דער פּרינצעסין בודור, די טאָכטער פון דעם מלך על-האַיור, דעם הערשער פון די אינזלען און די זיבן פּאַלאַצן? איצט וועלן מיר באַקומען אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן.

אַז דער שייטאַן האָט זי אויף די פליגלען געבראַכט אַהיים און אַריינגעלייגט זי צוריק אין בעט אַריין, איז שוין כמעט פאַרגאַנגען די נאַכט. אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט זיך די פרינצעסין אויפגעכאַפּט און זיך אַוועקגעזעצט אין בעט און גע- נומען זוכן דעם פרינץ.

אָבער דער געליבטער, וואָס איז פריער געלעגן מיט איר אין בעט, איז איצט נישט געווען. האָט זי זיך זייער אויפגע- רעגט און זי האָט גענומען שרייען פון גרויס עגמת-נפש.

האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַלע אירע שקלאַפינס און ניאַניעס און זיינען אַריינגעלאָפן צו איר אין צימער, און איינע, די עלטסטע פון זיי, האָט זיך אָנגערופן:

„וואָס איז מיט דיר געשען, אָ, מיין האַרין?"

האָט די פרינצעסין געזאָגט:

„אַך, דו העסלאַכע זקנה, פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן! זאָג מיר, וואו איז דער יונגלינג, דער וואונדערשיינער יונגלינג, וואָס האָט היינט ביינאַכט געשלאָפן אין מיינע אָרימס? זאָג מיר, וואו- הין איז ער אַוועק?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער שקלאַפין פינסטער געוואָרן אין די אויגן און זי האָט זיך אָנגערופן מיט גרויס שרעק:

„אָ, פרינצעסין בוכור, פאַרוואָס רעדסטו מיט מיר אַזוי?"

אָבער די פרינצעסין האָט אויסגעשריען:

„אַך, דו העסלאַכע זקנה, וואָס דו ביזט! דו מוזט מיר שוין זאָגן, וואו איז דער יונגלינג מיט די שטערנאויגן, מיט די פאַרייניקטע ברעמען, וואָס האָט ביז באַגינען געשלאָפן אין מיינע אָרעמס און איך האָב אים צוגעדריקט צום האַרצן."

האָט די אַלטע אויפגעהויבן די הענט צום הימל און גע- שוואָרן, אַז זי ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן.

„ביי גאָט,—האָט זי זיך אָנגערופן,—איך האָב קיין שום יונגלינג נישט געזען און איך בעט דיך, דו זאָלסט קומען צום שכל און נישט ריידן דאָס, וואָס פאַסט זיך נישט פאַר דער צונג פון אַ פרינצעסין. ווארום אַז דער מלך וועט עס דערהערן,

וועט ער אַריינפאַלן אין גרימצאָרן און וועט דיך באַשטראָפן מיט דער האַרבסטער שטראָף."

אָבער די פּרינצעסין האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט:

„אַלטע, האַרץ! אַ קלאָרער מענטש רעדט מיט דיר. ביינאַכט האָט דאָ געשלאָפן אַ וואונדערשיינער יונגלינג, וואָס האָט געפאַנגען מיין האַרץ."

און די אַלטע האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„זאָל גאָט דיר אָפּהיטן דיין שכל. דאָ איז קיינער נישט געווען. קיינער האָט דאָ די טיר נישט געעפנט."

דעמאָלט האָט די פּרינצעסין בוכור אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט און האָט דערזען, אַז זי טראָגט קאַמאַר-עס-זעמאַנס רינגעלע, און איר אייגן רינגעלע איז נישטאָ, האָט זי געזאָגט צו דער עלטסטער שקלאַפין:

„אַך, דו אַלטע ליגנערין! צי מיינסטע באמת, אַז דיינע שבועות האָבן עפּעס אַ ווערט און אַז איך גלויב דערין, וואָס דו רעדסט?"

האָט די שקלאַפין געזאָגט:

„איך האָב דיך נישט גענאַרט און האָב דיר געשוואָרן מיט אַ ריינעם האַרץ."

דערהערט דידאַזיקע ווערטער, איז די פּרינצעסין אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, האָט זי געכאַפּט אַ מעסער און זיך געוואָרפן אויף דער שקלאַפין, אָבער אין דער אייגענער רגע זיינען אַריינגעלאָפן די הויפדינער מיט די שקלאַפינס און האָבן ארויסגעכאַפּט פון אירע הענט דאָס מעסער און אַנידערגעזעצט זי אויף אַ שטול, און דריי שקלאַפינס זיינען תיכף-ומיד אַוועק צו איר פאָטער, דעם מלך, און האָבן אים דערציילט פון דעם אַלעם, וואָס איז געשען מיט דער פּרינצעסין. איז דער מלך אַריין צו דער טאָכטער אין צימער און געפרעגט:

„אָ, מיין טאָכטער, וואָס איז מיט דיר געשען?"

און זי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, וואו איז דער יונגלינג, וואָס האָט גע-

שלאָפֿן די נאַכט אין מיין בעט?"

און באַלד ווי זי האָט עס געזאָגט, האָט איר פֿאַרלאָזט דער שכל און ווילדע אויגן האָט זי באַקומען און זי האָט גענו־מען רייסן די האָר אויף זיך און שרייען מיט שרעקלאַכע קולות.

דעמאָלט האָט איר פֿאָטער באַפֿוילן די האַרעמדינער, מען זאָל איר אָנטאָן אַן אייזערנעם רייף מיט אַ קייט און מען זאָל זי צובינדן צום פֿענסטער.

איר פֿאָטער האָט זי זייער ליב געהאַט, אָבער ער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיטן אייזערנעם רייף, זי זאָל זיך באַרוהיקן. דער מלך אָבער האָט זיך זייער מצער־געווען און ביינאַכט האָט ער נישט געקאָנט שלאָפֿן און בייטאָג האָט ער נישט גע־קאָנט עסן, און ער האָט צונויפֿגערופֿן אַלע געלערטע, אַסטראָ־לאָגן און חכמים פֿון זיין לאַנד און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„הערט נאָר אויס, איר זייט גרויסע חכמים און געלערטע. דער פֿון אייך, וואָס וועט אויסהיילן מיין געליבטע טאָכטער פֿון איר קראַנקהייט, וועט זי באַקומען פֿאַר אַ ווייב צוזאַמען מיט אַ האַלבער מלוכה. אָבער דער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען זי אויסצוהיילן און וועט נישט קאָנען, דעם וועל איך אַראָפּנעמען דעם קאָפּ און אויפֿהייגען אויף דער טיר פֿון שלאָס."

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער מלך פֿון די אינזלען און זיבן שלעסער האָט אַראָפּגענומען גאַנצע פֿערציק קעפּ.

דעמאָלט האָבן אַלע חכמים און געלערטע זיך אָפּגעזאָגט צו היילן זיין טאָכטער. די גרעסטע דאָקטוירים האָבן נישט גע־וואוסט און נישט פֿאַרשטאַנען איר מחלה און אַזוי זיינען אַוועק גאַנצע דריי יאָר.

די פּרינצעסין בוכור האָט געהאַט אַ שוועסטערקינד, וואָס פֿלעגט שטענדיק אַרומרייזן איבער דער וועלט. ער איז געווען אין פֿאַרשידענע לענדער און צווישן פֿאַרשידענע פֿעלקער און האָט גוט פֿאַרשטאַנען דאָס לעבן.

ער האָט זייער ליב געהאַט די פּרינצעסין בוכור און אַז ער איז געקומען פֿון זיין לעצטער נסיעה, האָט ער געפֿרעגט

זיין מוטער:

„אָ, מיין מוטער, זאָג מיר, וואָס מאַכט די פּרינצעסין בוכור?"

האָט זיין מוטער געזאָגט:

„אָ, מיין זון, די פּרינצעסין בוכור איז משוגע. שוין דריי יאָר ווי זי זיצט אויף אַ קייט און קיין שום דאָקטאָר קאָן איר ישט העלפן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט מאַרזאַוואַן—אַזוי האָט געהייסן דער פּרינצעסינס שוועסטערקינד—זיך אָנגערופן:

„איך מוז זי זען. אפשר וועל איך אַרויסגעפינען די סיבה פון איר קראַנקהייט און וועל זי אויסהיילן? איך קאָן מיך אויף אַזוינע זאַכן."

האָט אים די מוטער געענטפערט:

„אָ, מיין זון, דו האָסט רעכט. אָבער דו מוזט וואַרטן ביז מאָרגן, מחמת איך מוז אויסגעפינען עפּיס אַ מיטל, ווי אַזוי דיך אַריינצופירן אין איר פּאַלאַץ אַריין."

נאָכדעם איז מאַרזאַוואַנס מוטער אַוועק אין פּאַלאַץ אַריין. דאָרט האָט זי אַריינגערוקט דעם עלטסטן האַרעמדינער, וואָס איז געזעסן ביי דער טיר, פינף גאָלדשטיק און געזאָגט:

„מיין טאָכטער, וואָס האָט זיך צוזאַמען דערצויגן מיט דער

אָבער דער האַרעמדינער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, דאָס איז אוממעגלאַך. אפשר ביינאַכט, ווען דער סולטאַן וועט אַוועק צו זיך שלאָפן, וועט דיר געלינגען אַריינצודרינגען אין פּאַלאַץ צו דער פּרינצעסין. מילא, פּרוב זיך, קום ביינאַכט מיט דער טאָכטער אַהער.

האָט די אַלטע אַ קוש געטאָן דעם האַרעמדינער אין דער האַנט און איז אַוועק אַהיים, און ביינאַכט האָט זי איבערגעטאָן

זון אין פרויענקליידער און האָט אים געבראַכט אין פּאַלאַץ.
אַז דער סולטאַן איז אַוועקגעגאַנגען שלאָפֿן, איז די אַלטע צוגעגאַנגען צום האַרעמדינער.
האָט דער האַרעמדינער געזאָגט:
„גייט-אַריין, אָבער זיצט נישט לאַנג."
מאַרזאַוואַן איז באַלד אַריין צו דער פּרינצעסין, אָבער אַז ער האָט דערזען אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי געפינט זיך, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך די פרויענקליידער און זיך טיף פאַר-גויגט און געזאָגט:
„איך בין מאַרזאַוואַן."
ער האָט באַלד אָנגעצונדן ליכט, און אַז זי האָט אויפגע-הויבן די אויגן אויף אים, האָט זי געזאָגט:
„אָ, מיין ברודער, דו האָסט אַזוי לאַנג געררייזט איבער דער וועלט. דו האָסט אודאי נישט געהערט וואָס מיט מיר איז געשען."
און ער האָט געזאָגט:
„אָ, מיין שוועסטער, דאָס איז אַזוי. אַז איך בין געקומען בשלום אַהיים, האָב איך געוואָלט ווייטער פאָרן, אָבער דאָ האָב איך מיך דערוואוסט פון דיין קראַנקהייט און האָב מיך אויפגע-האַלטן. איך בין געקומען אַהער, ווייל איך וויל וויסן די סבה פון דיין קראַנקהייט, אפשר וועל איך דיך קאָנען אויסהיילן, אָדער אַזוי מיט עפּיס העלפן."
און זי האָט געזאָגט:
„אָ, מיין ברודער, צי מיינסטו נישט, ווי אַלע, אַז מיינע געדאַנקען זיינען פאַרטומלט און מיין מוח איז קראַנק?"
און נאָכדעם, ווי זי האָט טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט זי אים דערקלאַמירט אַ ליד, אין וועלכן עס ווערט באַזונגען דער ווײ פון ליבע. דערפון האָט מאַרזאַוואַן פאַרשטאַנען, אַז זי איז שטערבלאַך פאַרליבט, און ער האָט געזאָגט:
„אָ, מיין שוועסטער, דערציייל מיר דיין גאַנצע לעבנסגע-שיכטע, דערצייל מיר איבערהויפּט, וואָס איז געשען מיט דיר די גאַנצע צייט, אפשר וועל איך דיר קאָנען העלפן."

און די פּרינצעסין בכור האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, הער זיך אויס, וועל איך דיר דער-ציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. איינמאָל, ביינאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זע איך: נעבן מיר ליגט אַ יונגלינג, וואָס זיין שיינקייט האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער וועלט און וואָס ער איז ענלעך צו דרייהונדערט לבנות. פריער האָב איך געמיינט, אַז מיין פאָטער האָט מיר אומישנע צוגעשיקט דעם יונגלינג, כדי ער זאָל מיך באַצויבערן מיט זיין רייץ, ווייל דער פאָטער האָט מיך געוואָלט חתונה-מאַכן און איך האָב מיך אָפּגעזאָגט דערפון. האָב איך אים, דעם יונגלינג, גע-וואָלט קושן, אָבער איך האָב מורא-געהאַט, ער זאָל נישט דער-ציילן דעם פאָטער. נאָר אינדערפרי, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך דערזען אויף מיין פינגער זיין רינגל, און מיין אייגן רינגעלע פעלט מיר. דאָס איז אייגנטלאַך די גאַנצע געשיכטע, אָבער, ברודער מיינער, פון זינט איך האָב אים דערזען, האָב איך אויפגעהערט צו עסן און צו שלאָפן און מיין האַרץ איז ביי אים. אָ, זאָג מיר, ברודער, וואָס קאָן איך טאָן.“

האָט מאַרזאַוואַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און האָט געטראַכט וואָס ער זאָל טאָן. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„אַלץ, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, זעט-אויס צו זיין וואָר. אָבער איך קאָן עס נישט פאַרשטיין. דאָס איינציקע מיטל איז, לויט מיין מיינונג, אָפּזוכן דעם יונגנמאַן, און איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך וועל אַזוי טאָן. אפשר וועט מיר גאָט העלפן און איך וועל דיר אים אָפּזוכן. דו באַרוהיק דיך אָבער און פאַרלאָז דיך אויף גאָט, וואָרום העלפן קאָן דאָ נאָר גאָט אַליין, און גאָט, ווי דו ווייסט, פאַרלאָזט קיינעם נישט.“

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך צוזעגנט מיט איר און געבעטן זי נאָכאַמאָל, זי זאָל זיין געדולדיק און וואַרטן מיט אַ רוהיק האַרץ.

און אַז ער איז געקומען אַהיים צו דער מוטער, האָט ער דאָרט איבערגענעכטיקט די נאַכט און אינדערפרי איז ער שוין

אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט.

געפאָרן איז ער פון ישוב צו ישוב, און פון שטאָט צו שטאָט, און פון מדינה צו מדינה און אַזוי איז אַוועק אַ חודש צייט, ביז ער איז געקומען אין דער שטאָט עס-טאַרף און דאָ האָט ער פאַרפירט אַן אויספירלאַכן שמועס מיט די איינוואוינער פון דער שטאָט און האָט געוואָלט ביי זיי דערגיין עפיס אַזוינס, וואָס זאָל אים טויגן פאַר דער פרינצעסין בוכור.

און אין וועלכער שטאָט ער איז נישט געקומען, האָט מען אים אומעטום געזאָגט, אַז די פרינצעסין בוכור, די טאָכטער פונם מלך על-האַיור, איז משוגע געוואָרן און אַלע האָבן נישט אויפגעהערט צו ריידן דערפון און אַלע האָבן געגאַפט און געשטוינט און געצויגן מיט די אַקסלען.

אָבער אין דער שטאָט עס-טאַרף האָט מען שוין געשמועסט פונם יונגן פרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן, דעם זון פונם מלך שאַך-זעמאַן, אַז ער איז נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד.

דערהערט דידאָזיקע קלאַנגען און דידאָזיקע שמועסן, האָט מאַרזאַוואַן געפרעגט, ווי ווייט איז צו דער הויפטשטאָט פון דעם מלכס רעזידענץ, און עמיץ האָט אים דערויף געזאָגט, אַז די נסיעה מיטן ים צו די קאַלידאַנישע אינזלען באַדאַרף געדויערן אַ חודש צייט און מיט דער יבשה זעקס חדשים.

דעמאָלט האָט זיך מאַרזאַוואַן געזעצט אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען צו די קאַלידאַנישע אינזלען. דאָס איז געווען זייער אַ גוטע שיף און דער ווינט האָט אויך די גאַנצע צייט גוט געדינט און אַקוראַט אין אַ חודש צייט האָט מען בשלום דורכגעמאַכט די נסיעה.

אָבער אַז מען איז געקומען צו דער שטאָט און מען האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע ברעג, וואו די שיף האָט באַדאַרפט פאַראַנקערט ווערן, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן אַ שרעקלאַכער ווינט, וואָס האָט צוריסן די זעגלען און האָט אומגעוואָרפן די שיף מיט אַלע פּאַסאַזשירן.

דעמאָלט האָט זיך יעדער געראַטעוועט אַזוי ווי ער האָט געקאָנט, אָבער מאַרזאַוואַנען האָבן די כוואַליעס פאַרטריבן אַקוראַט צו

יענעם אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דעם פּרינצס פּאַווילאָן.

און עס איז שוין אַזוי באַשערט געווען, אַז גראָד אין דער מינוט, ווען מאַרזאַוואַן האָט זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס בייַע סאַמע ברעג, זיינען ביים פּרינץ געזעסן אַלע ווייזירן און אַלע עמירן און אַלע הויכע קריגסלייט און דער מלך אַליין איז געזעסן נעבן זיין זון מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די האַרעמדינער האָבן מיט געדיכטע באַבלעטערטע צווייגעלאַך אַראָפּגעטריבן פון אים די פליגן.

שוין צוויי טעג צייט, ווי קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט גאָרנישט געגעסן און גאָרנישט געטרונקען און נישט גערעדט קיין וואָרט און אַ גרויס עצבות האָט אַרומגעכאַפּט די אַלע בייגעוועזענע.

אָבער דער ווייזיר, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, האָט אין דעם אויגנבליק דערזען מאַרזאַוואַנען, ווי אַזוי ער ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס, האָט ער מיט אים גרויס מיטלייד באַקומען, איז ער צוגעגאַנגען צום סולטאַן און זיך פאַרנויגט און געזאָגט:

„דערלויב מיר, גרויסער מלך, אַראָפּגיין צום ים און עפענען די טיר פונם ים-ברעג. דאָרט טרינקט זיך אַ מענטש און איך וויל פאַרוואַנדלען זיינע יסורים אין פרייד. אפשר וועט גאָט העלפן דערפאַר דיין זון.“

אָבער דער סולטאַן האָט אים באַמערקט:

„אַלץ, וואָס איז געשען מיט מיין זון, איז געשען צוליב דיר, און אויב דו וועסט ראַטעווען דעם יונגנמאַן, וועסטו אפשר אויך ראַטעווען מיין זון. אָבער איך שווער דיר ביי גאָט, אויב דער יונגערמאַן וועט אַהער אַריינגענומען ווערן און דערנאָך, אַז ער וועט אַוועקגיין פון דאַנען, וועט ער אויסגעבן, ווי עס לאָזט זיך גלויבן, אונזער סוד, וועל איך דיר אַראָפּנעמען דעם קאָפּ, ווייל דו, ווייזיר, ביזט פולשטענדיק שולדיק אין אַלץ, וואָס דאָ איז געשען. איצט קאָנסטו גיין און קאָנסט טאָן, ווי דו פאַרשטייסט.“

איז דער ווייזיר אַרויס צום ים און האָט געעפנט די טיר פון ים-ברעג און האָט געראַטעוועט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט

זיך שוין געראַנגלט נישט מיט די כוואַליעס, נאָר מיטן טויט.

מאַרזאַוואַן האָט שוין פאַרלאָרן די חושים און האָט זיך שוין געוואָרפן אין די כוואַליעס מיט צוגעמאַכטע אויגן. אָבער דער וויזיר האָט אים אָפּגעראַטעוועט און אַראָפּגעצויגן פון אים די נאַסע קליידער און איבערגעטאָן אים אין טרוקענע און געגעבן אים אַ טרוקענע טשאַלמע און געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, יונגערמאַן, אַז איך האָב דיך מציל־געווען פון טויט, זאָלסט אָבער, געדיינק־זשע, נישט זיין די סיבה פון מיין אומקומען.“

און מאַרזאַוואַן האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?“

און דער וויזיר האָט געזאָגט:

„איצט באַדאַרפסטו זיך ווייזן פאַר עמירן און וויזירן, וואָס זיצן אין טיפן שווייגן פאַר דעם פרינץ קאַמאַר־עס־זעמאַן, דעם סולטאַנס זון.“

מאַזאַרוואַן האָט שוין געוואוסט, אַז דער־דאָזיקער פרינץ איז נישט ביים זינען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ·נישט־וויסנדיק און האָט געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס איז געשען מיט קאַמאַר־עס־זעמאַן? דיין ענטפער וועל איך הערן מיט אַלע חושים.“

און דער וויזיר האָט געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, אַז ער איז קראַנק און ליגט אין בעט. סיי טאָג, סיי נאַכט ווייס ער נישט פון רו. ער איז אַזוי שוואַך, אַז קוים וואָס ער ציט־אָפּ דעם אָטעם. ביי־טאָג ברענט ער ווי אַ פייער, ביינאַכט מוטשעט ער זיך מיט די גרעסטע יסורים און מיר גלויבן שוין נישט, אַז ער זאָל בלייבן ביים לעבן. אַז דו וועסט אַריין אין יענעם צימער, זאָלסטו נישט קוקן אויף אים, נאָר אויף דער דיל, וואָרום אַנישט וועלן מירביידע האָבן אַ וויסטן סוף.“

אָבער מאַרזאַוואַן האָט זיך אָנגערופן:

„ביי גאָט, דערציייל מיר, איך בעט דיך, וואָס אַזוינס איז געשען מיט דעמדאָזיקן יונגלינג און פון וואָס איז ער עס אַזוי

קראַנק געוואָרן ?״

האָט דער וויזיר געזאָגט :

„די סיבה פאַרשטיי איך נישט, נאָר די זאַך איז אַזוי. מיט דריי יאָר צוריק האָט זיין פאָטער, דער סולטאַן, געפאָדערט, ער זאָל חתונה-האָבן, אָבער דער פרינץ האָט זיך אָפּגעזאָגט. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען און געמאָלדן, אַז ער האָט געשלאָפן מיט אַ וואונדערשיינער מיידל, אַז ער האָט איר אַראָפּגעצויגן פון פינגער אַ רינגעלע און זיך אָנגעטאָן אויפן פינגער און איר, ווידער, האָט ער אָנגעטאָן זיין רינגעלע. אָבער דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס מיר קאָנען בשום-אופן נישט פאַרשטיין. מיין זון, קום מיט מיר אין פּאַוויליאָן, נאָר מיט דעם תּנאי, אַז דו זאָלסט נישט קוקן אויפן פרינץ, נאָר אויף דער דיל. שפּע-טער וועסטו זיך קאָנען בשלום אַוועקפאָרן. דער מלך, זון מיינער, איז שרעקלאַך בייז אויף מיר."

„ביי גאָט,—האָט מאַרזאַוואַן אַ טראַכט געטאָן,—דאָס איז דאָך בפירוש דאָס, וואָס איך זוך."

דעמאָלט איז ער אַריין מיטן וויזיר אין פּאַווילאָן און דער וויזיר האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי די פיס פונם יונגן פרינץ.

אָבער מאַרזאַוואַן איז תּיכּף צוגעגאַנגען צום פרינץ און האָט גענומען קוקן אויף אים מיט ביידע אויגן. איז דער וויזיר שיער אַוועקגעשטאָרבן פון פּחד און האָט גענומען ווינקען מיט די אויגן צו מאַרזאַוואַנען, אַז יענער זאָל אַראָפּלאָזן די אויגן.

אָבער מאַרזאַוואַן האָט זיך גאָרנישט גערעכנט מיט דעם און האָט אַלץ געקוקט אויפן יונגן פרינץ און נאָכדעם, ווי ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז טאַקי דער יונגלינג, וועלכן ער זוכט, האָט ער זיך אָנגערופן :

„געבענטשט זאָל זיין דער באַשעפער, וואָס האָט באַשאַפן די אייגענע באַקן און די אייגענע אויגן פון יענער ?"

דעמאָלט האָט דער יונגער פרינץ געעפנט די אויגן און זיך גענומען צוהערן, וואָס דאָ ווערט געזאָגט, און מאַרזאַוואַן האָט גענומען דעקלאַמירן :

איך זע דעם וויי און אַנגסט פון דיין נשמה,

וואָס האָבן נישט קיין אויסוועג און קיין סוף.
צי לײדסטו נישט, אָ, יונגלינג פון אַ ליבע,
צי האָט די ליבע דיר געטויט דאָס האַרץ?
די זעמט־אויס, ווי אַ מאַן, וואָס ווייס פון ליבע־אַנגסט,
וואָס ווערט פאַרצערט פון בענקעניש און צער.
אָ, גיב אַ בעכער וויין און לאָמיר ביידע טרינקען
פאַר דיין געליבטער, שיינער יונגער פרינץ!״

דידאַזיקע ווערטער האָבן שטאַרק געווירקט אויפן יונגן פרינץ און ער האָט געגעבן אַ צייכן צום מלך, ווי ער וואָלט געזאָגט: „לאָז מיר איבער דעם יונגנמאַן.״

האָט דער מלך זיך זייער דערפרייט מיט דעמדאָזיקן צייכן, ווייל דערפון האָט ער געזען, אַז זיין זון לעבט נאָך און באַוועגט זיך.

דעמאָלט האָט זיך דער סולטאַן אויפגעהויבן פון אָרט און אַנידערגעזעצט מאַרזאַוואַנען נעבן קאַמאַר־עס־זעמאַנען און האָט אים זייער צערטלאַך געפרעגט:

„פון וואַנען ביזטו, מיין זון?״

און מאַרזאַוואַן האָט געזאָגט:

„איך קום פון די אינזלען, פונם לאַנד פון על־האַיור. דאָס איז דער מלך פון די אינזלען, ימים און זיבן פאַלאַצן.״

דעמאָלט האָט דער מלך געזאָגט:

אפשר וואָלסטו געקאָנט ראַטעווען מיין זון קאַמאַר־עס־זעמאַן?״

האָט זיך מאַרזאַוואַן פאַרנויגט פאַרן מלך און האָט דעם פרינץ איינגערוימט אין אויער:

„שטאַרק זיך און זיי פריילאַך, אָבער פרעג נישט וועגן יענער, וואָס האָט דיך דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד. דו האָסט פאַרבאָרגן דיין ליבע און ביזט קראַנק געוואָרן, אָבער זי האָט פון גרויס אַנגסט פאַרלאָרן דעם קלאָרן פאַרשטאַנד. איצט זיצט זי מיט אַן אייזערנער קייט אויפן האַלז, אָבער גאָט וועט העלפן, און איך וועל אייך ביידן געזונט מאַכן.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן דער־

שפירט, אַז ער ווערט אויפגעלעבט פון אַ מחיהדיקן ווינטל און ער האָט געגעבן אַ צייכן צו זיין פאָטער, ער זאָל אים אונטער־הויבן און אַנידערזעצן ביים בעט.

האָט דער מלך אַזוי געטאָן, ווי דער זון האָט געבעטן. נאָכדעם האָט דער מלך אַרויסגעשיקט אַלע עמירן און וויזירן און האָט באַפוילן די דינער, זיי זאָלן אָנפילן דאָס צימער מיט בשמים־רויך און אויספּוצן די שטאָט מיט פענער און לאָמטערנעס.

און ער האָט זיך אָנגערופן צו מאַרזאַוואַנען

„מיין זון, איך חדוש מיך אויף דיר."

און ער האָט זיך זייער איידלמוטיק און צאַרט באַצויגן צום גאַסט און ער האָט אים געבעטן צו עסן און צו טרינקען און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט אויך געגעסן מיט אים.

און די נאַכט האָט מאַרזאַוואַן געשלאָפן מיטן פּרינץ אין פּאַוויליאָן און דער מלך איז אויך דאָרט פאַרבליבן און אים האָט זיך געוואָלט לאַכן פון שמחה און תענוג.

אויף מאָרגן, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט מאַרזאַוואַן געזאָגט צום קראַנקן פּרינץ:

„ווייסן זאָלסטו, אַז איך קען יענע יונגפרוי, וואָס מיט איר האָסטו פאַרבראַכט אַ זיסע נאַכט. די דאָזיקע שיינהייט הייסט בו־כור און איז אַ טאָכטער פונם מלך על־האַיור."

און ער האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס מיט דער פּרינ־צעסין האָט פּאַסירט, ווי אַזוי זי האָט זיך פאַרליבט אין אים און ווי אַזוי זי איז געווירט געוואָרן פון זינען אויס ליבע צו אים און דערביי האָט ער צוגעגעבן:

„אָ, מיין ליבער פּרינץ, אַלץ, וואָס איז געשען צווישן דיר און דעם פאָטער, איז אויך געשען צווישן איר און איר פאָטער, און דו ביזט געווים איר געליבטער. דעריבער מוזטו קומען וואָס שנעלער צו די כחות, דו מוזט געזונט ווערן, ווייל איך וויל דיך אַוועקפירן צו איר און וועל באַהעפטן אייערע הערצער און איר וועט לאַנג און גליקלאַך לעבן.

מאַרזאַוואַן האָט מיט אים לאַנג גערעדט און דעם קראַנקן איז לייכטער געוואָרן.

האָט ער אָנגעהויבן דעקלאַמירן לידער און לאַכן, און זינ־
גען און אויף מאָרגן איז ער אַפילו געגאַנגען אין באָד.

דער מלך האָט פון גרויס שמחה געהייסן אויספּוצן די שטאָט און שפּילן מוזיק אין אַלע גאַסן. אויך האָט ער געטיילט אַ סך צדקה און האָט באַפרייט פון די תפיסות די שטילערע אַרעסטאַנטן.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט מאַרזאַוואַן זיך אָנגערופן צום פּרינץ:

„ויסן זאָלסטו, אַז איך בין נישט געקומען פון דער פּרינ־
צעסין בוכור, אָבער וועגן איר זאַך בין איך געקומען: איך האָב גענומען אויף זיך צו באַפרייען זי פון אַנגסט און יסורים און מיר מוזן געפינען עפּיס אַ מיטל, ווי אַזוי אַרויסצופאָרן צו איר. אָבער איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט דיין פאָטער זיך שיידן מיט דיר? פאַראַן אָבער אַן עצה: בעט ביי דיין פאָ־
טער אַ דערלויבניש אַרויסצופאָרן אויף יאַגד אין מדבר און נעם מיט זיך צוויי זעק דוקאַטן און צוויי פערד. איך וועל, נאַטיר־
לאַך, אויך אַזוי טאָן. דעם פאָטער וועסטו זאָגן, אַז דו ווילסט זיך אַביסל ווילן אויף יאַגד און דעריבער זאָל ער זיך נישט באַאומרוהיקן."

קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט מיט גרויס שמחה אויסגעהערט מאַר־
זאַוואַנען און איז באַלד אַוועק מיט פעסטע טריט צום פאָטער בעטן אַ דערלויבניש אויף יאַגד.

האָט אים דער פאָטער דערלויבט, אָבער מיט דעם תנאי, ער זאָל זיך לאַנג נישט זוימען, און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, איך דערלויב דיר, אָבער נישט מער ווי אויף איין נאַכט. מאָרגן מוזטו זיין אינדערהיים. דו באַדאַרפסט, מיין איך, וויסן, אַז אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן נישט און, ווידער, גלויב איך נאָך נישט, אַז דו ביזט שוין אינגאַנצן גע־
זונט."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער אים מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ער באַדאַרף האָבן אין וועג. ער האָט אים מיטגעגעבן זעקס פערד און אַ מוילאייזל, צו פירן די זעק מיט געלט און נאָך אַ מוילאייזל, וואָס זאָל טראָגן דאָס פּראָוויאַנט אויף זיך.

ער האָט אים אויך מיטגעגעבן דינער. אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיי אינדערשטיל געבעטן, זיי זאָלן נישט פאָרן מיט אים.

און אַזוי האָט זיך דער פאָטער געזעגנט מיט אים און נאָכדעם, ווי ער האָט אים צוגעדריקט צו דער ברוסט, האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין שיינער זון, איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט זיך נישט זוימען מער ווי איין נאַכט. וואָרום די נאַכט וועל איך אויך נישט שלאָפן."

און קאַמאַר-עס-זעמאַן מיט מאַרזאַוואַנען האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די פערד און גענומען מיט זיך די מוילאייזלען מיטן געלט, מיטן וואַסער און פּראָוויאַנט און זיינען אַרויסגעפאָרן אין מדבר און דאָרט זיינען זיי געפאָרן אָן אַן אָפּשטעל סאַמע ביז נאַכט.

נאָכדעם האָבן זיי עטוואָס צוגעביסן און געגעבן די פערד צו עסן און אַליין זיך עטוואָס אויסגערוט.

באַלד דערויף האָבן זיי זיך צוריקגעזעצט אויף די פערד און געלאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. גאַנצע דריי מעת-לעת זיינען זיי געפאָרן אָן אַן אָפּרו און אויפן פערטן טאָג זיינען זיי אַרויפגעפאָרן אויף אַ ברייטן שליאַך, און דאָ, נעבן אַ קליינעם וועלדל, האָבן זיי זיך צוגעשטעלט אָפּרוען.

מאַרזאַוואַן האָט געשאָכטן אַ פערד מיט אַ מוילאייזל. זייערע ביינער האָט ער אַוועקגעוואָרפן און מיט זייער פאַרבלוטיקטן פלייש האָט ער זיך אויסגעשמירט די קליידער און זיי נאָכדעם צוריסן. געענדיקט די דאָזיקע אַרבעט, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט עסן. אָבער אַז קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אים געפרעגט, צו וואָס האָט ער עס אַזוי געטאָן, האָט ער געענטפערט:

„וויסן זאָלסטו, אַז דיין פאָטער, דער מלך שאַך-זעמאַן וועט וואַרטן אויף דיר אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אָבער אַז ער וועט דערזען, אַז דו ביזט נישטאָ, וועט ער אָנזאָטלען דאָס פערד און אַוועקפאָרן נאָך אונזערע שפורען, ביז ער וועט קומען צו דעם דאָזיקן אָרט און אַז ער וועט דערזען אונזערע בלוטיקע קליידער,

וועט ער מיינען, אַז גזלנים, וואָס דרייען זיך שטענדיק אַרום איבער די גרויסע וועגן און שליאַכן, זיינען אונז באַפאַלן און געטויט אָדער אַז חיות-רעות האָבן אונז אויפגעגעסן. דעריבער וועט ער שוין ווייטער נישט וועלן פאָרן און וועט זיך אומקערן צוריק אַהיים, אָבער מיר וועלן קאָנען ווייטער פאָרן, ביז דו וועסט דערגרייכן די זיסע אָרעמס פון דיין געליבטער.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן געזאָגט:

„האָסט זייער גוט צוגעטראַכט. איך בין זייער צופרידן.״

און אַזוי זיינען זיי ווייטער געפאָרן טאָג און נאַכט אָן אָפרו, אָבער דער פרינץ האָט די גאַנצע צייט פאַרגאָסן טרערן און זייער באַדויערט זיין פאָטער.

צולעצט, האָבן זיי דערזען יענע שטאָט, צו וועלכער זיי האָבן אַזוי הייס געשטרעבט.

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אַפילו דעקלאַמירט אַ ליד לכבוד דערדאָזיקער שטאָט און האָט שטאַרק געדאַנקט מאַרזאַוואַנען, וואָס האָט אים דאָך געבראַכט צו זיין געליבטער.

אַריין אין שטאָט, זיינען זיי פאַרפאָרן אין אַ כאַן, וואו זיי האָבן אָפגערוט גאַנצע דריי מעת-לעת און נאָכדעם האָט מאַרזאַוואַן אַוועקגעפירט דעם פרינץ אין באָד אַריין.

נאָך דער באָד האָט ער אים איבערגעטאָן אין דער קליידונג פון אַ סוחר און האָט אים געגעבן אַ גאָלדענעם געאָמעטרישן טאָוול מיט אַן אַפּאַראַטל און אַ גאָלדענע אַסטראָלאַביע און גע-זאָגט:

„אָ, מיין טייערער פרינץ, גיי צום קייזערלאַכן פאַלאַץ און שטעל דיך דאָרט אַנידער און שריי: „איך בין אַ שטערנציילער, אַ שרייבער און אַן אַסטראָלאָג! ווער וויל הערן מיינע עצות?״ און אַז דער מלך וועט דערהערן, וואָס דו שרייסט, וועט ער דיך אַריינרופן אין פאַלאַץ אַריין און וועט דיך אַוועקפירן צו זיין טאָכטער, דיין געליבטער, און אַז זי וועט דיך דערזען, וועט זי באַלד קומען צו די קלאָרע געדאַנקען און איר וועט זיך ביי-דע צוזאַמענגיסן אין איין הייסן האַרץ. דער פאָטער וועט דיר

אַוועקגעבן אַ האַלבע מדינה און וועט דיך חתונה־מאַכן מיט איר און אַזוי וועסטו דערגרייכן דיין גליק, וואָס דו באַגערסט.״

און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט געפאָלגט זיין פריינט און האָט אַזוי געטאָן, ווי יענער האָט אים געהייסן. ער איז באַלד אַוועק מיט די דערמאָנטע כלים אין די הענט און זיך אַנידערגעשטעלט פאַרן מלכס פּאַלאַץ און גענומען שרייען: „העי, גוטע מענטשן! איך בין אַ שטערנציילער און אַ שרייבער און אַן אַסטראָלאָג! איך ווייס, ווי אַזוי מען פירט־דורך חתונה־צערעמאָניעס און קאָנטראַקטן און ווי אַזוי מען באַהעפט אומגליקלאַכע און צושיידטע פאַרליבטע און איך קאָן פאַרריידן קראַנקהייטן, ציילן שטערן און אויסשטעלן געאָמעטרישע פיגורן, לויט וועלכע מען קאָן אַנטדעקן אַן אוצר! ווער וויל? ווער וויל? רופט זיך אָן, גוטע מענטשן!״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויס געזעמעל און דער עולם האָט זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן פון זיין שלאַנקער געשטאַלט און פון זיין שיינקייט און רייץ.

און מאַנכע פונם געזעמעל האָבן זיך אָנגערופן צו אים:

„האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָרן און גיי־אַוועק פון דאַנען, וויל בעסער נישט חתונה־האָבן מיט דעם סולטאַנס טאָכטער, וואָרום דו וועסט זיכער בלייבן אָן אַ קאָפּ. דעם קאָפּ וועט מען דיר פריער אַראָפּנעמען, נאָך איידער דו וועסט זי אַ קוש טאָן צווישן די ברעמען, דו קוק בעסער אויף די אויסגעהאַנגענע קעפּ, וואָס הייגען דאָ אויפן פּאַלאַצפּאַרקאַן. זיי האָבן זיך אַלע באַצאָלט, ווי דו זעסט, פאַר באַרימעריי און גאווה.״

אָבער קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט נאָך העכער גענומען שרייען:

„גוטע מענטשן! קלוגע מענטשן! איך בין אַ שטערנציילער! איך בין אַ שרייבער! איך קאָן אַרויסגעפינען אַן אוצר?״

האָט אים דער עולם ווידער גענומען צוריידן, ער זאָל ליבערשט אַוועקגיין, האָט ער נאָך העכער גענומען שרייען:

„איך בין אַן אַסטראָלאָג! איך פאַרשטיי זיך אויף די שטערן! ווער וויל? ווער וויל קומען צו זיין געליבטע?

ווער וויל געפֿינען אַן אוצר?״

דעמאָלט האָט דער מלך דערהערט זיינע געשרייען און ער האָט זיך אָנגערופֿן צום וויזיר:

„אָ, מיין וויזיר, פֿיר מיר אַריין דעמדאָזיקן אַסטראָלאָג.״

איז דער וויזיר אַרויס און אַריינגעפֿירט דעם יונגן פּרינץ, וואָס האָט זיך פֿאַרנויגט פֿאַרן סולטאַן און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פֿון זיינע פֿיס און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער פֿאָרגעלייענט דאָסדאָזיקע ליד:

אָ, גרויסער מלך! האָסט אַכט גרויסע מעלות,
וואָס מאַכן אונטערטעניק דיר דעם מזל:
דו ווייסט און קאָנסט אַ סך, ביזט איידלמוטיק,
ביזט פֿרום און האָסט אַ ברייטע האַנט,
קאָנסט ריידן שיין און פֿון דיין האַרץ פֿליסט גוטסקייט
און הויך ביזטו און תמיד זיגעריש אין אַלץ.

דערזען אַזאַ שיינעם יונגלינג, האָט אים דער מלך אַני־דערגעזעצט נעבן זיך און זייער צאַרט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, איך בעט דיך אין נאָמען פֿון גאָט, רוף דיך נישט אָן אַסטראָלאָג, וואָרום איך האָב מיר געגעבן אַ וואָרט אַראָפּצונעמען דעם קאָפּ דעמיעניקן, וואָס וועט באַזוכן מיין טאָכטער און וועט איר דערמיט נישט פֿאַרלייכטערן איר צושטאַנד. איך האָב אַפֿילו אויך געגעבן דאָס וואָרט חתונה־צו־מאַכן זי מיט דעמיעניקן, וואָס וועט זי אויסהיילן, ליידער אָבער האָט זיך אַזאַ נאָך נישט געפֿונען. דו נאַר דיך בעסער נישט און גלויב נישט אַזוי אין דיין שיינקייט און רייץ, וואָרום אויב דו וועסט זי נישט אויסהיילן, וועל איך אויף קיין זאַך נישט קוקן און אַכטן און וועל דיר אַראָפּנעמען דעם קאָפּ.״

און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך פֿון די רעכטגלויביקע, איך שרעק מיך נישט דערפֿאַר.״

האָט דער מלך אַריינגערופֿן אַ קאַדי, וואָס האָט באַשטעטיקט דעמדאָזיקן תנאי.

נאָכדעם איז דער פּרינץ איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ האַ־

רעמדינער, מיט דידאָזיקע ווערטער:

„פיר-אַריין דעמדאָזיקן יונגנמאַן צו דער פרינצעסין.“

האָט אים דער האַרעמדינער אָנגענומען ביי דער האַנט און לאַנגזאַם אים געפירט איבערן קאָרידאָר, אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך תיכף באַפרייט און איז מיט שנעלע טריט אַוועק פאָרויס, אָבער דער האַרעמדינער האָט זיך אָנגערופן:

„ווײ צו דיר! וואָס איילסטו אַזוי צו דיין קבורה. ביי גאָט, איך האָב אין מיין לעבנסטאָג נישט געזען אַן אַסטראָלאָג, וואָס זאָל אַזוי איילן צו זיין טויט, ווי דו. אפשר ווייסטו נישט, אַז דו וועסט זיך באַצאָלן מיט דיין קאָפ דערפאַר?“

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט אים דער האַרעמדינער צוגעפירט צו דעם פאָרהיינגל פון דער טיר, הינטער וועלכער די פרינצעסין איז געזעסן און דער פרינץ האָט געזאָגט:

„ווי אַזוי ווילסטו זאָל איך אויסהיילן דיין האַרין? זאָל איך אַריין אין צימער אָדער איך זאָל שטיין דאָ, ביי דער טיר?“

האָט זיך דער האַרעמדינער געחדושט און געזאָגט:

„אויב דו וועסט זי אויסהיילן דאָ ביי דער טיר שטייענדיק, וועסטו דערמיט באַווייזן, אַז דו באַזיצסט דיין קונסט אויסערגעוויינלאַך גוט.“

דעמאָלט האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן אַנידערגעזעצט און גענומען פאַפיר און טינט און פעדער און אָנגעשריבן דידאָזיקע שורות: „צו יענער, וואָס דאָס שיידן זיך מיט איר געליבטן האָט זי קראַנק געמאַכט און וואָס געהיילט ווערן קאָן זי נאָר דעמאָלט, ווען אירע אויסגעווייגטע אויגן וועלן דערזען איר געליבטן. און איר געליבטער, קאָן זיין, איז זייער נאָענט פון איר. עס קאָן זיין, אַז בלויז איין טיר שיידט זי אָפּ פון איר געליבטן. אָ, מיין האַרין, עס שרייבט דיר אַ באַטריבט האַרץ, וואָס קאָן נישט קיין טרייסטער און קיין באַרוהיקער, און וואָס האָט מידע אויגן, וואָס ווייסן נישט פון שלאָף, דער, וואָס פאַרברייגגט די טעג אין אויפרעגונג און צער און די נעכט אין יסורים, דער, וואָס זיין קערפער איז אויסגעפייניקט פון בייגקעניש נאָך זיין געליבטער.“

נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד, אין וועלכן ער האָט

באַוויינט זיין גורל און באַלד דערויף האָט ער ווידער געשריבן זיין בריף: „מיין האַרץ וועט אויפלעבן נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל מיך באַהעפטן מיט מיין געליבטער. און דער איינציקער גאָט איז מיין רופא, וואָס קאָן מיך אויסהיילן אין מיין פייַנלאַכער ליבע. אויב עמיץ האָט מיך אָדער דיך גענאַרט, טאָ זאָל פאַלן גאָטס צאָרן אויף דעם אָפּנאַרערס קאָפּ.״

און גאָר אונטן האָט ער צוגעשריבן דידאָזיקע ווערטער:

„פון דעם אומגליקלאַכן און אַנטטוישטן געליבטן, וואָס די ליידנשאַפטלאַכע ליבע האָט אים געבלוטיקט דאָס האַרץ, קאַמאַר-עס-זעמאַן, צו זיין אומפאַרגלייכלאַכער און שענסטער פון די גן-עדן-פרויען, צו דער פרינצעסין בוכור, דער טאָכטער פון דעם סולטאַן על-האַיור. זאָלסט וויסן, אַז איך פאַרברייַנג די נאַכט אָן שלאָף און די טעג אין גרויס אומרו און איך לייד פון דערוואַרטונג און פון ליבע און פון קראַנקהייטן און פון באַגערן און איך וויין, ווי אַ ליבע-שקלאַף און ווי אַ קרבן פון ליידנשאַפט, פאַרפאָלגט פון הייסע באַגערן און צער. איך בין יענער אומגליקלאַכער מאַן, וואָס מאַכט נישט צו בייַנאַכט די אויגן, וואָס וויינט אָן אויפהער און אָן סוף, וואָס דאָס פייער פון זיין האַרצן ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן און דער פלאַם פון זיינע ליידנשאַפטן ווערט קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן.״

אויף די ברעגן פון בריף האָט ער אָנגעשריבן דידאָזיקע פערזן:

זאָל שיקן גאָט מנוחה, טרייסט און גליק
דעריעניקער, וואָס האָט מיין האַרץ באַזיקט,
וואָס האָט אַוועקגערויבט מיין זיסן שלאָף
און האַלט מיך יאָרן שוין געפאַנגען.

נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

אָ, רוף מיך הייַנט צו דיר און רייד מיט מיר, געליבטע!
און לאָמיר קוקן ביידע אין די אויגן!
און לאָמיר זיך דערקאָנען הייַנט אויף אייביק
און לאָמיר פאַלן אין די אָרעמס חיים איינאַנדער.

נאָכדעם האָט ער דאָס צוגעגעבן:

טויזנט און איין נאַכט.

די האָסט צוריק, געליבטע, דאָ דיין רונג.
דער רונג, וואָס האָט אונז דאַן אין בעט פאַרייניקט.
איצט שיק מיר, איך געליבטע, אָפּ מיין רונג.
דאָס וועט אונז ביידן דינען פאַר אַ ליבע־סימן.

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אַראָפּגענומען איר רונג פון זיין פינגער און אַריינגעלייגט אים אין בריף. נאָכדעם האָט ער דעם בריף צונויפגעלייגט און איבערגעגעבן דעם האַרעמדינער, וואָס האָט אים אַוועקגעטראָגן צו דער פרינצעסין.

אַז די פרינצעסין האָט געעפנט דעם בריף, האָט זי באַלד געפונען איר רונג. און אַז זי האָט גענומען לייענען די נאַר-וואָס אָנגעשריבענע ווערטער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר געליבטער הייסט קאַמאַר-עס-זעמאַן און אַז ער שטייט אין דער מינוט הינטער איר טיר. דעמאָלט איז איר באַפאַלן אַזאַ ווילדע פרייד, אַז זי האָט מיט גרויס אימפעט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און זיך אָפּגעריסן פון קייט און מיט איין שפרונג אַרויסגעלאָפן און אַריינגעפאַלן צום יונגן פרינץ אין די אָרעמס, און זי האָט אים געקושט אַזוי, ווי עס קושט אַ טויב אַ טויב. און זי האָט אים געקושט און גערעדט:

„אָ, מיין האַר, איך בין אַזוי צומישט, אַז איך ווייס נישט, צי דאָס איז אין חלום, צי אויפן וואָר, און איך ווייס נישט, צי גאָט וויל אונז באמת באַהעפטן?"

און נאָכדעם האָט זי גענומען זינגען צו גאָט און דאַנקען און לויבן אים, וואָס ער האָט זי אויסגעלייזט פון פאַרצווייפלונג און פיין.

און אַז דער האַרעמדינער האָט דערזען, וואָס דאָ געשיט, איז ער תיכּף ומיד אַוועקגעלאָפן צום מלך, און אַ קוש געטאָן אים דעם שטויב פון די פיס, און מיט איין אָטעם זיך אָנגערופן:

„אָ, גרויסער מלך! זאָלסט וויסן, אַז דערדאָזיקער אַסטראָלאָג איז דער גרעסטער פון אַלע אַסטראָלאָגן, ווייל ער האָט שוין אויסגעהיילט דיין טאָכטער נאָך איידער ער איז אַריין אין איר צימער! אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, בשעת ער

טויזנט און איין נאַכט.

איז נאָך געשטאַנען הינטערן טיר, האָט ער שוין אויסגעהיילט דיין טאָכטער!"

און דער מלך האָט געפרעגט אַ בלאַסער:

„איז עס וואָר?"

און דער האַרעמדינער האָט געזאָגט:

„דאָס איז וואָר, ווי דער טאָג. הויב דיך אויף און גיי־אַרויס, וועסטו זען, ווי זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און זיך געוואָרפן צום אַסטראָלאָג און גענומען אים קושן און האַלדזן."

האָט זיך דער מלך אויפגעהויבן און איז באַלד אַוועק צו זיין טאָכטער, און אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי גענומען און באַדעקט זיך דעם קאָפּ.

האָט דער מלך גענומען שמייכלען פון שמחה און גליק און ער האָט געפרעגט דעם יונגן פרינץ, ווער איז ער אַזוינס און פון וואַנען קומט ער אַהער?

און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט אים מיטגעטיילט, ווער ער איז און האָט אים דערציילט, אַז ער איז דער זון פונם גרויסן מלך שאַך־זעמאַן, אַז ער האָט געהאַט זייער אַ גליקלאַכע יוגנט און באַלד דערויף האָט ער אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט דער נאַכט אין טורם, מיטן פינגערל און אַזוי ווייטער, און דער מלך האָט געשטוינט און געזאָגט:

„אָ, מיין זון, דיין געשיכטע פאַרדינט, זי זאָל אָנגעשריבן ווערן אין אַ בוך אויף דור־דורות."

נאָכדעם האָט דער מלך אַ רוף געטאָן אַ קאַדי און עדות און מען האָט געשלאָסן אַ שידוך צווישן דעם יונגן פרינץ קאַ־מאַר־עס־זעמאַן און דער פרינצעסין בודור, און דער סולטאַן האָט באַפוילן אויסצופוצן די שטאָט אויף אַ גאַנצע וואָך צייט.

און בשעת די שטאָט איז אויסגעפוצט געוואָרן, האָט מען געפּראַוועט די חתונה און אויף דער חתונה האָט מען געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט און די הויכגעשטעלטע געסט, אויסגעזעצט ביי לאַנגע טישן, האָבן געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס ער האָט אויסגעהיילט זייער פרינצעסין און האָט זי באַהעפט מיט אַ שיי־

שוינט און איין נאַכט.

נעם יונגלינג, דעם זון פון אַ מלך.

די חתונה איז אַדורכגעגאַנגען זייער פריילאַך און רוישיק, און אויף מאָרגן האָט דער מלך געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר דער גאַנצער שטאָט, און דער עולם האָט זיך משמח-געווען אַ חודש צייט.

אַז די חתונה מיט דער גאַנצער שמחה האָט זיך געענדיקט, האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן גענומען טראַכטן פון זיין פאָטער, און דעמאָלט האָט ער געזען אַ חלום און דער פאָטער האָט אים גע-זאָגט אין חלום: „אָ, מיין זון, ביזטו זיך גוט באַגאַנגען מיט מיר?"

אויף מאָרגן האָט ער דערציילט דער ווייב פון דעמדאָזיקן חלום, איז זי אַוועק צו איר פאָטער און געבעטן, ער זאָל זיי דערלויבן אַוועקצופאָרן. האָט דער מלך דערלויבט צו פאָרן בלויז קאַמאַר-עס-זעמאַנען. דעמאָלט האָט זיך די פרינצעסין אָנגערופן:

„אָ, מיין פאָטער, אָן מיין מאַן וועל איך זיכער שטאַרבן. איך קאָן מיך נישט שיידן מיט אים."

האָט דער מלך געזאָגט:

„נו, טאָ פאָר מיט אים צוזאַמען."

האָט דער מלך ביידן דערלויבט אַוועקצופאָרן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז אַלע יאָר זאָל אים די טאָכטער באַזוכן.

האָט זי אַ קוש געטאָן דעם פאָטערס האַנט און ער האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע. נאָכדעם האָט דער מלך צוגעגרייט דער טאָכטער אין וועג אַריין.

ער האָט אַרויסגעשיקט פאָרויס פערד און אייזלען און מוילאייזלען און קעמלען און טראָגבעטער פאַר דער פרינצעסין און זעק מיט פּראָוויאַנט און דעסגלייכן.

און אין דעם טאָג פון דער נסיעה האָט דער מלך גע-שיינקט זיין איידעם די טייערסטע ערנקליידער פון גאָלד און בריליאַנטן און האָט אים אויך געשיינקט אַ סך גאָלד.

נאָכדעם האָט ער באַגלייט די וועגלייט ביז דער גרעניץ פון די אינזלען און דאָרט האָט ער זיך צוזעגנט מיט די קינדער, און אַז ער האָט אַרומגענומען צום לעצטן מאָל זיין טאָכטער,

האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

פון דער טאָכטער איז ער איבערגעגאַנגען צו איר מאַן און האָט זיך אויך געקושט מיט אים און געוויינט און נאָכדעם, ווי ער האָט עס געטאָן דריי מאָל, האָט ער זיך אומגעקערט מיט זיינע חילות צוריק אויף די אינזלען, און קאַמאַר-עס-זעמאַן מיט זיין פרוי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער אין וועג.

דאָס יונגע פּאָרל איז געפאָרן אַ גאַנצן חודש צייט כמעט אָן אַן אָפּשטעל, ביז זיי זיינען געקומען צו זייער אַ גרינער און אַ זאַפטיקער לאָנקע.

דאָ האָבן זיי אויסגעשטעלט לייכטע געצעלטן און האָבן זיך געמאַכט עסן און זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען.

אין דער אייגענער צייט איז קאַמאַר-עס-זעמאַן אַריין אינם געצעלט פון זיין פרוי. זיין פרוי האָט בעת-מעשה געשלאָפן אין אַ זיידענעם אַבריקאָספאַרביקן העמד מיט אַ בריליאַנטן-קרוין אויפן קאָפּ און אויף אירע הויזן, וואָס זיינען דערביי געלעגן, האָט ער דערזען אַ בריליאַנט, וואָס איז געווען רויט, ווי בלוט.

דערדאָזיקער בריליאַנט איז געווען איינגענייט אין דער טאַשמע פון אירע הויזן און אויף אים זיינען אויסגעקריצט גע-ווען צוויי קליינע שורהלאַך, וואָס מען האָט זיי כמעט נישט געקאָנט איבערלייענען.

קאַמאַר-עס-זעמאַנען איז זייער געפעלן געווען דערדאָזיקער בריליאַנט און ער האָט געטראַכט: „ווען אָט דער בריליאַנט וואָלט איר נישט געווען אַזוי טייער, וואָלט זי אים נישט איינגענייט אין דער טאַשמע, צו טראָגן אים שטענדיק מיט זיך. וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ שטיין און וואָס פאַר אַ סוד איז פאַרבונדן מיט אים?״

האָט ער אַראָפּגענומען דעם שטיין און איז אַרויס מיט אים פון געצעלט, צו באַטראַכטן אים.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ פייגל, וואָס האָט אים פון די הענט אַרויסגעריסן דעם שטיין און איז דערמיט אַוועקגע-פלויגן.

האָט דער יונגער פּרינץ גענומען נאָכיאָגן דעם פייגל, אָבער

דער פייגל איז געפלויגן אַלץ ווייטער און ווייטער, פון בערגל צו בערגל, ביז עס איז געוואָרן פינסטער.

דעמאָלט האָט זיך דער פייגל אויפגעהויבן אויף אַ בוים און קאַמאַר-עס-זעמאַן איז געבליבן שטיין אונטערן בוים אַ הונגעריקער און אַ טויט-מידער.

ער האָט זיך געוואָלט אומקערן צוריק אין געצעלט, אָבער ער האָט נישט געוואוסט דעם וועג, און ער האָט אויסגעשריען:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט!"

און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אונטערן בוים, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען, אַז דער פייגל האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און איז אַוועקגעפלויגן ווייטער.

איז ער ווידער אַוועק נאָכן פייגל, וואָס האָט אים פאַרשלעפּט אויף אומבאַקאַנטע פעלדער און וועגן.

„ביי גאָט,—האָט ער געטראַכט,—איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט. דער פייגל פליט היינט אַזוי ווי נעכטן, אָבער היינט פליט ער שוואַכער, פונקט ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז איך בין מיד. איך פאַרשטיי עס נישט. אָבער מיר איז שוין אַלצאיינס. איך וועל נאָכלויפן נאָכן פייגל און זאָל ער מיך פאַרשלעפּן אַפילו אין כף-הקלע, וואָרום דאָ קאָן איך סיי-ווי-סיי נישט בלייבן: אויף די ליידיקע פעלדער איז דאָ קיין ילוד-אשה נישטאָ."

און ניין טעג איז ער נאָכגעלאָפן נאָכן פייגל און בעת-מעשה זיך גענערט מיט גראָזן און מיטן וואַסער פון די טייכן.

צולעצט, איז ער געקומען צו אַ שטאָט, און דעמאָלט איז דער פייגל אַנטרונען געוואָרן פון זיינע אויגן.

„גאָט צו דאַנקען!—האָט ער אויסגעשריען.—איצט זע איך כאָטש גאַסן און וועל מסתמא אויך מענטשן זען אין דידאָזיקע גאַסן."

און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן ברעג טייך און זיך אָרומגעוואַשן די פיס און די הענט און דאָס פנים און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך עטוואָס אויסגערוט, האָט ער גענומען באַטראַכטן זיין שווערע לאַגע.

ער איז אויך געווען זייער הונגעריק און מיד און אין

שטאָט איז ער אַריין אָן אַ ציל און אָן אַ זין.

די שטאָט איז געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון אַ ים, אָבער ער האָט קיין איין מענטשן נישט געטראָפֿן, און אַז ער איז, צולעצט, אַריין אין אַ גאָרטן, איז אים אַרויס אַנטקעגן אַן אַלטער גאָרטן-שומר און האָט אים באַגריסט מיט דידאָזיקע ווערטער:

„דו באַדאַרפֿסט דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט קיינעם נישט באַגעגנט אויף דער גאַס. גיי שנעלער אַריין אין גאָרטן, כּל-זמן קיינער האָט דיך נישט באַמערקט.“

האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן זייער געחדושט און איז אַריין אין גאָרטן און געפֿרעגט דעם גאָרטן-שומר:

„וואָס פֿאַר אַ מענטשן זיינען די איינוואוינער פֿון דער שטאָט?“

און דער אַלטער האָט געזאָגט:

„דאָ, אין דער שטאָט וואוינען בלויז כּשופֿמאַכער און, ביי גאָט, דו מוזט מיר זאָגן, ווי אַזוי ביזטו געקומען אַהער און וואָס ווילסטו דאָ טאָן אין דעמדאָזיקן לאַנד?“

דעמאָלט האָט אים קאַמאַר-עס-זעמאַן דערציילט זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע און דער אַלטער האָט זיך זייער געחדושט און געזאָגט:

„אָ, מיין זון, וויסן זאָלסטו, אַז די מדינות פֿון על-איסלאַם זיינען זייער ווייט פֿון דאַנען. מיטן ים קאָן מען קומען אַהין ערשט אין פֿיר חדשים אַרום, אָבער מיט דער יבשה נישט ווע-ניקער ווי אין אַ יאָר צייט. מיר האָבן אַ שיף, וואָס גייט אַלע יאָר אין די נאָנטע מדינות פֿון על-איסלאַם. דידאָזיקע שיף גייט פֿאַרביי די קאַלידאַנישע אינזלען, וואו עס הערשט דער מלך שאַך-זעמאַן.“

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט לאַנג געטראַכט און געטראַכט און איז, צולעצט, געקומען צו דער דעה, אַז ער באַדאַרף דערווייל פֿאַרבלייבן ביים גאָרטן-שומר און אַרבייטן ביי אים פֿאַר אַ פֿערט-חלק פֿון ריוח. און אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער אים גע-פֿרעגט:

„אָ, מיין ליבער, אפֿשר וועסטו מיך נעמען צו דער אַר-

בעט פאַר אַ פערט-חלק פון ריוח?"

„איך הער און געהאָרך,"—האָט דער אַלטער געענטפערט און האָט אים תּיכּף גענומען לערנען, ווי אַזוי צו באַגיסן די ביימער, ווי אַזוי דורכצופירן די גאָרטנקאַנאַלן און דעסגלייכן.

דער גאָרטן-שומר האָט אים איבערגעטאָן אין אַ גראָבער פויערשער קליידונג, מיט אַ לאַנגן בלויען העמדל ביז די קני, און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט געאַרבעט און געוויינט און געבענקט נאָך זיין געליבטער פרוי.

זיין פרוי בוכור, אַז זי איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט זי באַלד געפרעגט, וואו איז איר מאַן, אָבער אַז זי האָט אים נישט געפונען, האָט זי זיך באַלד געכאַפּט צו איר בריליאַנט, וואָס איז געווען איינגענייט אין אַ טאַשמע פון אירע הויזן, און דעמאָלט האָט זי געזאָגט צו זיך:

„אַלאַ, דאָס קומט מיר אויס זייער אויסטערליש. אָבער וואו איז אַוועק מיין געליבטער? ער איז, ווארשיינלאַך, אַוועק מיטן שטיין און ווייס נישט, אַז דערדאָזיקער שטיין באַזיצט אַ פאַרבאָרגענעם כּוח. וואוהין איז ער געגאַנגען? מיט אים איז מסתּמא געשען עפּיס אַן אומגעוויינלאַכע זאַך, וואָרום אַזוי, ביי געוויינלאַכע אומשטענדן, וואָלט ער זיך זיכער מיט מיר נישט געשיידט. פאַרשאָלטן זאָל ווערן דערדאָזיקער שטיין און די שעה פונם אומגליק. ווען איך זאָל עס איצט מיטטיילן אונזער סוויטע, אַז מיין מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן, וועט מען מיך זיכער דערהרגענען, און דעריבער באַדאַרף מען זיין קלוג און באַדאַכט."

און די פרינצעסין האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעטאָן קאַמאַר-עס-זעמאַנס קליידער און זיין טשאַלמע און פאַרדעקט דאָס געזיכט און אין די טראָגבערעטער האָט זי אַוועקגעזעצט אַ שקלאַפין.

און זי איז אַרויס פון געצעלט און געהייסן אָנזאָטלען די פערד, און אַז דאָס איז אַזוי געטאָן געוואָרן, האָט זי געהייסן, מען זאָל איר געבן איר פערד, און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און מען איז אַוועקגעפאָרן ווייטער.

און די פרינצעסין בוכור האָט עס געקאָנט גאַנץ רוהיק טאָן, ווייל זי איז געווען ענלאַך צו קאַמאַר-עס-זעמאַן, און קיי-

נער האָט גאָרנישט געצווייפלט, אַז דאָס איז דער יונגער פּרינץ און נישט זיין פרוי.

טאָג און נאַכט זיינען זיי אַזוי געפאָרן, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ שטאָט, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג ים.

אַריינגעקומען אין שטאָט, האָט זי געמאַכט געצעלטן און זיך אויסגערוט אין זיי. און אַז זי האָט געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט, האָט מען איר געזאָגט, אַז דאָס איז די שטאָט פון שוואַרצן האָלץ און אַז דער מלך הייסט אַרמאַנוס און ער האָט אַ טאָכטער כאַיאַט-ען-נופוז.

און אַז די פּרינצעסין בוכור האָט זיך עטוואָס אויסגערוט, האָט דער מלך אַרמאַנוס אַרויסגעשיקט פון פּאַלאַץ אַ שליח, ער זאָל אויספרעגן די רייזענדער וועגן זייער נסיעה.

איז געקומען דער שליח צוריק אין פּאַלאַץ אַריין און האָט דערציילט, אַז אין שטאָט איז אַריין אַ פּרינץ מיט זיין סוויטע און אַז דער פּרינץ האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וועג און גיין גייט ער צו די קאַלידאַנישע אינזלען, צו דעם מלך שאַך-זעמאַן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער מלך אַרמאַנוס צו-זאַמען מיט זיינע הויפלייט אַרויס אַנטקעגן דעם פרעמדן פּרינץ און די פּרינצעסין בוכור, ווידער, איז אַרויס פון איר געצעלט.

דעמאָלט איז דער מלך אַרמאַנוס אַראָפּ פון זיין פערד און ביידע האָבן זיך פאַרנויגט קעגן איינאַנדער.

נאָכדעם האָט ער זי אַוועקגעפירט צו זיך אין פּאַלאַץ, וואו ער האָט געמאַכט זייער אַ שיינעם מאָלצייט, און נאָכן מאָל-צייט האָט ער זי אַריינגעפירט אין זייער אַ שיין צימער, וואו זי האָט פאַרבראַכט דריי טעג.

און געשען איז אַזוי, אַז די פּרינצעסין בוכור איז געגאַנ-גען אין באָד אַריין און איז אַרויס פון דאָרטן אַזאַ שיינע און אַזאַ פרישע און אַזאַ וואוילשמעקנדיקע, אַז אַלע האָבן געגאַפט פון איר שיינקייט און גראָד אין דעם טאָג האָט זי געטראָגן אירע שענסטע קליידער, גרינע, לייכטע דורכזיכטיקע קליידער, באַזייט און באַהאָפטן מיט ברילייאַנטן.

פאָרזעצט און איין נאַכט.

און דער מלך אַרמאַנוס האָט זיך העפלאַך פאַרנויגט פאַר איר און געזאָגט:

„צי ווייסטו, מיין זון, אַז איך בין שוין אַלט? איך האָב בלויז איין־איינציק קינד—אַ טאָכטער, וואָס אין אויך אַזוי שיין און שלאַנק, ווי דו. אָבער דער טראָן, זון מיינער, איז שוין נישט פאַר מיינע כּחות. אפשר ווילסטו ווערן מלך אויף מיין אָרט? אויב דו ביזט מסכּים דערויף, וועל איך דיך חתונה־מאַכן מיט מיין טאָכטער און איך וועל דיר איבערגעבן מיין טראָן און מיין גרויסע מדינה.”

האָט די פּרינצעסין בוכור אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויפן שטערן האָט זיך איר געוויזן טראָפּנס שווייס.

זי איז געשטאַנען און געטראַכט:

„איך בין אַ פרוי און ער לייגט מיר פאָר אַזאַ זאַך. וועל איך מיך אָפּזאָגן, וועט ער אַרויסשיקן זיין מיליטער און וועט מיך דערהרגענען, וועל איך אים אָבער געבן מיין וואָרט, בין איך אַ פאַרפאַלענע און מיין נאָמען וועט פאַלן צו שאַנד און צו שפּאָט און איך וועל שוין קיינמאָל מער נישט זען מיין קאַמאַר־עס־זעמאַן. אָבער ווי דאָס זאָל נישט זיין—דערווייל מוז איך איינשטימען דערויף, און אַלאַ וועט מיר שוין העלפן מסתמא.”

דעמאָלט האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך טיף פאַרנויגט און געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך.”

האָט זיך דער מלך זייער דערפרייט און האָט געהייסן אויספּוצן די שטאָט און מבשר־זיין די איינוואוינער וועגן דער גרויסער געשעעניש.

און נאָכדעם האָט ער פאַררופן צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין אַלע הויפלייט, און עמירן און וויזירן און הויכגעשטעלטע לייט און אַלע קאַדיס פון דער שטאָט און האָט אין זייער געגנוואַרט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן, אויף וועלכן ער האָט אַני־דערגעזעצט די פּרינצעסין בוכור, וואָס האָט איצט געטראָגן קייזערלאַכע קליידער.

און אַלע עמירן זיינען איר פאָרגעשטעלט געוואָרן און די

---

*) טויזנט און איין נאַכט.

הויכגעשטעלטע געסט האָבן געשטוינט און געגאַפּט פון איר שיינ-קייט און רייץ.

אין דער צייט, וואָס די פּרינצעסין בוכור איז דערקלערט געוואָרן פאַרן מושל פון לאַנד און איז געזעסן אויפן טראָן מיט גרויס שטאָלץ, האָט דער מלך אַרמאַנוס צוגעגרייט זיין טאָכטער כאַיאַט-ען-נופוז צו דער חתונה. זיי זייגען ביידע געווען וואונ-דערלאַך שיין און ענלאַך צו צוויי לבנות אָדער צוויי זונען אויף אַ לויטערן הימל.

נאָך דער פריילאַכער חתונה, אויף וועלכער עס האָט זיך משמח-געווען די גאַנצע שטאָט, האָט מען זיי אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ ברייטע בעט פון אַלבאַסטער און גאָלד.

אַריין אין צימער, האָבן זיך ביידע אויסגעטאָן, אָבער די פּרינצעסין בוכור האָט זיך דערמאָנט אָן איר געליבטן קאַמאַר-עס-זעמאַן, האָט זי זיך צעוויינט און אָנגעהויבן דעקלאַמירן אַ ליד:

דו האָסט, מיין ליבער, פּלוצלונג מיך פאַרלאָזן
און האָסט מיר פול געמאַכט דאָס הארץ מיט פּיין.
איך האָב אַ שיינע בעט, נאָר נישט פאַר דיר,
איך האָב אַ הייסן קוש, נאָר דו ביזט וויט פון מיר.

נאָכדעם האָט זי אַ קוש געטאָן די פּרינצעסין אין די ליפּן און איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן די הענט און אַ האַלבן גוף. אָבער זי האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַשן ביז די פּרינצעסין כאַ-יאַט-ען-נופוז איז איינגעשלאָפן.

דעמאָלט האָט זיך די פּרינצעסין בוכור אַנידערגעלייגט אין בעט, אָבער מיט דער פּלייצע צו כאַיאַט-ען-נופוז.

אינדערפרי איז דער מלך מיט דער מלכה אַריין אין שלאָפ-צימער און געפרעגט די טאָכטער, ווי זי שפּירט זיך און ווי איז צוגעגאַנגען די נאַכט. האָט זיי יענע אויספירלאַך דערציילט, ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט און וואָס פאַר אַ ליד איר יונגער מאַן האָט דעקלאַמירט.

אָבער די פּרינצעסין בוכור, וואָס איז פריער אַרויס פון

שלאָפּצימער, האָט אָנגעטאָן די קרוין און זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָן, און די עמירן, וויזירן און הויכע מיליטערלייט האָבן איר געקושט דעם שטויב פון אירע פיס און געבעטן גאָט פאַר איר געזונט און פאַר איר שיינקייט.

און זי האָט זיי געטיילט ערנקליידער און געהעכערט זייער פּענסיע און באַלייטזעליקט זיי מיט אַ ליבלאַכן שמייכל.

אינגיכן האָט דאָס גאַנצע פאָלק און די אַרמיי זי שטאַרק ליב באַקומען און אַלע האָבן געבעטן גאָט, זי זאָל לעבן אַ לאַנג גליקלאַך לעבן, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט חושד-געווען, אַז דאָס איז אַ פרוי.

די פּרינצעסין בוכור האָט זיך זייער אַריינגעטאָן אין דער מלוכה-אַרבעט און האָט עפטער אַרויסגעגעבן באַפעלן און פאַר-אָרדנונגען און געמשפט דאָס פאָלק און זיינע ענינים און באַ-פרייט פון די תפיסות אַ סך אומשולדיקע און באַזייטיקט די גרע-ניץ-אָפּצאָלונג.

ביז סאַמע נאַכט איז זי אַלץ געזעסן אין טראָן-זאַל, אָבער אַז עס איז געוואָרן זייער שפּעט, איז זי אַוועק אין שלאָפצימער, וואו די פּרינצעסין האָט שוין געוואַרט אויף איר.

דעמאָלט האָט די פּרינצעסין בוכור זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר אויפן בעט און זי געקושט אַזוי לאַנג אין די אויגן און געגלעט זי אַזוי לאַנג ביי די אַקסלען און ביי דער ברוסט, ביז יענע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דעמאָלט האָט זיך די פּרינצעסין צעוויינט און דעקלאַמירט אַ ליד וועגן איר אומגליק-לאַכן מאַן.

נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען זיך אַרומ-וואַשן, וואָס האָט אָבער געדויערט אַזוי לאַנג, ביז יענע איז איינגעשלאָפן און די פּרינצעסין האָט זיך אַנידערגעלעגט מיט דער פּלייצע צו איר.

אינדערפרי, באַלד ווי זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך אַרומגעוואַשן און אָפּגעזאָגט די פרימאָרגן-תפילה און תיכף אַוועק אין טראָן-זאַל, וואו זי האָט גענומען איבערקוקן די מלוכה-פּאַ-פּירן.

און איינמאָל אינדערפרי איז אַריין דער אַלטער מלך צו זיין טאָכטער אין שלאָפצימער און זי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט. האָט איס די טאָכטער אויספירלאַך איבערגעגעבן, ווי אַזוי זי האָט געשלאָפן און דערביי האָט זי באַמערקט:

„אָ, מיין פאָטער, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שעמעדיקן און פילבאַרן מענטשן, ווי מיין מאַן. ביינאַכט, בשעת ער באַדאַרף גיין צו זיין ווייב, טוט ער נאָר און ווייגט און זיפצט.“

האָט דער מלך געזאָגט:

„אָ, מיין טאָכטער, לאָמיר וואַרטן נאָך אַ נאַכט. אויב ער וועט אויך די נאַכט זיך אַזוי באַגיין מיט דיר, וועלן מיר שוין וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן מיט אים. איך וועל ביי אים צובעמען דעם טראָן און וועל אים פאַריאָגן פון מיין לאַנד.“

און אַזוי האָט דער פאָטער באַשלאָסן מיט זיין טאָכטער און ביידע האָבן אָפּגעוואַרט ביז מאָרגן.

און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, איז די פרינצעסין בוכור אַראָפּ פון טראָן און איז אַוועק אין שלאָפצימער און דאָרט האָבן שוין געברענט ליכט און די פרינצעסין כאַיאַט-ען-נופוז האָט געוואַרט אויף איר כלומרשטן מאַן אין בעט.

האָט זי די פרינצעסין בוכור אַ קוש געטאָן צווישן די ברעמען און געגלעט זי ביי דער ברוסט און גענומען דעקלאַמירן אַן אומעטיק ליד וועגן אַן אומגליקלאַכער ליבע, אָבער אין דער מינוט האָט זיך די פרינצעסין אויפגעהויבן פון בעט און אָנגענומען איר כלומרשטן מאַן ביי די הענט און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! שוין-זשע קאָנסטו זיך אַזוי באַגיין מיטן אַלטן מלך, וואָס האָט זיך צו דיר באַצויגן נאָך בעסער ווי אַ פאָטער צו אַן אייגן קינד? שוין-זשע ווייגט דיר נישט דאָס האַרץ אויף דיין גלייכגילטיקייט צו מיר? איך בין אַ יונגע פרוי און האָב קיין מאַן נישט און ווייס נאָך נישט פון יענע תענוגים, וואָס אַ מאַן קאָן געבן.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך די פרינצעסין בו-

כור אַנידערגעזעצט און געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטע, פאַרוואָס זאָגסטו עס?"

און כאַיאַט-ען-נופוז האָט זיך ווייטער אָנגערופן:

„איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ צופרידענעם מענטשן, ווי דו. שוין-זשע זיינען אַלע שיינע יונגעלייט אַזוי צופרידן מיט זיך? וויסן זאָלסטו, אַז איך זאָג עס אַלץ נישט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב דיר אַליין, ווייל דער מלך אַרמאַנוס האָט באַשלאָסן, אַז אויב דו וועסט ווייטער אויך זיין צו מיר אַזוי גלייכגילטיק ווי ביז אַהער, וועט ער דיך אַראָפּוואַרפן פון טראָן און אַרויסיאָגן פון זיין לאַנד. און עס קאָן נאָך מעגלאַך זיין, אַז ער זאָל דיך דערהרגענען. דעריבער מוז איך מיט דיר ריידן קלאָרע ווערטער, כדי דו זאָלסט וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן, זעסט דאָך, איך רייד מיט דיר קלאָרע ווערטער."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז די פּרינצעסין בודור בלאַס געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ סאַמע ביז צו דער ערד און זיך שטאַרק פאַרטראַכט.

„אויב איך וועל נישט דערפילן איר רצון,—האָט זי געטראַכט,—בין איך אַ פאַרפאַלענע, אויב, ווידער, מען זאָל מיך כאַפּן, אַז איך בין אַ פרוי, וועל איך מיך מבוזה-זיין פאַר דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָס ווייס איך, אַז איך מוז דאָ זיין, ווייל קאַמאַר-עס-זעמאַן מוז דורכגיין דאָס לאַנד פון שוואַרצן האָלץ. קיין אַנדער וועג האָט ער נישט, אויב ער גייט צו זיך אַהיים."

באַלד דערויף האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין געליבטע, וויסן זאָלסטו, אַז נישט אומזיסט בין איך צו דיר גלייכגילטיק."

און דאָ האָט זי איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, און נאָכדעם האָט זי צוגעגעבן:

„אָבער איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט און פון נביא, דו זאָלסט שווייגן און זאָלסט פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן דיין

האַרץ. אַז גאָט וועט מיר צוריק באַהעפטן מיט מיין געליבטן קאַמאַר-עס-זעמאַן, וועלן מיר שוין צוטראַכטן אַלע דריי אַ מיטל, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דעמדאָזיקן פּלאָנטער."

און כאַיאַט-ען-נופוז האָט געשטוינט און געגאַפט פון די דאָזיקע ווערטער, אָבער אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, האָט זי גרויס מיטלייד באַקומען אויף דערדאָזיקער אומגליקלעכער יונגפרוי, און זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שוועסטער, שרעק דיך נישט. מיין האַרץ וועט זיין אַ קבר פאַר דיין סוד און קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. זיי נאָר געדולדיק און גאָט וועט דיך שוין אויפריכטן."

נאָכדעם האָבן זיך ביידע הייס אַרומגענומען און זיך צוקושן אין די ליפּן און זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין און געשלאָפן ביז אינדערפרי, ווען די שטראַלן פון דער זון זיינען געפאַלן אויף זייערע צוגעמאַכטע אויגן.

און אַז דער מלך איז, ווי אַלעמאָל, אַריין צו דער טאָכטער אין שלאָפצימער און זי אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט, האָט די פּרינצעסין כאַיאַט-ען-נופוז געזאָגט:

„אָ, מיין גוטער פאָטער, היינט איז ער שוין צו מיר נישט גלייכגילטיק. ער האָט מיך הייס אַרומגענומען און איז געווען מיין מאַן."

דער מלך איז זייער צופרידן געווען פון דעמדאָזיקן ענטפער, האָט ער באַלד געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט און די גאַנצע שטאָט האָט זיך דריי טעג משמח-געווען. און דריי טעג איז די שטאָט באַפּוצט געווען מיט פענער און לאַמטערנעס.

און די פּרינצעסין בוכור פלעגט פּינקטלאַך אַלע טאָג זיצן אין טראָנזאַל און זיך ערנסט באַשעפטיקן מיט די מלוכה-ענינים.

איצט וועלן מיר אַ ווײַלע איבעררייסן די געשיכטע מיט דער פּרינצעסין בוכור און וועלן וועבן די וויטערדיקע דערציילונג פונם מלך שאַך-זעמאַן.

נאָכדעם, ווי זיין זון איז אַוועקגעפאָרן אויף יאַגד מיט מאַרזאַוואַנען, האָט דער מלך שאַך-זעמאַן געוואַרט נאָך אַ נאַכט,

אָבער אַז ער האָט געזען, אַז זיין זון קערט זיך נאָך אַלץ נישט אום פון וועג, איז ער אַזוי צומישט געוואָרן, אַז ער האָט נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג און האָט זיך בשום-אופן נישט געקאָנט באַרוהיקן.

אָבער אַז עס איז אַוועק נאָך אַ האַלבער טאָג און זיין זון האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן, האָט דער מלך גענומען רייסן די קליידער און די האָר אויפן קאָפּ און ער האָט אַזוי געוויינט, אַז מען האָט געהערט זיין געוויין אין גאַנצן פּאַלאַץ.

נאָכדעם, אַז ער האָט זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָט ער גע-הייסן זיינע חילות, זיי זאָלן זיך גרייטן אין וועג אַריין, ווייל ער וויל אַרויספאָרן זוכן זיין זון.

האָבן זיך די חילות באַלד אויסגעזעצט אויף די פערד און זיך צוטיילט אין זעקס מחנות און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין—ווער רעכטס און ווער לינקס, און ווער אין מזרח און ווער אין מערב. און דער מלך האָט מיט גרויס עצבות און צער געזאָגט צו זיין וויזיר:

„מאָרגן וועלן מיר זיך אַלע צוזאַמענטרעפן אויפן שייד-וועג."

די חילות זיינען אַרויסגעפאָרן אויף די זאַטע פערד אין פאַרשידענע ריכטונגען און אַזוי זיינען זיי געפאָרן אַ טאָג און אַ נאַכט און ערשט אויף מאָרגן האָבן זיך אַלע געטראָפן אויפן שיידוועג.

דאָ אָבער האָבן זיי געפונען צוריסענע קליידער, שטיקלאַך פלייש און סימנים פון בלוט. און אַז דער מלך שאַך-זעמאַן האָט עס דערזען, האָט ער אין גרויס אַנגסט אויסגערופן:

„אָ, מיין זון!"

און ער האָט גענומען רייסן אויף זיך די האָר און די באָרד און די קליידער, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז מען האָט דערהרגעט זיין זון. דערזען, אַז דער מלך איז פאַרצווייפלט און וויינט ווי אַ קינד, האָבן זיך אויך צעוויינט זיינע חילות, און דאָס גאַנצע פעלד איז באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן פון פאַרצווייפלונג און יאוש.

נאָכדעם האָט זיך דער מלך שאַך־זעמאַן צוריקגעקערט מיט זיינע חילות אין דער רעזידענצשטאָט, און ער איז געווען זי־כער, אַז זיין זון האָבן פאַרצוקט בלוטדורשטיקע חיות אָדער גזלנים האָבן אים דערהרגעט.

האָט ער באַפוילן די איינוואוינער פון לאַנד, מען זאָל באַפּוצן די שטאָט מיט שוואַרצע שטאָפן און די איינוואוינער זאָלן וויינען לאַכן, אַלס צייכן פון טרויער און ער האָט אויסגע־בויט אַ הויז און האָט עס אַ נאָמען געגעבן דאָס הויז פון זיפצן און געוויין.

אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פלעקט ער זיך באַשעפטיקן מיט די מלוכה־ענינים, אָבער די איבעריקע טעג פלעגט ער פאַר־ברענגען אינם הויז פון זיפצן און געוויין און דאָרט פלעגט ער פאַרגיסן טייכן טרערן אויף דעם אומגליק פון זיין זון.

דער אַלטער מלך שאַך־זעמאַן האָט אַזויאַרום געהאַט אַ שווערע עלטער און שווער איז אויך געווען דער פרינצעסין בו־כור, וואָס איז געזעסן אויפן טראָן אינם לאַנד פון שוואַרצן האָלץ און דאָס פאַלק האָט געזאָגט:

„זעט־נאָר, דאָס איז דעם מלך אַרמאַנוסעס איידעם.“

און בוכור האָט אַלע נאַכט געשלאָפן מיט דער פרינצעסין כאַיאַט־ען־נופוז און האָט איר אַלע נאַכט דערציילט פון איר גע־ליבטן קאַמאַר־עס־זעמאַן, וואָס איז אַזוי שיין, ווי די לבנה און קלוג ווי אַ נביא.

אין דער אייגענער צייט האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן געוואוינט אין גאָרטן ביים גערטנער און ער האָט אויך טאָג און נאַכט פאַר־גאָסן טרערן אויף זיין ביטערן גורל.

טיילמאָל פלעגט ער זיך דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געלעבט זייער גוט און האָט פאַרבראַכט די טעג אין פרייד און אין גליק צוזאַמען מיט זיין געליבטער פרינצעסין בוכור.

אָבער דער גערטנער פלעגט אים שטענדיק טרייסטן און פלעגט זאָגן, אַז צום סוף יאָר וועט קומען אַ שיף און וועט אים אָפּפירן אַהיים.

און איינמאָל האָט ער דערזען אַ גרויסע מחנה מענטשן

און דער גערטנער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון, אַרבעט נישט היינט, ווייל היינט איז יום-טוב און דאָס פאָלק גייט צו איינאַנדער אין געסט. היט בעסער דעם גאָרטן און איך וועל גיין זען, צי מען לאָדעוועט-אָן די שיף און דו וועסט אינגיכן קאָנען אַוועקפאָרן אין דיין לאַנד.״

איז דער אַלטער אַוועקגעגאַנגען און קאַמאַר-עס-זעמאַן איז געבליבן אַליין.

דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געריסן און טרערן זיינען אים געפאַלן פון די אויגן און ער האָט ביטער געוויינט אויף זיין מזל, וואָס האָט אים כסדר פאַרפאָלגט.

פון גרויס צורודערונג און אַנגסט איז ער אומגעפאַלן אויף דער ערד און האָט זיך צוהאַקט דעם שטערן און די טרערן האָבן זיך אים צוזאַמענגעמישט מיט בלוט.

האָט ער אויסגעווישט די טרערן און דאָס בלוט און איבערגעבונדן זיך דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און איז אַרומגעגאַנגען איבערן גאָרטן, ווי אַ טויטער מענטש.

שפּעטער, אַז ער האָט זיך עטוואָס באַרוהיקט און האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען, ווי צוויי פייגלאַך ראַנגלען זיך. איין פייגל האָט אָבער מנצח-געווען דעם צווייטן.

מיטן שנאָבל האָט ער אים אַראָפּגעפּיקט דעם קאָפּ און איז אַוועקגעפלויגן מיט אים און דער צווייטער פייגל, אָן דעם קאָפּ, איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד נעבן די פיס פון קאַ-מאַר-עס-זעמאַן.

אָבער אין דער אייגענער רגע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צוויי גרויסע פייגל אויף דער ערד. זיי האָבן זיך באַלד געשטעלט ביי דעם דערהרגעטן פייגל און האָבן אים באַדעקט מיט די פליגלען און זיך הויך צויאָמערט.

דערזען דעם צער פון די פייגל, וואָס באַוויינען דעם טויט פון זייער חבר, האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן זיך אויך צעוויינט, ווייל ער האָט געהאַט אַ ביטער האַרץ און האָט עפּטער געטראַכט פון טויט.

די פייגל האָבן דערוויל אויסגעגראָבן אַ גרוב און באַגראָבן דעם דערהרגעטן פייגל און באַלד דערויף האָבן זיי זיך אויפ-געהויבן צום הימל און האָבן געבראַכט דעם פויגל, דעם רוצח. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די פייגל האָבן גענומען פּיקן און רייסן שטיקער פליש פון דעם פייגל, דעם רוצח און זיי האָבן אים געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן אים געטויט.

דעמאָלט האָבן זיי מיט זיין בלוט באַגאָסן דעם קבר פון דעם ערשטן פייגל און זיין פליש צעוואָרפן און צוזייט אין אַלע זייטן.

קאַמאַר-עס-זעמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דערביי און זיך געחדושט, אָבער אַז ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו די שטיקער פליש פונם צעריסענעם פייגל, האָט ער דערזען אַ בלישטשעדיק שטיינדל.

איז ער צוגעגאַנגען נעענטער און אַרויסגענומען דאָס שטיינדל פונם פליש און דעמאָלט האָט ער דערזען, אַז דאָס איז יענער בריליאַנט, וואָס איז געווען די סיבה פון זיין אומגליק.

פון גרויס צעטומלונג און פחד האָט ער געחלשט, אָבער אַז ער איז שפּעטער געקומען צו זיך, האָט ער געטראַכט: „דאָס איז אַ גוטער צייכן, אַז איך וועל מיך אינגיכן זען מיט מיין ווייב."

ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און איז אַוועק אַהיים וואַרטן אויפן גאָרטן-שומר, אָבער אַז דער גאָרטן-שומר איז נישט געקומען, האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן אַנידערגעלעגט שלאָפן און געשלאָפן סאַמע ביז אינדערפרי.

אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אַרומגעוואַשן און אָפּגעזאָגט די פרימאָרגן-תפילה און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

ער האָט גענומען די האַק און אויסגעהאַקט אַן אַלטן וואָרצל, אָבער אַז ער האָט געגעבן דעם פינפטן קלאַפּ, האָט ער דער-הערט עפּיס אַ מאָדנעם קלאַנג.

האָט ער אָפּגעשאַרט די ערד, און דעמאָלט האָט ער דער-זען אַ טיר. האָט ער אויפגעהויבן די טיר און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפער גרוימער וואוינונג און דידאָזיקע וואוינונג איז אינ-

גאַנצן אָנגעפּילט געווען מיט גאָלדענע דוקאַטן.

האָט ער צוגעלעגט אַ האַנט צום האַרצן און געזאָגט:

„גענוג זיך געמוטשעט. איצט קערט זיך אום דאָס גליק, און עס הויבט זיך אָן אַ נײַ לעבן."

און ער איז אַרויס פון גאָרטן און פאַרמאַכט די טיר, און באַשאָטן זי, ווי פריער, מיט ערד, און נאָכדעם גענומען באַגיסן די ביימער. און אַזוי געאַרבעט ביז נאַכט.

דעמאָלט איז געקומען דער גערטנער און געזאָגט:

„אָ, מיין זון! איך האָב דיר געבראַכט זייער אַ פריילאַכע בשורה. דו קאָנסט שוין פאָרן אַהיים, ווייל די סוחרים זיינען שוין גרייט אין וועג אַריין. אין דריי טעג אַרום ועט קומען די שיף צו דער אינזל פון שוואַרצן האָלץ. פון דאָרט וועסטו אַפילו קאָנען מיט דער יבשה קומען צו דיין פאָטער, דעם מלך שאַך-זעמאַן."

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך זייער דערפרייט, האָט ער אַ קוש געטאָן דעם אַלטנס האַנט און געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, דו האָסט מיר געבראַכט זייער אַ גוטע בשורה, וועל איך דיר מיטטיילן דאָס אייגענע."

און ער האָט אים דערציילט פונם גאָלד, וואָס ער האָט געפונען אין דער וואוינונג אין דער ערד.

דערהערט, אַז אין אַ וואוינונג אין דער ערד איז פאַראַן גאָלד, האָט זיך דער גערטנער זייער דערפרייט און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, אַכציק יאָר ווי איך דין דאָ און היט דעם-דאָזיקן גאָרטן און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב נאָך דאָ קיינמאָל גאָרנישט געפונען, און דו ביזט דאָ נאָך וויניקער ווי אַ יאָר, האָסטו שוין געפונען אַן אוצר. דאָס איז אַ גוטער סימן. דאָס איז אַ סימן, אַז דו וועסט אינגיכן באַגליקט ווערן."

אָבער קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין פאָטער, דו וועסט אויך באַגליקט ווערן. דאָס גאָלד מוז גלייך פאַרטיילט ווערן צווישן אונז ביידן."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער דעם אַלטן אַראָפּגע-פירט אין דער אונטערערדישער וואוינונג און האָט אים געוויזן

הונדערט פעסער מיט גאָלדשטיק.

האָט ער גענומען זיך פופציק און האָט געגעבן דעם אַלטן פופציק, און דער אַלטער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, נעם די פעסלאַך און פאַרלייג זיי פון אויבן מיט טייטלען, וואָס וואַקסן ביי אונז אין גאָרטן. דאָס זיינען פּרעכטיקע טייטלען, וואָס וואַקסן נאָר ביי אונז. די סוחרים קויפן זיי מיט גרויס פאַרגעניגן. אגב וועט מען מיינען, אַז דו פירסט בלויז טייטלען און נישט קיין גאָלד."

קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט באַלד אַזוי געטאָן, ווי דער אַלטער האָט אים געהייסן.

אויפן דעק פון די פופציק פעסער האָט ער אַנידערגע-לייגט דאָס גאָלד און אויבן באַדעקט מיט טייטלען.

אין איין פאַס האָט ער אַריינגעלייגט דעם רויטן שטיין און האָט בעת-מעשה געטראַכט: „אַז איך וועל קומען אַהיים, וועל איך מיך באַלד נאָכפרעגן אומעטום אויף מיין ליבער בו-כור. איך ווייס נישט, וואו זי איז איצט: צי זי איז ביי איר פאָטער, צי ביי מיין פאָטער אָדער מיט איר האָט אפשר פּאַסירט עפּיס אין וועג. אָבער איך וועל זי זוכן אויף דער ערד און אין דער ערד."

און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָבן זיךביידע געלייגט שלאָפן און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אַלץ געטראַכט פון זיין ליבער בודור.

אָבער אינדערפרי האָט זיך דער אַלטער גערטנער נישט געקאָנט אויפהויבן און האָט זיך אָנגערופן צום יונגן פרינץ:

„אָ, מיין זון, איך בין זייער קראַנק."

און אויפן דריטן טאָג האָט זיך אַזוי פאַרשטאַרקט זיין מחלה, אַז קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך דערשראָקן און האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן.

אין דעמזעלבן טאָג איז געקומען דער אייגנטימער פון שיף און האָט געפרעגט:

„וואו איז דער יונגערמאַן, וואָס וויל מיט אונז פאָרן אויף דער אינזל פון שוואַרצן האָלץ."

איז קאַמאַר-עס-זעמאַן צוגעגאַנגען און געזאָגט:
„דאָס בין איך און איך וויל דאָס פאָרן."
האָט דער שיף-אייגנטימער געפרעגט:
„האָט איר עפּיס פראַכט אויך?"
„איך האָב",—האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן געזאָגט און האָט אים אָנגעוויזן אויף זיינע פעסער.
האָט דער שיף-אייגנטימער באַפוילן אַרויפצוטראָגן די פע-סער אויפן שיף, און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אים באַמערקט:
„מאַך עס שנעלער, ווייל דער ווינט דינט אונז איצט."
„איך הער און געהאָרך,"—האָט דער שיף-אייגנטימער גע-זאָגט און איז באַלד אַוועק צו דער שיף.
און קאַמאַר-עס-זעמאַן איז אויך אַוועק צו דער שיף, ווייל ער האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי עס ווערן אַרויפגעטראָגן זיינע פעסער מיט גאָלד, אָבער אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער שוין געטראָפן דעם אַלטן טויט. האָט ער אים צוגעמאַכט די אויגן און מטהר-געווען און באַגראָבן אין גאָרטן אונטער אַ בוים.
און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער קבורה, איז ער ווידעראַמאָל אַוועק צו דער שיף, אָבער אַז ער איז געקומען צום ברעג ים, האָט ער דערזען, ווי די שיף האָט זיך שוין לאַנג דערווייטערט פון ברעג.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז די שיף אַנטרונען געוואָרן פון זיינע אויגן.
איז קאַמאַר-עס-זעמאַן באַפאַלן אַזאַ אומעט און אַזאַ וויי, אַז די אויגן זיינען אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוטיקע טרערן, און אַז ער איז אַוועק אַהיים, האָט ער אַרויפגעשאָטן אַש אויפן קאָפּ.
נאָכדעם איז ער צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד און האָט אַזוי געוויינט, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן.
ער האָט איבערהויפּט געוויינט דערויף, וואָס ער האָט ווי-דעראַמאָל פאַרלאָרן זיין טייערן שטיין, און ער האָט אויפגע-הערט צו עסן און צו טרינקען און טאָג און נאַכט איז ער גע-לעגן און געוויינט.

די שיף איז דערווייל געגאַנגען צו דער אינזל פון שוואַרצן האָלץ. אָבער גאָט האָט גראָד געוואָלט, אַז די פּרינצעסין בוכור זאָל זיצן אין דער אייגענער צייט ביים פענסטער און באַמערקן די שיף, וואָס האָט פאַראַנקערט ביים ברעג.

דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט. איז זי אַרויס מיט די הויפליים אויפן ברעג, און דאָ האָט זי געזען, ווי מען לאָדט-אויס די שיף. האָט זי צוגערופן דעם שיף-אייגנטימער און געפרעגט, וואָס ער פירט, האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין גרויסער מלך, איך האָב דאָ אַראָמאַטישע און פאַרשידענע היילגראָזן, פלאַסטערס און וואָסערלאַך און טייערע געוועבן האָב איך און די בעסטע סחורות אין דער וועלט. איך האָב דאָ עסענציעס און ספּעציעס און אַזוינע טייטלען, וואָס מען קריגט זיי נישט אין דער גאַנצער וועלט, אויסער ביי מיר.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך איר פאַרגלוסט צו פּרובן די טייטלען און זי האָט זיך אָנגערופן צום שיף-אייגנטי-מער:

„האָסטו געבראַכט אַ סך טייטלען?״

און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, פּופּציק גרוי-סע פּעסער האָב איך. אָבער דער אייגנטימער פון דידאָזיקע פּע-סער איז נישט געקומען. ער האָט פאַרשפּעטיקט די שיף. אָבער פאַר דיר, גרויסער מלך, איז קיין שום פאַרבאָט נישטאָ און דו קאָנסט נעמען, וויפל דו ווילסט.״

האָט די פּרינצעסין בוכור געזאָגט:

„לאָד זיי מיר אויס. איך וויל זען, וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה.״

האָט מען באַלד אויסגעפּאַקט די סחורה און די פּרינצעסין בוכור האָט גענומען אַ טייטל אין דער האַנט אַריין און געזאָגט:

„גוט, איך נעם זיי אַלע, און באַצאָלן וועל איך דיר אַזוי פיל, וויפיל דו ווילסט אַליין.

דערויף האָט דער שיף-אייגנטימער געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, דידאָזיקע סחורה האָט ביי אונז

קיין שום ווערט נישט. אָבער דער בעל-הבית פון זיי איז אַן אָרימער מאַן.״

האָט אים די פּרינצעסין באַמערקט:

„טאָ זאָג אַ פּרייז, ווײַל איך דיר צוויפּיל באַצאָלן.״

האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„טויזנט זילבערשטיק.״

האָט זיך די פּרינצעסין צולאַכט און געזאָגט:

„גוט, איך צאָל דיר אַזויפיל. גיב מיר די סחורה אינגאַנצן.״

און די פּרינצעסין בוכור האָט באַפוילן, מען זאָל איבער-טראָגן די פּעסלאַך אין פּאַלאַץ אַריין.

ביינאַכט האָט מען אַרײַנגעטראָגן צו איר אין צימער אַ פּאַס מיט טייטלען און די פּאַלאַצדינער האָבן אים געעפנט און זיינען אַרויסגעגאַנגען. אין צימער איז קיינער נישט געווען אוי-סער איר און כאַיאַט-ען-נופוז.

האָבן זיי אויסגעלייגט די טייטלען אויפן טעלער, האָבן זיך גענומען שיטן גאָלדשטיק.

דערזען די גאָלדשטיק, האָט די פּרינצעסין אויסגערופן:

„גאָט אין הימל, דאָס איז דאָך ריין גאָלד!״ און באַלד דערויף איז זי אַוועק און באַקוקט אַלע פּעסלאַך און האָט איינ-געפונען, אַז אין זיי איז פאַראַן מער גאָלד, ווי טייטלען.

אינם גאָלד האָט זי אויך דערזען אַ רויטן שטיין, און אַז זי האָט אים גענומען אין דער האַנט אַריין, האָט זי באַלד דער-קאָנט, אַז דאָס איז איר שטיין, וואָס איז איר דעמאָלט פאַר-לאָרן געגאַנגען צוזאַמען מיטן מאַן.

דעמאָלט איז זי געפאַלן אין חלשות, אָבער אַז זי איז גע-קומען צו זיך, האָט זי געזאָגט: „דערדאָזיקער שטיין איז געווען די סיבה פון מיין צושיידונג מיט קאַמאַר-עס-זעמאַן. אָבער דאָס איז אַ גוטער סימן.״

באַלד דערויף האָט זי מיטגעטיילט דער פּרינצעסין כאַיאַט-ען-נופוז, אַן זי האָט געפונען דעם שטיין און איר דערביי גע-זאָגט, אַז זי האָפט איינגיכן זיך צו זען מיטן מאַן.

אינדערפרי איז זי, ווי דער שטייגער איז, אַרויף אויפן

טראָן און געהייסן, מען זאָל אַריינפירן דעם אייגנטימער פון דער שיף, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די וואַסערן פון איר מלוכה.

און אַז דער אייגנטימער איז אַריינגעקומען, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

„זאָג מיר, וואו איז דער באַלעבאָס פון דידאָזיקע טייטלען?"

האָט דער שיף־אייגנטימער אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם מלכס פיס און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אין דעם לאַנד פון כשופמאַכער. אַ גערטנער איז ער."

האָט די פרינצעסין בוכור געזאָגט:

„אויב דו וועסט אים נישט ברייגגען באַלד אַהער, וועט געשען מיט דיר און דיין שיף אַ גרויס אומגליק. זאָלסט עס וויסן און זיך איינקריצן עס אין זכרון."

און זי האָט באַלד באַפוילן, מען זאָל פאַרשליסן די שיף אין האַפען און פאַרחתמענען די סחורות, און צו דעם שיף־אייגנ־טימער האָט זי געזאָגט:

„דער באַלעבאָס פון דידאָזיקע טייטלען האָט מיך שטאַרק באַליידיקט, און אויב דו וועסט מיר אים נישט ברייגגען, וועל איך דיר אַראָפּנעמען דעם קאָפּ און צונעמען דיינע סחורות."

האָט זיך דער שיף־אייגנטימער זייער דערשראָקן, האָט ער גלייך געגומען אַ שיף און זיך אומגעקערט אינם לאַנד פון די כשופמאַכער, וואוהין ער איז געקומען בשלום און איז באַלד ביי־נאַכט אַוועק אין גאָרטן צו דעם יונגנמאַן פון די טייטלען.

ווי אַלעמאָל האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן נישט געשלאָפן, גע־לעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט פון זיין ליבער בוכור, וואָס גאָט ווייס, ווען ער וועט זיך זען מיט איר און פון זיי־נע אויגן האָט זיך געגאָסן טרערן.

אין דידאָזיקע שווערע רעיונות און טרערן האָט ער פּלוצ־לונג דערהערט, ווי עס גייען אַ סך מענטשן, האָט ער זיך אויפ־געהויבן און בעגאַנגען עפענען די טיר פון גאָרטן, אָבער דאָ האָבן אים באַלד אַ כאַפּ געטאָן די מאַטראָזן, אַרויפגעזעצט אויף

דער שיף, אויף וועלכער מען האָט אויגנבליקלאַך פונאַנדערגע־לאָזט די זעגלען און די שיף איז אַוועק אין אָפענעם ים אַריין.

זיי זיינען געפאָרן טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט נישט געוואוסט צו וואָס און וואוהין מען פירט אים.

און אַז ער האָט געפרעגט, פאַרוואָס באַגייט מען זיך מיט אים אַזוי, האָט מען אים געזאָגט:

„דו האָסט באַליידיקט דעם מלך פון דער אינזל פון שוואַרצן האָלץ, דעם זון פון אַרמאַנוס און האָסט באַגנבעט זיין גאַנץ פאַרמעגען. אַך, דו אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט, דיין ווייסטער סוף איז געקומען!"

האָט ער געגלאָצט מיט די אויגען און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך בין קיינמאָל נישט געווען אין דעמדאָזיקן לאַנד און איך קאָן זיי קיינעם נישט."

אָבער זיי האָבן אים גאָרנישט געענטפערט דערויף און ער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס און צו וועמען מען פירט אים.

און די שיף איז דערווייל געגאַנגען איר וועג און אַז מען איז, צולעצט, געקומען צו דער אינזל פון שוואַרצן האָלץ, האָט מען אים אַוועקגעפירט צו דעם יונגן מלך.

באַלד האָט אים די יונגע פרינצעסין בודור דערקאָנט און האָט אים תיכף איבערגעגעבן צו די האַרעמדינער, זיי זאָלן אים אַוועקפירן אין באָד, און נאָכדעם האָט זי דעם שיף־אייגנטימער געשיינקט ערנקליידער, וואָס האָבן געקאָסט צענטויזנט גאָלד־שטיק.

און ביינאַכט, אַז זי איז אַריבער פון טראָנזאַל אין שלאָפ־צימער, האָט זי פערציילט פון דעם אַלעם דער פרינצעסין כאַ־יאַט־ען־נופוז, און דערביי באַמערקט:

„אָ, מיין טייערע, ער איז דאָ, מיין שאַך־זעמאַן, מיין טייערער מאַן, אָבער דאָס איז מיין סוד און דו זאָלסט קיינעם גאָרנישט דערציילן, ביז די זאַך וועט נישט אָננעמען אַ גוטע ווענדונג און ביז זי וועט ווערט זיין פאַרשריבן צו ווערן אין

אַ בוך לדור-דורות.״

נאָך דער באָד איז קאַמאַר-עס-זעמאַן איבערגעטאָן געוואָרן אין קייזערלאַכע קליידער און ער איז אַרויס פון דאָרטן, ווי אַ צווייגעלע פון אַ ווערבעבוים אָדער ווי אַ שטערן, וואָס האָט פערשעמט מיט זיין שיינקייט די זון און די לבנה.

ער האָט זיך באַלד באַרוהיקט און האָט אויסגעזען ווי דער אַמאָליקער שיינער פּרינץ.

געקומען אין פּאַלאַץ, איז ער גלייך אַריין אין טראָנזאַל, און אַז די פּרינצעסין האָט איהם באַמערקט, האָט זי זיך קוים באַהערשט, ווייל דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט און ווייל זי האָט אים געוואָלט אַ קוש טאָן צווישן די ברעמען, און זי האָט שטיל געשעפּטשעט צו זיך:

„ביי גאָט, דאָס איז דער אייגענער קאַמאַר-עס-זעמאַן, מיין ליבער מאַן, וואָס איז נישט איין מאָל געלעגן אין מיינע אָרעמס. ווען איך וואָלט נישט מורא-געהאַט פאַר מיין שטאַנד און פאַר מיין לאַגע און פאַר מיין מאָרגנדיקן טאָג, וואָלט איך איצט אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס און וואָלט זיך צולאַכט פון גרויס שמחה און גליק, אָבער דערווייל מוז איך שווייגן.״

און די פּרינצעסין בוכור האָט אויפגעהויבן אירע שיינע אויגן צום יונגן פּרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן און האָט זיך אָנגערופן:

„נו, ווי פילסטו זיך, מיין ליבער? גלויב מיר, קיין שום בייז וועט דיר נישט געשען. אַ טרייע האַנט וואַכט איבער דיר.״

האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן זיך טיף פאַרנייגט פאַרן פאַרשטעלטן מלך און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן אויף דידאָזיקע ווערטער, ווייל די גאַנצע צייט האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן און די גאַנצע צייט האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן דעם יונגן מלך, וואָס באַגייט זיך מיט אים אַזוי גוט און מיט אַזויפיל חסד, און ער האָט זיך געזאָגט:

„ביי גאָט, אַזאַ ליבע קאָן נישט זיין אויף דער וועלט אָן עפּיס אַ סיבה. דערדאָזיקער יונגער מלך מוז זיכער האָבן עפּיס אַ פאַרבאָרגענע כּונה, און ער איילט זיך, קענטיק, נישט, ווייל ער זוכט אַ פּאַסנדיקע געלעגנהייט צו ריידן מיט מיר דעריבער.״

און איינמאָל האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן זיך אָנגערופן צו דער פּרינצעסין בוכור:

„אָ, מיין גרויסער מלך, מער ווי גוטס און גרויסע חסדים זע איך נישט פון דיר. אויב דו האָסט אָבער אַזאַ גוט האַרץ, טאָ זיי שוין גוט ביזן סוף: דערלויב מיר אַוועקצעפאָרן פונדאַנען. דאָס וועט זיין דער גרעסטער חסד, וואָס דו וועסט מיר אַרויסווייזן.‟

און די פּרינצעסין בוכור האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער, זאָג מיר, פאַרוואָס ווילסטו אַוועקפאָרן? דאָ איז דיין לעבן און גוטס געזיכערט, אָבער אין וועג קאָן מען דיך נאָך דערהרגענען.‟

האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן און געזאָגט:

„אָ, מיין אומפאַרגלייכלאַכער מלך פון די רעכטגלויביקע, איך קאָן נישט לייגן פאַר דיר און מוז דיר זאָגן דעם אמת, כאָטש דאָס זאָל מיר קאָסטן דאָס לעבן. האַרך, מיין גרויסער מלך, מיך חדושט זייער, וואָס דו ווייזט מיר אַרויס אַזוינע גרויסע חסדים אָן, ווי עס שיינט, אָן אַ שום סיבה. אָבער איך מיין, אַז אָן אַ שום סיבה קאָן בכלל קיין גוטס, ווי קיין שלעכטס נישט געטאָן ווערן. זאָג, וואָס האָסטו פאַרטראַכט געגן מיר?‟

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אים די פּרינצעסין בוכור אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, און דאָרט, אונטער פיר אויגן, אַנטפּלעקט פאַר אים דעם גאַנצן אמת, און ער, אַז ער האָט דערהערט און דערזען, אַז דאָס איז זיין ווייב, די פּרינצעסין בוכור, די טאָכטער פונם מלך על-האַיור, וואָס געוועלטיקט איבער זיבן אינזלען און ימים, איז אים צוערשט נישט גוט געוואָרן און נאָכדעם האָט ער זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און זי אַזוי הייס און לאַנג געקושט, ביז די אונטערשטע ליפּ האָט אים געפּלאַצט.

נאָכדעם, אַז זיי האָבן זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָט זי אים דערציילט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, און ער, ווידער, האָט איר אויך דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פאַ-

סירט, אָבער ביידע האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו באַשליסן.

נאָר אויף מאָרגן, אַז די נאַכט איז צורונען און אַ שיינער טאָג איז אויפגעגאַנגען, איז די פּרינצעסין בוכור אַוועק צום מלך אַרמאַנוס און האָט אים פאַרציילט דעם גאַנצן אמת, אַז זי איז נישט קיין מאַן, נאָר אַ פרוי און אַז זי האָט אַ מאַן און דער מאַן איז נישט קיין אַנדערער, נאָר דוקא קאַמאַר-עס-זעמאַן, וואָס געפינט זיך אין פּאַלאַץ און אַז זי האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט און האָט געמוזט גענאַרן דעם חשובן מלך אַרמאַנוס.

און דער מלך אַרמאַנוס האָט עס אַלץ אויסגעהערט און געשטוינט און געדריקט מיט די אַקסלען און זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּחדושן.

און ער האָט געהייסן, מען זאָל דאָס איינשרייבן מיט גאָלדענע אותיות אין אַ באַזונדער ספר פאַר די קינפטיקע דורות און נאָכדעם האָט ער אַריינגערופן דעם יונגן פּרינץ קאַמאַר-עס-זעמאַן און האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין חשובער בן-מלך, איך קאָן דיך אָפּלאָזן מיט גרויס פאַראַד און שמחה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ בן-מלך, ווי דו ביזט, אָבער איך וויל דיך פריער פרעגן: אפשר ווילסטו חתונה-האָבן מיט מיין טאָכטער כאַיאַט-ען-נופוז און איבערנעמען דעם טראָן פון מיין מלוכה? זאָלסט וויסן, אַז מיין טאָכטער כאַיאַט-ען-נופוז איז שיין, ווי די לבנה.”

האָט קאַמאַר-עס-זעמאַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך טיף פאַרנייגט פאַרן מלך אַרמאַנוס און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, דער כבוד פון דיין פאָרשלאַג איז אומענדלאַך גרויס פאַר מיר און ער אי-בעררעשט מיך פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער פריער מוז איך זיך מיישב-זיין מיט דער פּרינצעסין בוכור, וואָס איר בין איך דאַנק-באַר פאַר מיין גאַנץ לעבן און אַפילו פאַר דער איצטיקער שעה, וואָס איך שטיי דאָ פאַר דיר.”

אָבער דאָ האָט זיך אָנגערופן די פּרינצעסין בוכור, וואָס איז דערביי געשטאַנען און געהערט די רייד פונם יונגן פּרינץ:

„אָ, מיין ליבער פּרינץ, אויב דו וועסט נאָר וועלן, וועל

איך דיר נישט שטערן. דו קאָנסט מיט איר חתונה־האָבן, און איך וועל דינען דיין ווייב מיט ליב און לעבן, מחמת ווי דו ביזט מיר דאַנקבאַר פאַר דיין לעבן, באַדאַרף איך איר דאַנקבאַר זיין פאַר מיין לעבן, און אַפילו אַ שוועסטער וואָלט אַזוי נישט געדינט אַ שוועסטער, ווי זי האָט מיר געדינט. אָ, מיין ליבער קאַמאַר־עס־זעמאַן, דאָס איז אַ פרעמד לאַנד און מיר מוזן צאָלן מיט גוטס פאַר גוטס.״

האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן איינגעזען, אַז די פרינצעסין בוכור גיט איר הסכמה דערויף און אַז זי אייפערט נישט און אַז אירע אויגן שמייכלען מיט ליבע און גליק, האָט ער זיך אָנגערופן צום מלך אַרמאַנוס, אַז ער איז גרייט חתונה־צו־האָבן מיט זיין טאָכטער כאַיאַט־ען־נופוז.

האָט זיך דער מלך אַרמאַנוס זייער אַ צופרידענער אויפגעהויבן פון זיין שטול און ער איז אַרויס צום פאָלק, וואָס האָט אים באַגריסט מיט התלהבות און שמחה און נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט אין פאַלאַץ און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָן און געהייסן צונויפרופן אַלע וויזירן און עמירן און עפענדיס און גרויסע לייט, און אַז זיי אַלע האָבן זיך אין דער איינער רגע געשטעלט פאַרן מלך, האָט ער זיי מיטגעטיילט און פאַרציילט די גאַנצע געשיכטע פון קאַמאַר־עס־זעמאַן און זיין ווייב, די פרינצעסין בוכור, וואָסביידן האָט צושיידט אַ שלעכטער פייגל און דערביי האָט ער מוסף־געווען, אַז קאַמאַר־עס־זעמאַן ווערט זיין איידעם און פאַרטרעט זיין טראָן און אַלאַ, געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין, וועט זיי אודאי באַשיינקען מיט גליק און לאַנגע יאָר.

דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן דער גרויסוויזיר און האָט זיך פאַרנייגט און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פונם מלכס פיס און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין גרויסער גוטער מלך, קאַמאַר־עס־זעמאַן איז געווען דער מאַן פון דער פרינצעסין בוכור און די פרינצעסין בוכור איז פריער געזעסן אויף אָט דעם טראָן און האָט געוועלטיקט איבער אונז. מיר זיינען, אָ, גרויסער מלך, העכסט צופרידן

וואָס אַ פרוי באַפּרייס דעמדאָזיקן אומבאַפּלעקטן טראָן און וואָס אויף אים וועט איצט זיצן אַ מאַן, וואָס איז שיין ווי די לבנה און וועלכן מיר וועלן דינען טריי און ערלאַך ביז דער לעצטער רגע פון אונזער לעבן, ווי מיר קאָנען דינען."

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט דער מלך אַרמאַנוס אַריינגערופן אַ קאָדי און עדות און די גרעסטע מלחמה-פירער פון זיין מדינה און אין דעם אייגענעם טאָג זענען געשריבן געוואָרן די תנאים און די געסט האָבן זיך משמח-געווען.

נאָך די תנאים האָט דער אַלטער מלך באַשיינקט מיט די טייערסטע ערנקליידער אַלע זיינע וויזירן, עמירן, עפּענדים און מלחמה-פירער און נאָכדעם האָט ער צונויפגערופן אַלע אָרימע לייט פון זיין מדינה און האָט זיי געטיילט נדבות.

און דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט מיטן נייעם מלך קאַמאַר-עס-זעמאַן און אין אַלע מעטשעטן האָט מען געבעטן צו גאָט, אַז דער נייער מלך זאָל לעבן אַ לאַנג לעבן.

און שוין אין דער אייגענער וואָך, ווען קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנידערגעזעצט אויפן טראָן, האָט ער מבטל-געמאַכט די גרעניצשטייערן און די תפיסות פאַר אומשולדיק-פאַרמשפּטע און האָט אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג און ליבע צו דער אָרימער באַפעלקערונג פון זיין מדינה. דאָס איז געווען אַ מלך, וואָס האָט זיך מיט גרויס ליבע אַראָפּגעלאָזט צו זיין פאָלק, און ער האָט קיין פאַלשקייט נישט דערלאָזט און קיין מחלוקת נישט דערלויבט און דאָס געזעץ האָט ער אָפּגעהיט און געלעבט האָט ער מיט זיינע צוויי ווייבער ווי מיט צוויי טויבן. ביידע ווייבער האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט, צו וועלכער פון זיי באַציט ער זיך בעסער, ווייל ער האָט זיי ביידן גלייך ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן.

און לאַנג האָט דער מלך קאַמאַר-עס-זעמאַן געלעבט מיט זיינע ווייבער אין גדולה און גליק און ער האָט גאָר פאַרגעסן אין זיין פאָטער, דעם מלך שאַך-זעמאַן, וואָס האָט אים אָבער קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די געשיכטע פון די צוויי פרינצן על־אמדזשאד און על־אסאד.

הויבט זיך אָן אינמיטן פון דער צווייהונדערט פערציקטער נאַכט און ענדיקט זיך אינמיטן פון דער דרייהונדערט צוואַנציקטער נאַכט.

דער גרויסער אלא (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!), וואָס נאָר ער, דער איינאיינציקער, געוועלטיקט איבער דער גאַנצער וועלט, איבער מענטש און חיה, פיש און פייגל, האָט, צולעצט, מזכה־געווען דעם מלך קאַמאַר־עס־זעמאַן מיט צוויי זין פון ביידע ווייבער.

ביידע ייִנגלאַך זיינען געווען ענלאָך צו צוויי לבנות.

די מוטער פונם עלטערן פרינץ איז געווען די פרינצעסין בוכור און געהייסן האָט ער על־אַמדזשאַד און די מוטער פונם ייִנגערן פרינץ איז געווען די פרינצעסין כאַיאַט־ען־נופוז און געהייסן האָט ער על־אַסאַד, אָבער דער ייִנגערער איז געווען שענער פונם עלטערן.

געוואַקסן זיינען זיי אין גליק און גוטס און געלערנט האָבן זיי העפלאַכקייט און איידלקייט און קאַליגראַפיע און רייטן און פאַרשידענע וויסנשאַפטן און די קונסט צו פירן אַ מלוכה.

אַז זיי זיינען געוואָרן פוליעריק און מער זעלבשטענדיק און האָבן זיך געקאָנט ווייזן אין גאַס אָן אַ באַזונדערער השגחה, האָבן זיי אויסגעזען אַזוי שיין, אַז קינדער זיינען זיי נאָכגעלאָפען און פרויען האָבן זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן און שרעקליך געציטערט אויפן גאַנצן לייב.

ביז זיבעצען יאָר האָבן זיי שטענדיק געלעבט אין איין פאַלאַצל און האָבן זיך קיינמאָל נישט צושיידט, און אַלע האָבן זיי מקנא-געווען.

אָבער אַלאַ (געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין!) האָט, קענטיק, אַזוי געוואָלט, אַז אַלע שקלאַפינס פון מלך, די סאַמע שענסטע און די סאַמע געטרייסטע, זאָלן זיך פאַרליבן מיט האַרץ און לייב אין די יונגע פרינצן. און אין די שטילע אָוונטן, בשעת דער פאַלאַץ איז געשטאַנען פאַרטרונקען אין פינסטערניש, האָבן די שקלאַפינס פאַרנאַרט די יונגע פרינצן צו זיך און זיי געקושט און געדריקט צו דער ברוסט און זיי איינגעשלאָסן אין די אָרעמס, און אַז איינע פון די מוטערס האָט עס אַמאָל באַמערקט, האָט זי בעת-מעשה געטראַכט, אַז דאָס איז נישט קיין ליבע, נאָר גוטסקייט און געטריישאַפט.

אָבער די ליבע האָט, ליידער, אַזוי צופלאַקערט די שקלאַפינס, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען און צו שלאָפן און אַ פייכטקייט האָט שטענדיק באַדעקט זייערע אויגן.

און איינמאָל איז דער מלך אַוועק אויף יאַגד און אָנגעזאָגט זיינע זין, זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט די וויכטיקע מלוכה-ענינים. אַזויאַרום איז על-אַמדזשאַד, דער עלטסטער זון פון דער פרינצעסין, געזעסן צום ערשטן מאָל אינם טראָנזאַל און געמשפט דאָס טרייע פאָלק און זיינע ענינים.

און דעמאָלט, בעת על-אַמדזשאַד איז געזעסן אין משפּט-זאַל, אַריינגעטאָן אין די ענינים פון פאָלק, האָט די פאַלאַצ-

שקלאַפּין, װאָס איז מיט האַרץ און לייב געװען פאַרליבט אין אים, געשריבן צו אים אַ בריף, װײַל זי האָט שוין נישט גע־קאָנט פאַרבאָרגן איר ליבע, װאָס האָט זי געפּייניקט מיט די גרעסטע יסורים, און זי האָט אים מיטגעטיילט, אַז זי האָט אים ליב און קאָן שטאַרבן פאַר אים און אַז אויב ער װעט נאָר פאַרלאַנגען, װעט זי זיך אים איבערגעבן אין זיינע אָרעמס און װעט זיך באַהעפטן מיט אים מיט צוגעמאַכטע אויגן.

פּאַפּיר און טינט האָט זי גענומען און האָט אים אָנגע־שריבן דידאָזיקע װערטער:

„פון אַן אָרימער פאַרליבטער פרוי, װאָס דער טרויער און דער פּיין װאױנט איר אין די אויגן, װאָס איר יונג בלוט װערט פאַרברענט פון ליבע און װאָס אָן דיר איז איר פינסטער די װעלט. װען איך װאָלט דיר געװאָלט באַשרייבן מיין װיי און אַנגסט, מיין צער און יסורים, װען איך װאָלט דיר געװאָלט באַשרייבן מיין אומעט און מיין פּחד, און װי אַזוי איך עס נישט און איך טרינק נישט און איך שלאָף נישט און װי אַזוי איך געפין זיך קיין אָרט נישט און װי אַזוי עס װערט מיר צוריסן דאָס האַרץ אויך שטיקער און װי אַזוי עס איז מיר פינסטער מיין װעלט און װי אַזוי איך גיי־איין, װי אַ ליכט און װי אַזוי איך רייס אויף זיך די האָר פון פאַרצװייפלונג—װען איך װאָלט דיר עס אַלץ געװאָלט באַשרייבן, װאָלט מיר נישט געקלעקט קיין טינט און קיין פּאַפּיר און קיין צייט. װיסן זאָלסטו, אַז עס איז מיר איינג אויף דער װעלט און אויפן הימל און אַז איך זע שוין מיין טויט מיט די גסיסה־יסורים. היינט אָדער מאָרגן, אָבער װיסן זאָלסטו, אַז איך גיי־אַװעק אַ יונגע פון דער װעלט. איך װעל נישט איבערלעבן דידאָזיקע יסורים.״

און צולעצט האָט זי צוגעשריבן:

נישט אַלע ליידן קאָן אַ מענטש פאַרציילן,
נישט אַלע װייען קאָן ער איבערגעבן.
עס הייגט אַ שװערער שלאָס אים אויף די ליפּן
און זיינע פרייע טרים פאַרהאַלט אַ שמאָלע צוים.
דער הימל איז מיר פינסטער און פינסטער איז מיין לעבן,

דער טאָג איז מיר 'אַ נאַכט און שונאים—מיינע פריינט.
איך ווייס נישט, ווי מען עסט און ווי מען שלאָפט אין מנוחה,
די ליבע האָט געטויט אין מיר די רו.

נאָכדעם האָט זי גענומען אַ שטיקל זייד און איינגעוויקלט דערין דעם בריף און אַריינגעלייגט דערין אויך אַ לאָק, וואָס זי האָט זיך אָפּגעשניטן און באַשפּריצט און באַגאָסן עס מיט מאָשוס-וואַסער און אַמבערוואַסער און איבערגעגעבן דאָס אַלץ דעם האַרעמדינער, ער זאָל עס וואָס שנעלער אַוועקטראָגן דעם יונגן פּרינץ אין משפטזאַל.

און דער האַרעמדינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּעקעלע (ווייל דער, וואָס ווייס די סודות, טוט ער ווי ער פאַרשטייט), איז ער אַריין אין משפטזאַל, און נאָכדעם ווי ער האָט דעם פּרינץ על-אַמדזשאַד אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון די פיס, האָט ער אים איבערגעגעבן דאָס פּעקעלע.

האָט דער פּרינץ על-אַמדזשאַד גענומען דאָס שטיקעלע זייד און פאַנאַנדערגעוויקלט עס און געפונען דערין דעם בריף און איבערגעלייענט, און דעמאָלט, אַז ער האָט משיג געווען דעם אינהאַלט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז דידאָזיקע פרוי באַגייט זיך נישט ערלאַך מיט זיין פאָטער, דעם מלך קאַמאַר-עס-זעמאַן.

און דער פּרינץ איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט בעת-מעשה אויסגעשריען, אויפהויבנדיק אַ האַנט אין דער הויך:

„פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די פאַלשע פרויען, וואָס קאָנען נאָר פאַרראַטן!"

און באַלד דערויף האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד פון שיידל און האָט זיך אָנגערופן צום האַרעמדינער, קריצנדיק מיט די ציין:

„וויי צו דיר, געמיינער קנעכט, וואָס דו ביזט! ווי אַזוי האָסטו זיך דערלויבט מיר צו ברייגנען אַן אומווירדיקן בריף פון אַ פרוי, וואָס געהערט צו דיין האַר? איך שווער ביי גאָט, אַז איר, נעגרעס, זייט אַלע פאַלש און געמיין און זייט אויך

אזוי העסלאך אינערלאך, ווי אויסערלאך."

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בלויזן שווערד איבערן האַלז, אָבער דער קלאַפּ איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז דער שוואַרצער קאָפּ פון נעגער איז תּיכף-ומיד אַראָפּגעפלויגן פון זיינע אַקסלען.

נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס פּעקעלע און איז אַוועק דערמיט צו דער מוטער און זיך אָנגערופן צו איר:

„אָ, פרויען, איר זייט אַלע פאַלש און איינע ערגער פון דער צווייטער. ביי גאָט, ווען נישט מיין פאָטער, פאַר וועלכן איך האָב גרויס פורכט און אָפּשיי, וואָלט איך דערדאָזיגער שקלאַפין אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, ווי איך האָב געטאָן מיטן שוואַרצן האַרעמדינער!"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיין מוטער אַ זאָג געטאָן:

„אָ, מיין זון, דו רעדסט צו־האַסטיק."

אָבער על־אַמדושאַק האָט איר גאָרנישט געענטפערט דערויף און איז אַוועק צו זיך אין צימער, וואו ער איז געזעסן אין גרויס קלעמעניש און פאַרדרוס אויף די פרויען, און ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער האָט נישט געקאָנט עסן.

און באַלד האָט זיך דערוואוסט די שקלאַפין, וואָס דער פרינץ על־אַמדושאַד האָט געטאָן מיטן האַרעמדינער, איז זי געוואָרן ווייס און רויט און בלוי און אין ווילדן האַס האָט זיך פאַרוואַנדלט איר ליבע און זי האָט געפלוכט און געשאָלטן דעם פרינץ מיט די שוואַרצעסטע קללות און האָט זיך געגעבן אַ וואָרט צו נעמען נקמה אין אים.

אויף מאָרגן איז שוין זיין ברודער געזעסן אין משפּט־זאַל און געמשפּט דאָס פאָלק און אויסגעהערט די סאַמע וויכטיקסטע מלוכה־ענינים סאַמע ביז דער נאָכמיטאָג־תּפילה, אָבער די שקלאַפין, וואָס איז געווען פאַרליבט אין אים, איז אין דער אייגענער צייט אַוועק צו אַן אַלטער בייזער מכשפה און איר אָפּנהערציק דערציילט, אַז זי איז ביז קראַנקהייט און משוגעת פאַרליבט אינם יונגן פרינץ על־אַסאַד און נאָכדעם האָט זי גענומען פּאַפּיר און טינט און

טויזנט און איין נאַכט

האָט אים אָנגעשריבן אַ בריף, אין וועלכן זי האָט באַקלאָגט אי־רע ליבע־יסורים. אָט איז, אַ שטייגער, דער בריף פון דער שקלאַ־פין צו דעם יונגן פרינץ על־אַסאַד:

„פון דער שקלאַפין, וואָס שטאַרבט־אַוועק פון צופיל ליבע און גלוסטן, צו דעם שענסטן יונגלינג אויף דער וועלט, וואָס קערט זיך אָפּ מיט גרויס שטאָלץ פון דעריעניקער, וועלכע וויל זיך אים אָפּגעבן מיט גרויס פייער און אימפעט, צו דעם שלעכטן און שטאָלצן על־אַסאַד, וואָס איז שיין, ווי הונדערט לבנות, וואָס זיין לייב לייכט, ווי די בלעטעלאַך פון אַ וואַסערליליע, וואָס איז קלוג, ווי אַ נביא און פריש, ווי די טייכגראָזן. און איך שרייב דיר, אַז מיין לייב ווערט צושרפט און מיינע יונגע ביי־נער זיינען ווייך געוואָרן פון ליבע. און וויסן זאָלסטו, אַז מיין געדולט האָט שוין לאַנג געפּלאַצט און אַ שוואַרצע פאַרצווייפלונג האָט באַדעקט מיינע אויגן. מיינע גלוסטן צו דיר זיינען שטאַרק, אָבער מיין אַפּעטיט צום עסן איז שוואַך. איך גיי אַוועק פון עסטיש מיט אַ צובראָכן געמיט און מיט שנאה קוק איך אויף מיין איינזאַמער בעט. אויב דו ביזט פעהיק צו דערהרגענען אַ פרוי, וואָס שלאָפט נישט קיין נעכט און וואָס האָט דיך ליב ביז די סאַמע שווערסטע קראַנקהייטן און משוגעת, טאָ זאָל דיך גאָט באַשיצן און באַשירמען, ווייל אַזאַ איינער ווערט קיינמאָל נישט אויסגעלייטערט אין גיהנם.”

נאָכדעם האָט זי צוגעגעבן דאָסדאָזיקע ליד:

ביזט שיין און שענער נאָך פון הימל און לבנה.
דיין אויג איז ענלאַך צו אַ טיפן קוואַל.
דיין לייב באַשטייט פון זון נאָך האַלבן טאָג,
דיין פּוס איז ענלאַך צו אַ הימלזייל.
אָ, נעם מיך אין דיין אָרעם, שליס מיך איין,
מיט פּוח דריק מיך צו דיין שטאָלצער ברוסט.
איך וועל דיר שיינקען אַלץ, וואָס קאָן נאָר זיין
ביי אַ יונגער, הייסער, שיינער פרוי.

נאָכדעם האָט זי באַגאָסן דעם בריף מיט רויזנוואַסער און זיך אָפּגעשניטן אַ לאָק, וואָס איז ענלאַך געוועזן צו פיינע זייד,

און אים אַרײַנגעלייגט אינם בריף און איבערגעגעבן דאָס אַלץ דער אַלטער מכשפה, אַז יענע זאָל עס אָפּטראָגן צום יונגן פּרינץ על-אַסאַד.

און די אַלטע האָט איר געהאָרכט און איז אַוועק צום יונגן פּרינץ, וועלכן זי האָט איבערגעגעבן דעם בריף און גע-וואַרט אויף אַן ענטפער. האָט דער יונגער פּרינץ איבערגעלייענט דעם בריף און זיך עטוואָס באַדאַכט און נאָכדעם אַרײַנגעלייגט אים אין קעשענע.

באַלד דערויף איז ער אַרײַנגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און גענומען שילטן די פאַל-שע פאַררעטערישע פרויען, אָבער אַז דאָס איז נאָך געווען ווייניק פאַר אים, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד פונם שייד און דערלאַנגט דער אַלטער אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן האַלז, אַז דער קאָפּ איז איר תּיכּף-ומיד אַראָפּגעפלויגן פון די אַקסלען, און דער יונגער פּרינץ איז גלייך אַוועק צו דער מוטער, פאַר וועלכער ער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דער פאַלשקייט פון די פרויען.

פון דער מוטער איז ער אַוועק צום ברודער על-אַמדזשאַד און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט דערהרגעט אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט אים געבראַכט אַ פאַררעטערישן ליבע-בריף פון אַ שקלאַפין, און על-אַמדזשאַד האָט אים באַמערקט דערויף:

„אָ, מיין ברודער, נעכטן האָט מיט מיר פּאַסירט דאָס איי-גענע, וואָס מיט דיר, נאָר איך האָב דערהרגעט אַ האַרעמדינער.”

און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, און אַ גאַנצע נאַכט האָבן ביידע ברידער פאַרבראַכט אין איין צימער און אַלץ גערעדט פון פאַלשע פרויען און זיך געגעבן איינאַנ-דער דאָס וואָרט צו האַלטן די זאַך בסוד, דערעיקרשט דער פאָ-טער זאָל זיך נישט דערוויסן, ווייל ער וואָלט זיכער דערהרגעט ביידע שקלאַפינס מיט איין קלאַפּ.

אויף מאָרגן איז דער מלך מיט זיינע חילות געקומען פון יאַגד, אָבער אַז ער איז צופעליק אַריין אין איינעם פון די פּאַ-לאַצצימערן, האָט ער דערזען, ווי צוויי פון זיינע שענסטע און

ליבסטע שקלאַפינס ליגן קראַנק אין צוויי בעזונדערע בעטן. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָבןביידע שקלאַפינס אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן זיך מאַכן קראַנק און זיך אַריינלייגן אין בעט און אַזוי אַרום פאַרמאַוסן די פרינצן אין די אויגן פון זייער פאָטער דעם מלך.

האָט זיך דער מלך דערנענט צו זייערע בעטן און געפרעגט:

„אָ, מיינע ליבסטע, וואָס איז געשען מיט אייך? ווען זייט איר קראַנק געוואָרן?"

האָבן אים ביידע יונגפרויען אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך, וויסן זאָלסטו, אַז דיינע זין, די פרינצן, וואָס דו האָסט זיי דערצויגן מיט אַזויפיל ליבע און גוטסקייט, האָבן זייער מאוס געהאַנדלט געגן דיר: זיי האָבן זיך איינגעליבט אין אונז און האָבן געוואָלט שענדן דעם כבוד פון זייער פאָטער."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער איז דעם אַלטן מלך פינסטער געוואָרן אין די אויגן, האָט ער אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריען:

„אָ, מיינע ליבסטע, דערציילט מיר אויספירלאַך, וואָס איז דאָ געשען."

האָט אים יעדע פון זיי דערציילט אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס האָט שטאַרק געטאדלט די יונגע פרינצן און דערביי האָבן זיי זיך צעוויינט מיט הייסע טרערן, און אַז דער מלך האָט דערזען די טרערן, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן צו די קינדער, אַז ער איז ווי אַ מדבר-חיה אויפגעשפרונגען פון אָרט און אַרויסגעלאָפן פון צימער, צו דערהרגענען די זין.

אָבער אויפן וועג האָט ער באַגעגנט זיין שוואָער, דעם מלך אַרמאַנוס, וואָס איז געגאַנגען באַגריסן דעם איידעם, ווייל יענער האָט זיך בשלום אומגעקערט פון זיין יאַגד.

דערזען, אַז זיין איידעם לויפט מיט אַ בלויזן שווערד און מיט צובלאָזענע נאָזלעכער און מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן פון

גרימצאָרן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און אַ כּרעג געטאָן, וואָס איז געשען, און קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט אים באַלד אויפן אָרט פאַרציילט, אַז זיינע זין האָבן זיך שטאַרק פאַרזינדיקט געגן אים, און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער, איך גיי זיי דערהרגענען אָן שום רחמנות, כּדי די וועלט זאָל קאָנען אַראָפּנעמען אַ מוסר-השכל פון דערדאָזיקער זאַך."

דעמאָלט האָט דער אַלטער מלך אַרמאַנוס אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הויך און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון, דו טוסט, וואָס דו באַדאַרפסט טאָן און איך מיים פאָרויס, אַז אַלאַ איז מיט דיר! דאָך אָבער וואָלט איך דיר געראַטן, דו זאָלסט זיי אייגנהענטיק נישט טויטן, וייל שטענדיק וועט דיר וויינען דאָס האַרץ דערויף און דו וועסט זיכער האָבן שוואַרצע חרטהטעג. אַמער, נעם און שיק זיי אַוועק מיט איינעם פון דיינע נעגרעס אין מדבר און דאָרט וועט ער זיי שוין מקיים-פּסק-זיין און דיינע אויגן וועלן נישט זען די שווערע יסורים פון דיינע קינדער, בשעת זיי וועלן זיך ראַנגלען, דערשטאָכענע, מיטן טויט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער פון זיין שווער, דעם אַלטן אַרמאַנוס, האָט זיך קאַמאַר-עס-זעמאַן תיכף-ומיד באַרוהיקט, האָט ער צוריק אַריינגעלייגט דעם שווערד אין שייד און איז אַוועק אין טראָנזאַל, וואו ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָן און געהייסן אַריינרופן דעם מלוכה-קאַסיר, אַן אַלטער מאַן, זייער אַ קלוגער און אַ געשיקטער, און אַז יענער איז אַריינגעקומען, האָט דער מלך געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער, גיי גיכער צו מיינע זין און בינד זיי די הענט אַהינטער און לייג זיי אַריין אין צוויי קאַסטנס און די קאַסטנס שטעל אַוועק אויף מוילאייזלען און דו אַליין זעץ דיך אַרויף אויף אַ פערד און פאָר אַרויס מיט זיי אין מדבר און דערהרגע דאָרט מיינע זין און ברייננ מיר צוויי פלאַשן מיט זייער בלוט. אָבער געדיינק, אַלטער, מאַך עס שנעלער."

און דער אַלטער האָט געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך."

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז ער אַרויס פון טראָגנואַל און איז אַוועק צו די פּרינצן, און געטראָפן האָט ער די פּרינצן אין גאַרדעראָבצימער, וואו זיי האָבן זיך איבערגעטאָן אין די שענסטע און רייכסטע הויפקליידער, ווייל זיי האָבן געוואָלט גיין צום פאָטער און אים באַגריסן מיט זיין גליקלאַכן צוריקקעהר פון יאַגד.

דערזען די פּרינצן, האָט זיי דער אַלטער אָנגענומען ביי די הענט און געזאָגט:

„אָ, מיינע טייערע קינדער, וויסן זאָלט איר, אַז איך בין גישט מער ווי אַ דינער און איך מוז צו יעדער צייט דערפילן דעם רצון פון אייער פאָטער, דעם מלך. זאָגט מיר, קינדער, צי זייט איר געהאָרכזאַם דעם פאָטער?"

און זיי האָבן געענטפערט אין איין קול:

„מיר זענען געהאָרכזאַם."

האָט דער אַלטער געזאָגט:

„נו, וועל איך אייך אויספּרובן."

און ער האָט זיי געבונדען אַהינטער די הענט און זיי אַריינגעלייגט אין צוויי קאַסטנס און די קאַסטנס אַרויפגעשטעלט אויף מוילאייזלען און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פערד און אַרויסגעפאָרן מיט זיי פון דער שטאָט.

און ביז האַלבן טאָג איז ער געפאָרן און געפאָרן, ביז ער איז געקומען אין אַ טויטן מדבר, וואו די ערד איז געווען וויסט און דער הימל בלאָס, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און אַראָפּגענומען די צוויי קאַסטנס און זיי אויפגעעפנט און אַרויסגענומען די צוויי איבערגעשראָקענע פּרינצן על-אַמדזשאַד און על-אַסאַד.

אַ קוק געטאָן זיי אין די יונגע אויגן אַריין, האָט זיך דער אַלטער מלוכה-קאַסיר ביטער צעוויינט, ווייל אים האָט זייער באַנג געטאָן אויף זייער אומגעוויינלאַכער שיינקייט און יוגנט און הייס בלוט, דאָך אָבער האָט ער אַרויסגעצויגן דעם שווערד פונם שייד, און זיך אָנגערופן מיט אַ געבראָכן געמיט:

„אָ, מיינע טייערע קינדער און פּרינצן, איך שווער אייך ביי גאָט, אַז מיין האַנט הויבט זיך נישט אויף און אַז עס איז מיר זייער שווער צו טאָן דאָס, וואָס איך מוז טאָן. אָבער וויסן זאָלט איר, אַז איך בין נישט מער ווי אַ דינער און אַז איך מוז געהאָרכן אייער פֿאָטער, דעם מלך קאַמאַר-עס-זעמאַן און אייער פֿאָטער האָט מיר געהייסן, איך זאָל אייך אַראָפּהאַקן די קעפּ.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן זיי פֿאַרלאָרן דאָס בלוט אין די ליפּן און אין די באַקן, דאָך אָבער האָבן זיי זיך אָנגערופֿן:

„אָ, פֿאָטער גוטער! דו מוזט געדולדיק טאָן דאָס, וואָס דער פֿאָטער האָט דיר באַפֿוילן. אַלאַ, געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין, דערלויבט נישט צו פֿאַרגיסן בלוט, אָבער דו וועסט נישט ליידן דערפֿאַר, ווייל דו טוסט בלויז דעם רצון פֿונם מלך.“

ביי דידאָזיקע ווערטער האָבן די ברידער זיך הייס צוקושט און זיך צוזעגנט, און על-אַסאַד האָט זיך אָנגערופֿן צו דעם אַלטן מלוכה-קאַסיר:

„אָ, מיין גוטער זקן, איך בעט דיך אין נאָמען פֿון גאָט, אַז דו זאָלסט נישט דערלאָזן, איך זאָל זען די לעצטע יסורים פֿון מיין עלטערן ברודער. פֿריער מוזטו מיך דערהרגענען, ווייל איך בין דער יינגערער.“

אָבער על-אַמדזשאַד האָט געטענהט דאָס אייגענע, וואָס דער יינגערער ברודער און געוויינט און געבעטן דעם אַלטן, ער זאָל אים פֿריער דערהרגענען.

ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין באַרימהאַרציקער זיידע, מיין ברודער איז יינגער פֿון מיר, און דעריבער טאָר איך נישט זען זיינע לעצטע יסורים.“

און ביידע ברידער האָבן זיך צעוויינט און צעוויינט האָט זיך אויך דער מלוכה-קאַסיר, און די ברידער האָבן זיך ווידעראַמאָל צוקושט און ווידעראַמאָל געדריקט איינאַנדער צום האַרצן און זיך צוזעגנט און געזאָגט:

„יאָ, מיר שטויסן זיך אָן, פונוואַנען עס גייט די שטראָף. דאָס האָבן אונז אומגליקלאַך געמאַכט די צוויי פאַררעטערישע שקלאַפינס, וואָס האָבן אונז געוואָלט פאַרפירן, אַז מיר זאָלן פאַרשוועכן דעם הייליקן כבוד פון אונזער טייערן פאָטער."

און על-אַסאַד האָט ווידעראַמאָל אַרומגענומען דעם עלטערן ברודער און בעת-מעשה שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

אָ, ברודער, זע איך שטיי ביים סוף פון יונגן לעבן.
דעם לעצטן אָטעם אָטעמט־אָפּ מיין האַרץ,
אָ, גאָט, עס קלאַפּט מיין תּפילה אין דיין טיר.
איך שפּרייט צו דיר די הענט אין טיפן צער,
איך רוף צו דיר נאָך רחמים און נאָך טרייסט,
ווייל אויסער דיר וועט קיינער מיר נישט העלפן
און קיינער וועט נישט צוזען מיינע ליידן,
פאַרצוקן וועט דער מדבר מיין געביין.

דערהערט דאָסדאָזיקע ליד, האָט על-אַמדזשאַד אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט:

אָ, ברידער, לאָמיר שטאַרקער בעטן גאָט:
ער טרייסט פערמשפּטע, דערשלאָגענע און קראַנקע,
ער העלפט דעם ערלאַכן, וואָס זוכט אַ וועג צום לעבן,
פון טרייסט דער שליסל ליגט ביי אים אין האַנט,
איך וויים, אַלאַ וואַכט איבער אונז און היט אונז,
ער וועט אודאי נישט דערלאָזן, אַז אונזער בלוט
זאָל מאַכן פעט די זאַמדן פונם מדבר,
דערפאַר, ווייל פאַלשע פרויען האָבן עס געוואָלט.

און על-אַמדזשאַד האָט ווייטער געזאָגט:

„אָ, איידלמוטיקער זקן! אויב דו הויבסט יאָ אויף אַ האַנט אויף אונז, בעט איך דיך אין נאָמען פונם אַלמעכטיקן און איינציקן גאָט, דו זאָלסט פריער מאַכן אַ סוף מיט מיר. דו מוזט אַזוי טאָן, ווייל דאָס זאָגט אַפילו דער קלאָרער שכל אין דעםדאָזיקן בלוטיקן פאַל.

אָבער על-אַסאַד האָט געטענהט דאָס זייניקע:

„ניין, איך פריער."

האָט זיך על-אַמדזשאַד אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, איך האָב אַן עצה: לאָמיר זיך פעסט אַרומנעמען און אַזוי שטיין, וועט אונז דער שווערד גלייכציי-טיק אַראָפּהאַקן די קעפּ.“

און ביידע האָבן זיך פעסט אַרומגענומען און פּנים צו פּנים זיינען זיי געשטאַנען, און דער מלוכה-קאַסיר האָט זיי גע-בונדן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ צוויי טריט, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם שווערד און זיך אָנגערופן מיט טרערן אויף די אויגן:

„ביי גאָט, איך קאָן אייך נישט טויטן. אָ, מיינע קינדער און פּרינצן, זאָגט מיר, אפשר האָט עמיץ פון אייך אַ לעצטע בקשה, וועל איך זי אים פּינקטלאַך דערפילן. אפשר האָט עמיץ פון אייך עפּיס אַ באַגער, וועל איך אים לאָזן פאַרווירקלאַכן. אפשר וויל עמיץ פון אייך עפּיס איבערגעבן, וועל איך עס תיכף-ומיד איבערגעבן.“

האָט דער עלטערער ברודער געזאָגט דערויף:

„אָ, מיין לייטזעליקער אַלטיטשקער! איין בקשה האָב איך צו דיר איך און רעכן, אַז דו וועסט זי מיר תיכף דערפילן: שטעל מיך נענטער צו דיר, כדי דער קלאַפּ פון שווערד זאָל פריער פאַלן אויף מיר. און אַז דו וועסט אונז טויטן, וואָס דאָס איז דער רצון פונעם מלך, זאָלסטו זיך אומקערן אין פּאַלאַץ אַריין און אַז דער מלך וועט דיך פרעגן, ווי און וואָס, זאָלסטו אים זאָגן, אַז דיינע זין גריסן דיך, הגם דו האָסט זיי געלאָזט דער-הרגענען אָן אַ שום זין און משפּט און האָסט זיי אַפילו נישט אויסגעפרעגט, צי זיי זיינען שולדיק, צי נישט. נאָכדעם זאָלסטו אים זאָגן דאָסדאָזיקע ליד:

די שלאַנגען זיינען פאַלש די פרויען,
נישטאָ קיין אמת וואָרט ביי זיי.
זיי גראָבן אונטער יעדן קיום,
און מאַכן קאַליע יעדן מענטשן
און מאַכן שוואַרץ דעם זון ביים פּאָטער

דורך ליגנס און געמיינע רייד.
אָ, פּאָטער, פּאָטער, זאָג פאַרוואָס
האָסטו דערהרגעט דיינע קינדער?
און ער האָט זיך צעוויינט און געזאָגט:
אָ, ברודער, האַלט זיך פעסט און שטאַרק זיך פאַרן טויט.
מלכים זיינען אויך געשטאָרבן יונג און אַלט.
זיי זיינען אויך אַוועק אַהין, פונוואַנען
קיין איינער האָט צוריק זיך נישט געקערט.

אויך דער מלוכה-קאַסיר, אַז ער האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך פון דאָסניי צעוויינט און באַגאָסן די באָרד מיט טרערן, און באַלד דערויף האָבן זיך די ברידער אַרומגענומען, אָבער אַזוי פעסט, אַז זיי האָבן זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסן און דער מלוכה-קאַסיר האָט אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד און שוין אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט זיי איבערהאַקן די קעפּ, אָבער אין דעם אויגנבליק האָט פּלוצלונג אַ ציטער געטאָן זיין פערד און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

דאָס פערד איז געווען זייער אַ גוט פערד און האָט אַמאָל געקאָסט טויזנט גאָלדשטיק. אויסערדעם, האָט עס געהאַט אַ זאָטל, באַשלאָגן מיט גאָלד, וואָס האָט אויך געקאָסט אַ סך געלד.

דערזען, אַז דאָס פערד איז אַנטלאָפן, האָט דער מלוכה-קאַסיר אַ וואָרף געטאָן דעם שווערד און זיך געלאָזט לויפן נאָכן פערד.

און אַזוי זיינען זיי געלאָפן און געלאָפן אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען אַרויסגעלאָפן פון מדבר און אַריין אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד, וואו דאָס פערד האָט געקלאַפּט מיט די קלאָען און די ביימערשטאַמען.

און אין דעמדאָזיקן וואַלד האָט געלעבט אַ ריזיקער לייב, וואָס האָט אויף אַלץ און אַלעם אָנגעוואָרפן אַ גרויסן פחד. מענטשן האָבן מורא-געהאַט פאַרבייצופאָרן דעמדאָזיקן וואַלד. פון זיינע אויגן זיינען שטענדיק געפלויגן פונקען, דאָס מויל מיט די שפּיציקע ציין איז שטענדיק געווען אָפן און האָט געהאַט עפּיס צו פאַרצוקן און פון זיינעם אַ ברויל פלעגט ציטערן די ערד.

שוינבט און איין נאכט.

אַריין טיפֿער אין וואַלד, האָט דער מלוכה-קאַסיר פּלוצלונג דערזען אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געשאָטן מיט פֿונקען און אַן אָפֿן מויל מיט ציין, וואָס האָבן געקאָנט איינבייסן אַ באַרג.

איז דער אַלטער אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס און הענט און פֿיס האָבן אים גענומען ציטערן און פֿלאַטערן, מחמת ער האָט נישט געהאַט קיין שום געוועהר מיט זיך, און ער האָט אויסגערופֿן נישט מיט זיין קול:

„כּוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! מיט מיר געשיט איצט אַ גרויס אומגליק און אַלאַ וויל מיך באַשטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס איך האָב אויפֿגעהויבן מיין שווערד איבער די ברידער על-אַמדזשאַד און על-עסאַד. אַ שלעכט שטיקל אַרבעט האָט מיר געגעבן דער מלך.‟

דרויסן איז געווען זייער הייס, און בעת דער אַלטער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פֿונם לייב אין וואַלד, האָבן זיך די יונגע פּרינצן שטאַרק געפּייניקט פֿון דאָרשט און האָבן געבעטן צו גאָט, ער זאָל זיי שטילן די דאָרשט-יסורים. אָבער קיין וואַסער האָט זיך נישט געוויזן און די היץ האָט זיך געשטאַרקט פֿון מינוט צו מינוט, און דער עלטערער פּרינץ האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, וואָלט דען נישט גלייכער געווען, דער אַלטער זאָל אונז דערהרגענען, איידער צו ליידן אַזוינע יסורים פֿון דאָרשט? אָבער וואוהין איז אַנטלאָפֿן דער אַלטער, מיר זעען אים גאָרנישט.‟

און דער יינגערער פּרינץ האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, דאָס איז נישט גלאַט. איך זע דאָ אַ רמז פֿון גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!). דאָס פֿערד איז נישט אומזיסט אַנטלאָפֿן און גאָט וויל אונז ראַטעווען און פּייניקט אונז נאָר מיט אַ ביסעלע דאָרשט.‟

אַזוי ווי ביידע ברידער זיינען צונויפֿגעבונדן געווען מיט אַ שטריק, האָבן זיי זיך גענומען וויגן און אַרומשאָקלען און טאַנצן און שטויסן זיך אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן איבערגעריסן דעם שטריק און זיך באַפֿרייט, און דער יינגערער ברודער האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, מיר טאָרן נישט אַוועקגיין פונדאַנען, ווייל מיר ווייסן נישט, וואָס איז געוואָרן מיטן אַלטן. אָ, מיין ברודער, ער האָט דאָ צוויי שווערדן, נעם דו איינעם, איך איינעם און לאָמיר גיין זוכן דעם אַלטן.‟

זיינען זיי אוועק איבערן מדבר און זיינען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען געקומען צום וואַלד, זיינען זיי געבליבן שטיין און דער עלטערער ברודער האָט אַ זאָג געטאָן צום יינ־גערן ברודער:

„אָ, מיין ברודער, עס שטייט אַ וואַלד, אָבער מען זעט נישט—נישט דעם אַלטן און נישט זיין פערד.‟

האָט זיך אָנגערופן דער יינגערער:

„אָ, מיין ברודער, דו וואַרט דאָ, גיי נישט אַוועק און איך וועל אַריין אין וואַלד.‟

האָט דער עלטערער געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער. איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין אין וואַלד. אויב אונז איז באַשערט צו לעבן, טאָ לאָמיר ביידע לעבן און אויב נישט, וועלן מיר ביידע צומאַכן די אויגן.‟

און מיט דידאָזיקע ווערטער זיינען ביידע ברידער אַריין אין וואַלד, און אַז זיי האָבן אָפּגעציילט פינפהונדערט טריט, האָבן זיי דערזען אַ שרעקלאַך בילד: דער אַלטער איז געלעגן אונטער די נעגל פון לייב, וואָס האָט בעת־מעשה געברילט מיט אַזאַ כוח, אַז מאַנכעביימער זיינען אומגעפאַלן.

זיינען ביידע ברידער ווייס געוואָרן פון שרעק, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט האַרץ און אויסגעשריען:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט!‟

און באַלד דערויף האָבן זיי זיך מיט די שווערדן אַ וואָרף געטאָן אויפן לייב און אַ קלאַפּ געטאָן אים צווישן די אויגן און דערהרגעט אויפן אָרט.

דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן דער אַלטער מלוכה־קאַסיר און האָט זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן פון גאָטס וואונדער און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר די צוויי פרינצן, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן פאַרבלוטיקטע שווערדן אין די הענט, און

האָט געזאָגט:

„אָ, מיינע שיינע פרינצן, איך שווער אייך ביי גאָט, אַז איך וואָלט מיך זייער מאוס באַגאַנגען, ווען איך וואָלט אייך דערהרגעט. זאָל אומקומען יענער, וואָס האָט געוואָלט אויפהויבן אַ האַנט אויף אייך. ביי גאָט, לאָמיך בעסער שטאַרבן, איידער איר זאָלט אומקומען.“

און דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרומגענומען זיי און געדריקט זיי צום האַרצן און זיי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַפרייט פון די שטריק און ווי אַזוי קומען זיי אין וואַלד, און די פרינצן על־אַמדזשאַד און על־אַסאַד האָבן אים אויספירלאַך פאַרציילט, אַז זיי האָבן געליטן דאָרשט און די זון האָט זיי געטריקנט די קעפּ און די מיילער, האָבן זיי זיך באַפרייט פון די שטריק און אַוועק זוכן דעם אַלטן, און אַז זיי זיינען אַריין אין וואַלד, האָבן זיי אים געפונען אונטער די געגל פון לייב.

האָט זיך דער אַלטער צעוויינט און ווידעראַמאָל זיי באַדאַנקט פאַר זייער מסירת־נפש און נאָכדעם זיינען אַלע דריי אַרויס פון וואַלד, און דער ייִנגערער פרינץ האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, לייטזעליקער זקן, טו אַזוי ווי דער פאָטער האָט דיר געהייסן. מיר זיינען גרייט.“

אָבער דער אַלטער האָט געזאָגט:

„אַלאַ (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!) איז געגן אייער טויט. אָבער וויסן זאָלט איר, אַז איך וועל אייך אויסטאָן די קליידער און איבערטאָן אין מיינע און צוויי פלעשער וועל איך אָנפילן מיטן בלוט פונם לייב. און איר וועט אייך קאָנען גיין, וואוהין די אויגן וועלן אייך טראָגן. גאָטס וועלט איז גרויס און אַ מענטש קאָן געפינען אַ ליב ווינקעלע פאַר זיך. אָך, מיינע שיינע גוטע קינדער, איר ווייסט גאָרנישט, ווי מיר איז שווער זיך צו שיידן מיט אייך.“

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָבן אַלע דריי זיך צעוויינט, און די ברידער האָבן אויסגעטאָן די קליידער און זיך איבערגעטאָן אין דעם אַלטנס קליידער, און דער אַלטער האָט זיך צד־

זעגנט מיט זיי און איז אַוועק צום מלך.

אין דער אייגענער* רגע האָט ער געפונען זיין פערד נעבן אַ בוים, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און געמאַכט צוויי באַזונדערע פּעקלאַך פון די פּרינצן־קליידער און אַרומגע־וויקלט מיט טיכער די פלעשלאַך, וועלכע ער האָט פריער אָנ־געפילט מיט דעם לייבס בלוט. אָפּגעטאָן די אַלע אַרבעטן, האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט.

געקומען אין שטאָט, איז ער אַוועק אין פּאַלאַץ און דאָרט איז ער אַריין צום מלך, וואו ער איז געפאַלן אויף די קני און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם מלכס פיס.

האָט אָבער דער מלך דערזען, ווי דער אַלטער איז בלאַס און דערשראָקן און פאַרשטוינט, האָט ער זיך לכתחלה געחדושט דערויף, נאָר ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס מוז זיין די ווירקונג פון דער שרעקלאַכער שטראָף, מיט וועלכער עס זיינען באַ־שטראָפט געוואָרן זיינע שלעכטע קינדער.

און דער מלך האָט געפרעגט:

„נו, האָסטו פּינקטלאַך דערפילט מיין באַפעל?“

האָט דער אַלטער אַרויסגענומען זיינע צוויי פלעשער בלוט און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, אָט האָסטו אַ סימן.“

האָט דער מלך ווידער געפרעגט:

„האָבן זיי עפּיס גערעדט פאַרן טויט אָדער זיי האָבן דיר עפּיס איבערגעגעבן?“

האָט דער אַלטער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן האַרצן און געזאָגט:

„אָ, מיין באַרימהאַרציקער מלך פון די רעכטגלויביקע, זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער שטיל און זייער באַשיידן און זייער צאַרט און מיט גרויס הכנעה און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיי־נען מוחל דעם פאָטער און אַז זיי גריסן אים פון גאַנצן האַרצן. מיך האָבן זיי אין רציחה נישט באַשולדיקט, פאַרקערט, זיי האָבן זיך געקושט מיט מיר און האָבן מיך געבעטן, איך זאָל דיר

* שרייבט און איין גאַלט.

איבערגעבן דידאָזיקע ווערטער פון זייערס אַ ליד:

ווי שלאַנגען זיינען פאַלש די פרויען.
נישטאָ קיין אמת ווארט ביי זיי.
זיי גראָבן אונטער יעדן קיום,
און מאַכן קאַליע יעדן מענטשן
און מאַכן שווארץ דעם זון ביים פאָטער
דורך ליגנס און געמיינע רייד.
אָ, פאָטער, פאָטער, זאָג פארוואָס
האָסטו דערהרגעט דיינע קינדער?״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער אַלטער אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און אַ שווערע אַנגסט האָט אים אָנגעפילט דאָס האַרץ, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קינדער זיינען אומזיסט געטויט געוואָרן.

און פון מינוט צו מינוט האָט זיך געשטאַרקט דער אַנגסט און דער מלך האָט געטראַכט, אַז די פרויען זיינען באמת פאַלש און געמיין און נידערטרעכטיק און אַז אַלע צרות נעמען זיך פון זיי, און מיט דידאָזיקע געדאַנקען האָט ער לאַנגזאַם אָפּגעוויקלט די קליידער פון די קינדער און זיי באַזוכט און באַטאַפּט און דעמאָלט האָט ער געפונען אין אַ קעשענע פון על־אַסאַדס קליידער אַ קליין פּעקעלע און אַז ער האָט געעפנט דאָס פּעקעלע, האָט ער דערין געפונען אַ בריוועלע, געשריבן פון אַ פרוי, מיט אַ לאָק האָר, איבערגעבונדען מיט אַ זיידענעם שנירעלע.

האָט ער גענומען זוכן אין על־אַמדזשאַדס קליידער, האָט ער אויך דאָרט געפונען אַ בריוועלע מיט אַ לאָק האָר, איבערגע־בונדען מיט אַ זיידענעם שנירעלע. האָט ער איבערגעלייענט ביי־דע בריוועלאַך, זיינען אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן די אויגן און ער האָט אויפגעהויבן צום הימל די הענט און אויס־געשריען:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! מיינע צוויי זין זיינען געווען אומשולדיק און איך האָב זיי אומזיסט דער־הרגעט! אָ, אַן אומגליק איז געשען, אַ גרויס אומגליק, וואָס וועט מיר פאַרשוואַרצן די עלטער און פאַרמאוסן די יאָרן.״

און ער האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ.

אויף מאָרגן האָט ער זיך עטוואָס באַרוהיקט, האָט ער באַלד באַפוילן, מען זאָל אויפשטעלן צוויי קברים אין אַ באַזונדער פּאַלאַץ און הייסן זאָל דער פּאַלאַץ „דאָס הויז פון געוויין".

אין אַ וואָך אַרום איז שוין דער פּאַלאַץ געווען פאַרטיק. און עס האָט געהייסן „דאָס הויז פון געוויין", מיט צוויי קברים און צוויי מצבות, און דער מלך איז געלעגן און פאַרגאָסן טרערן אַמאָל אויף דער מצבה, אַמאָל אויף יענער, און אַז מען האָט אים גערופן עסן, איז ער נישט געגאַנגען, און אַז מען האָט אים גערופן טרינקען, איז ער נישט געגאַנגען, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע זיינע באַקאַנטע און פריינד און פון אַלע עמירן און ווזירן און עפענדיס און פון אַלע זיינע ווייבער און קעפּס-ווייבער און שקלאַפינס און טאָג און נאַכט איז ער געלעגן אויף די קברים און געוויינט און געגאָסן טרערן און געזיפצט און גע-קלאָגט און געריסן זיך די האָר אויפן קאָפּ און דאָס העמד אויפן האַרץ.

און אין דער צייט, וואָס דער מלך קאַמאַר-עס-זעמאַן האָט איינגעלייגט אַ וועלט און איז גרוי געוואָרן פון צער און אַנגסט, האָבן זיינע זין אַרומגעבלאָנקעט אין מדבר און זיך גענערט מיט גרעזער און וואָרצלען און פאַרשידענע קרייטעכצער און געשטילט דעם דאָרשט מיט רעגנוואַסער.

ביינאַכט האָט איינער געשלאָפן און דער אַנדערער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און צו האַלבער נאַכט האָט דער צווייטער געשלאָפן און דער ערשטער איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

ביסלאַכווייז האָבן זיי דערבלאָנזשעט ביז צו דעם באַרג פון שוואַרצן גראַניט, וואָס זיין שפּיץ איז פאַרלאָרן גע-גאַנגען אין הימל.

דאָ האָט זיך דער וועג צוטיילט: איין וועג האָט זיך גע-דרייט אַרום באַרג און דער צווייטער האָט זיך פאַרנומען אויפן באַרג. זיינען זיי אַוועק מיטן וועג, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויפן באַרג, און זיינען אַזוי געגאַנגען פינף טעג מיט פינף נעכט,

צ̄בער דעם שפיץ האָבן זיי אַלץ נישט דערגרייכט, זיינען זיי זייער מיד געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט קלעטערן אי-בער בערג.

דעמאָלט זיינען זיי אַוועק צוריק און האָבן זיך געלאָזט מיט יענעם וועג, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום באַרג און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט, און על-אַסאַד, וואָס האָט זיך זייער איינגעמידט, האָט זיך אָנגערופן צו זיין ברודער:

„אָ, מיין ברודער, איך קאָן שוין ווייטער נישט גיין, ווייל מיינע פיס דינען מיר נישט."

האָט אים על-אַמדזשאַד באַמערקט;

„אָ, מיין ברודער, זיי פעסט ביי זיך, לאָז זיך נישט אָפּ און אַלאַ וועט אונז שוין ווייטער העלפן."

און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען, אָבער על-אַסאַד איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרן און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, ווייטער גיי איך שוין נישט."

און ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און זיך צע-וויינט, האָט אים על-אַמדזשאַד אונטערגעהויבן און געפירט ביי דער האַנט און אַזוי־אַרום זיינען זיי געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג זיינען זיי געקומען צו אַ קלאָרן קוואַל, וואָס זיי-נע פריילאַכע שטראָמען זיינען מיט גרויס אימפּעט געלאָפן באַרג-אַראָפּ.

נישט וויים פונם קוואַל איז געשטאַנען אַ הויכער פאַר-צווייגטער בוים און אונטער אים—אַ געבעטהויז. האָבן זיך די ברידער זייער דערפרייט און האָבן די אייגענע אויגן נישט גע-גלויבט. האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך אָנ-געטרונקען מיטן וואַסער פון קוואַל און פאַרביסן מיט די פירות, וואָס זיינען געוואַקסן אויפן בוים און זיינען אַזוי איינגעשלאָפן ביז די זון איז אויפגעגאַנגען און פאַרגאָסן מיט שטראַלן דעם באַרג, דעמאָלט זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיך אַרומגעוואַשן און געגעסן פון די פירות פונם בוים און ווידעראַמאָל איינגע-שלאָפן ביז דער נאָכמיטאָג-תּפילה.

איפגעשטאַנען אַ צווייט מאָל, האָבן זיי זיך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין, אָבער על-אַסאַד האָט נישט געקאָנט גיין, ווייל ער האָט געהאַט געשוואָלענע פיס. זיינען זיי פאַרבליבן אויף דעמדאָזיקן אָרט נאָך דריי טעג מיט דריי נעכט און זיך גענערט מיט די פירות פונם בוים און מיטן וואַסער פונם קוואַל און ערשט אויפן פערטן טאָג האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און זיינען געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו אַ שטאָט.

האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר די טויערן פון דער שטאָט, און על-אַמדזשאַד האָט זיך אָנגערופן צו על-אַסאַדן:

„אָ, מיין ברודער, דו זעץ דיך דאָ צו אויפן גראָז און איך וועל אַריין אין שטאָט און אַ פרעג טאָן, ווי הייסט זי און וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד און צי מיר וועלן זיך קאָנען דאָ איינאָרדנען.״

אָבער על-אַסאַד האָט אויסגערופן:

„ביי גאָט, דו וועסט נישט גיין אין שטאָט, נאָר איך, אַז איך וועל גיין, וועט זיין זיכערער און אָן דיר קאָן איך נישט לעבן.״

האָט דער עלטערער נאָכגעגעבן און געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, גיי דו, אָבער מאַך עס שנעל, ווייל יע-דע מינוט איז טייער.״

און אַזוי איז על-אַסאַד אַוועק אין שטאָט און איבערגע-לאָזט דעם עלטערן ברודער וואַרטן אינם הויכן גראָז.

על-אַסאַד איז אַריין אין שטאָט און איז דורכגעגאַנגען עטלאַכע גאַסן און פלוצלונג געטראָפן אַ זקן מיט אַ לאַנגער באָרד איבער דער גאַנצער ברוסט און מיט אַ שטעקן אין האַנט. ער האָט געטראָגן זייער רייכע קליידער און אַ רויטע טשאַלמע האָט אים באַפּוצט דעם קאָפּ.

איז דערדאָזיקער זקן זייער געפעלן געוואָרן על-אַסאַדן, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און זיך טיף פאַרנייגט און געפרעגט:

„אָ, מיין חשובער זקן, ווי גייט מען דאָ אַרויס אויפן מאַרק?״

דערהערט דידאָזיקע פראַגע, האָט דער אַלטער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער זון, דו ביזט מסתמא נישט קיין היגער.“

און על-אַסאַד האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גוטער זיידע, איך בין נישט קיין היגער.“

האָט אים דער אַלטער טיף אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער זון, פאַרלאָזט מען די היים, איז מען זי מצער, קומט מען אין אַ פרעמד לאַנד, דערפרייט מען דאָס לאַנד. דו האָסט איצט דערפרייט אונזער לאַנד. אָ, מיין זון, צו וואָס ברויכסטו דעם מאַרק?“

איז על-אַסאַד נענטער צוגעגאַנגען צום אַלטן און געזאָגט:

„אָ, מיין חנעוודיקער זקן, אונטערן שטאָט, אין גראָז, האָב איך איבערגעלאָזט מיין ברודער, מיט וועלכן איך וואַלגער מיך שוין אַרום אין וועג גאַנצע דריי חדשים. מיר זיינען געגאַנגען איבער פעלדער און וועלדער, איבער וויסטעס און מדבריות, איבער בערג און טאָלן, ביז מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו דער דאָזיקער שטאָט, וואו איך וויל מיר עפּיס איינקויפן אויפן מאַרק פאַר מיר און פאַר מיין אויסגעהונגערטן ברודער.“

האָט דער אַלטער באַמערקט דערויף:

„וויסן זאָלסטו, אַז דו געפעלסט מיר און דעריבער וואָלט איך דיר פאָרגעלייגט, דו זאָלסט קומען צו מיר אויפן מאָלצייט, וואו עס וועלן זיין אַ סך געסט און רייך-געדעקטע טישן. דו זאָגסט, אַז דו גייסט אין מאַרק איינקויפן עפּיס צום עסן. קום בעסער צו מיר, וועל איך דיר געבן פון כל-טוב און וועל ביי דיר קיין שום געצאָלט נישט נעמען. פאַר איינוועגס וועל איך דיך אויך באַקאָנען מיט דער שטאָט. איך זאָג דיר, יונגלינג, דו באַדאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט גראַדע מיך אָנבאַגעגנט און נישט קיין אַנדערן. דאָס איז אַ סימן, אַז גאָט אויג מיידט דיך נישט אויס און היט דיך אָפּ פון שלעכטע מענטשן און זייערע בייזע כונות.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט על-אַסאַד געפילט, ווי עס שפּרינגט אים פון שמחה זיין מיד האַרץ, און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער מאַן, טו, ווי דו ווילסט, אָבער מען מוז צואיילן, ווייל מיין ברודער וואַרט אויף מיר און ער מוז זיך אודאי באַאונרוהיקן."

האָט אים דער אַלטער אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ זייטיק געסל און האָט אים וואַרים געשמייכלט אין פּנים אַריין און געזאָגט:

„געבענטשט און געלויבט זאָל זיין דער אַלמעכטיקער, וואָס הערשט איבער מענטש און חיה, פיש און פייגל! אָ, מיין יונג-לינג, ער האָט דיך מציל-געווען פון דער שטאָט."

און דער אַלטער איז ווייטער געגאַנגען מיט אים, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ גרויס הויז מיט אַ גרויסן גאַסטצימער, וואו עס זיינען געזעסן פּערציק ווייסע זקנים אַרום אַ גרויסן פייער און געוואָרפן שטילע תפילות צו דעמדאָזיקן פייער.

און אַז על-אַסאַד האָט עס דערזען, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן אויפן גאַנצן לייב, הגם ער האָט נאָך כּלל נישט גע-וואוסט, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

און ער האָט דערזען, ווי דער אַלטער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, איז אַריין צווישן די זקנים און זיך אָנגערופן מיט אַ הויך קול:

„אָ, איר פייערשייכן! אַ גליקלאַכן טאָג האָבן מיר היינט געהאַט! אָ, גכאַדבאַן!"

און ביי דידאָזיקע ווערטער איז אַריין אַ שוואַרצער שקלאַף מיט אַ שרעקלאַך געזיכט און מיט אַ צוגעפּלאַטשטער נאַז. האָט דער אַלטער אים צוגעוואָרפן אַ צייכן מיט צוויי פינגער, איז דער שקלאַף צוגעשפּרונגען צו על-אַסאַדן און האָט אים געבונדן און, אַ געבונדענער, האָט על-אַסאַד געהערט, ווי דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

„אָ, גכאַדבאַן, פיר אים אַראָפּ אין קעלער און לאָז אים דאָרט איבער און זאָג דער שקלאַפין, אַז זי זאָל אים פּייניקן טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט און געבן זאָל זי אים איין ברויטל אַ טאָג און אַ ברויטל אַ נאַכט, ביז מיר וועלן אים אָפּפירן צום בלויען ים און צום פייערדיקן באַרג, וואו מיר וועלן אים מקריב-

זיין מיט אַ לייכטן האַרץ.״

האָט דער שקלאַף אַ שאָקל געטאָן צום אַלטן מיטן קאָפּ און אַראָפּגעפירט דעם יונגן פּרינץ אין אַ קעלער, וואו ער האָט אים איבערגעגעבן צו דער שקלאַפין, וואָס האָט אים באַלד גע־נומען פּייניקן און מוטשען, און געגעבן האָט זי אים איין ברויטל אַ טאָג און איין ברויטל אַ נאַכט מיט אַ טעפּל געזאַלצן וואַסער.

און בעת על־אַסאַד האָט זיך אַזוי געפּייניקט מיט די גרעס־טע יסורים אין קעלער, האָבן די זקנים געזאָגט צו אײנאַנדער:

„אינם שיינעם הערלאַכן יום־טוב פון פייער וועלן מיר שעכטן דעם יונגלינג אויפן פייערדיקן באַרג און וועלן אים ברענ־גען פאַר אַ קרבן צום הייליקן פייער.״

און די שקלאַפין פלעגט עפּטער קומען אין קעלער, וואו זי פלעגט אים שלאָגן און פלעגט אים לאָזן בלוט פון בויך און פון די פיס און ער פלעגט חלשן ביי איר אין די הענט און זי פלעגט אים איבערלאָזן אַ געחלשטן מיט אַ ברויטל און געזאַלצן וואַסער.

צו האַלבע נאַכט פלעגט על־אַסאַד קומען צו זיך, פלעגט ער זען, אַז ער ליגט אַ געשמידטער און שוימיק בלוט ברויזט אים אויף די וואונדן.

פלעגט ער נעמען וויינען און גיסן טרערן און בעת־מעשה פלעגט ער זיך דערמאָנען, אַז אַמאָל האָט ער זיך געהאָדעוועט אין אַ קייזערלאַכן פּאַלאַץ און האָט געהאַט אַ גליקלאַכע יוגנט.

און דעמאָלט פלעגט ער דעקלאַמירן דאָסדאָזיקע ליד:

מען האָט מיך אין אַ גרוב אַריינגלייגט
און גרויסע וואונדן דעקן־צו מיין לייב,
אָ, ליבער טויט, באַפריי מיך פון מיין לעבן
און לאָז מיך איינשלאָפן אין רו אויף אייביק.
צו וואָס דאָס ליידן, ווען ברענגט עס נוצן?
צו וואָס אַזוינע ביטערע יסורים?
איך רוף דעם טויט, נאָר ער זאָל קומען שנעלער,
אָ, זאָל אַמאָל דער טויט רחמנות האָבן!

און נאָכדעם פלעגט ער פאַרוואַרפן די הענט אַריבער דעם

קאָפּ, פלעגט ער אָנטאָפּן דאָס ברויט און דאָס ביסל וואַסער, און אַזוי ווי אַ מענטש מוז דאָך עסן, זאָגט ער צו האַלטן דאָס בי- סעלע כּוחות, פלעגט אויך דער פּרינץ עסן דאָס ברויטל און טרינקען דאָס וואַסער און ליגן מיט אָפענע אויגן ביז איינדער- פרי, ווייל ער פלעגט נישט קאָנען איינשלאָפן צוליב די פלוי און אַנדערע עקלהאַפטע שרצים.

און איינדערפרי פלעגט ווידער קומען די שקלאַפן, פלעגט זיי אים אַראָפציען דאָס העמד, אָבער דאָס העמד איז געווען צוגעקלעפּט צו די וואונדן, פלעגט זי עס אים אַראָפּציען צוזאַ- מען מיט דער גאַנצער הויט פון לייב.

און אַ פייער פלעגט בעת-מעשה אַדורכלויפן אין די אויס- געמוטשעטע ביינער פונם יונגן פּרינץ און ער פלעגט אויסשרייען מיט די לעצטע כּוחות:

„אָ, אַלאַ, אויב דו ווילסט מיך בלויז אויספּרובן דורך די- דאָזיקע יסורים, טאָ שיינק מיר מער כּוחות, וואָרום דאָס לעצטע ליכט פאַרלעשט זיך אין מיר.״

און ביי דידאָזיקע ווערטער פלעגט אים די שקלאַפן גע- מען שלאָגן פון דאָסניי און שלאָגן פלעגט זי אים אַזוי לאַנג, ביז ער פלעגט חלשן ביי איר אין די הענט. דעמאָלט פלעגט זי אים צו-וואַרפן דאָס ברויטל מיטן טעפּל וואַסער און ער פלעגט בלייבן ליגן אין קעלער אַ געשמידטער און אַ צוקיילטער און אַ געחלשטער.

עס איז אָבער שוין צייט, מיר זאָלן זיך אומקערן צו זיין ברודער על-אַמדושאַד, וואָס איז געבליבן וואַרטן אין פעלד אויף זיין ברודער. ביז האַלבן טאָג האָט ער דעמאָלט געוואַרט אויף אים, אָבער אַז ער האָט געזען, אַז ער קומט נישט, האָט ער פאַרבראָכן די הענט און אַרויסגעזאָגט:

„וויי איז מיר! וויי איז מיר! איך האָב אים נישט גע- טאָרט לאָזן אַליין אין שטאָט אַריין.״

און ער האָט זיך צעוויינט און איז אַריין אין שטאָט און איז אַוועק אין מאַרק, וואו ער האָט געפרעגט ביי אַ סוחר, וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד און ווער איז דער מלך פון דעמדאָזיקן

לאַנד און, דערצײקרשט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטאָט און ווי הײסט זי.

און דער סוחר האָט געזאָגט:

„אָ, מײן יונגער האַר, דידאָזיקע שטאָט הײסט די שטאָט פֿון כּשופֿמאַכער און די היגע אײנוואוינער דינען על־פּי־רוב צו פֿײער. זײ װײסן גאָרנישט פֿונם אַלמעכטיקן און אײנ־אײנציקן אַלאַ.“

האָט אים על־אַמדושאַד װידעראַמאָל געפֿרעגט:

„אָ מײן האַר, צי האָסטו אַמאָל געהערט װעגן אַ שטאָט פֿון שװאַרצן האָלץ?“

און דער סוחר האָט געענטפֿערט:

„אָ, מײן שײנער האַר, די שטאָט פֿון שװאַרצן האָלץ איז זײער װײט פֿונדאַנען. אַ יאָר צײט געדױערט די נסיעה פֿונדאַנען אַהין, אָבער מיטן ים איז נענטער. אין דערדאָזיקער שטאָט הערשט דער מלך אַרמאַנוס, װאָס האָט אָבער איבערגעגעבן זײן טראָן צום אײדעם, און דער אײדעם הײסט קאַמאַר־עס־זעמאַן, װאָס האָט אַ שם פֿון אַ גוטן און אַ באַרימהאַרציקן מלך.“

דערהערט, װי מען לױבט זײן פֿאָטער, האָט ער זיך שטיל צעװײנט און נאָכדעם איז ער אַװעק און געקויפֿט עפּיס צום עסן. אָבער אַז ער האָט זיך אַװעקגעזעצט אין אַ װינקל און געװאָלט שטילן דעם הונגער, האָט ער זיך פֿון דאָסנײ צעװײנט און האָט שױן נישט געקאָנט עסן.

האָט ער זיך אױפֿגעהױבן און איז אַװעק זוכן דעם ברודער. איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער האָט געטראָפֿן צו אַ שנײדער, װאָס האָט געהערט צו די רעכטגלױביקע. דער־דאָזיקער שנײדער איז געזעסן אין זײן קרעמל און גענײט, און דער יונגער פּרינץ איז אַרײן און האָט אים פֿאַרצײלט זײן לעבנסגעשיכטע און דאָס אומגליק מיט זײן ברודער, האָט זיך דער שנײדער אָנגערופֿן:

„אָ, מײן ליבער האַר, אױב דײן ברודער איז אַרײנגע־פֿאַלן אין די הענט פֿון די כּשופֿמאַכער, װעסטו אים שױן מער נישט זען, אָבער גאָט איז אַ גוטער און איר װעט מסתּמא געפֿי־

נען צוריק אייגאַנדער. אויב דו ביזט עלנט, קענסטו זיך באַ־
זעצן ביי מיר״.

האָט אים דער יונגער פרינץ אויסגעשטרעקט די האַנט
און געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, איך נעם־אָן דיין פאָרשלאַג״

און על־אַמדזשאַד האָט זיך באַזעצט ביים שניידער און דער
שניידער האָט אים געטרייסט אין זיין אומגליק און האָט אים
פאַרציילט שיינע מעשהלאַך און, אגב, אויסגעלערנט אים זיין
פאַך, און דער יונגער פרינץ איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ שניידער.

און איינמאָל, אין אַ געוויינטלאַכן טאָג, איז אַמדזשאַד אַוועק
צום ים, וואו ער האָט אויסגעוואַשן זיין העמד און עס געלאָזט
אויסטריקענען אויף דער זון און נאָכדעם איז ער אַוועק אין
באָד און זיך גוט אויסגעוואַשן און אָנגעטאָן ריינע וועש און
זיך שיין צעקאַמט די האָר און אַרויס אין דרויסן, אַ צעפרידע־
נער און אַ גליקלאַכער.

און דאָ האָט ער פלוצלונג אָנבאַגעגנט זייער אַ שיינע יונגפרוי,
וואָס האָט אים טיף אָנגעקוקט און נאָכדעם אַוועקגערוקט דעם
שלייער און געזאָגט:

איך האָב שוין לאַנג געשפירט, ווי דו דערנענטערסט זיך
צו מיר, אָ, יונגלינג, שיין ווי די לבנה!
איך האָב דאָס נישט געזען, נאָר ווייסן ווייס איך,
אַז דו ווערסט שענער יעדע שעה און יעדע רגע.
אָ, יונגלינג, קום צו מיר אין מיינע אָרעמס
און לאָמיר זיך באַהעפטן ווי איין מענטש.
מיין לייב איז ווייס, מיין באַק איז ראָז, מיין אויג איז שוואַרץ—
צי ווילסטו נאָך אַ שענערע פון מיר?

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אים גענומען ציטרן
דאָס האַרץ פון שמחה, האָט ער איר אַ וואונק געטאָן מיט דער
האַנט און געזאָגט:

די בעקלאַך בליען איר ווי רויזן,
נאָר ווער האָט מוט צו רייסן זיי?

דער האַלז איז ווייס, ווי ביין פון העלפאַנד —
אָ, ווער וועט צופאַלן צו אים?
אָ, שיינע יונגפרוי, זע, איך שעם מיך,
מיט בושה פילט זיך אָן מיין האַרץ.
דו קענסט מיר געבן צער און ליידן
און נאָכדעם אָפּשטויסן פון זיך.

דעמאָלט האָט זי זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שיינער יונגלינג, איך וואָלט געוואָלט מיט דיר ריידן".

און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין שיינע יונגפרוי, זאָג מיר, וואו קאָנען מיר זיך טרעפן? זאָל איך קומען צו דיר, אָדער דו וועסט קומען צו מיר?"

האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

„אַלאַ, געבענטשט און געלויבט זאָלסטו זיין איצט און אַלע־מאָל! וויסן זאָלסטו, שיינער יונגלינג, אַז אַ מאַן איז אַ האַר און אַ פרוי איז נישט מער ווי אַ שקלאַפין—היינט ווער האָט צו וועמען צו קומען"?

האָט דער יונגער פּרינץ פאַרשטאַנען, אַז נישט זי אים, נאָר ער באַדאַרף זי ערגעץ אויפנעמען, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַסנדיקע וואוינונג דערצו. קומען מיט איר צום שניידער האָט ער זיך געשעמט, דאָך איז ער אַוועק פאָרויס און זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

און אַזוי איז ער געגאַנגען מיט איר פון גאַס צו גאַס און פון אָרט צו אָרט, ביז די פרוי איז מיד געוואָרן און געזאָגט:

„אָ, מיין יונגלינג, פאַרוואָס פירסטו מיך אַזוי לאַנג? וואו איז דיין הויז?"

און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ליבע האַרין, שוין נישט פיל צו גיין."

און ער איז אַריין מיט איר אין אַ שיין געסל און איז געגאַנגען מיט איר אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ וואַנט און דאָס געסל האָט זיך אָפּגעהאַקט, און ער האָט אויפ־

געהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט".

און באַלד דערויף האָט ער דערזען אַ שיין הויז מיט אַ גרויסער טיר און מיט צוויי קליינע ביינקעלאַך פאַר דערדאָזי־קער טיר. האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף איין ביינקעלע און די יונגפרוי אויפן צווייטן ביינקעלע, און די יונגפרוי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זיסער יונגלינג, וואָס וואַרטסטו"?

האָט ער אַראָפּגעבויגט דעם קאָפּ ביז צו דער ערד און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן האַרצן און געזאָגט:

„איך וואַרט אויף מיין דינער, ווייל ער האָט דעם שליסל פון הויז. איך האָב אים נאָך פריער אָנגעזאָגט, ער זאָל גרייטן דעם טיש מיט גוטע מאכלים, וויינען און בלומען, ווייל איך באַדאַרף קומען פון באָד".

על־אַמדושאַד האָט איר אומישנע געגעבן צו שפּירן, אַז מען באַדאַרף לאַנג וואַרטן: אפשר וועט זי עס נישט וועלן און וועט אַוועקגיין און ער וועט אַזויאַרום באַפרייט ווערן פון איר. אָבער די יונגפרוי האָט זיך באַוועגט אויפן ביינקעלע און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרציק בחורל, דיין דינער, זע איך, איילט זיך נישט. מיר מוזן לאַנג וואַרטן אויף אים".

און באַלד דערויף איז זי אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

און על־אַמדושאַד האָט זיך אָנגערופן.

„אָ, מיין יונגפרוי, אייל נישט אַזוי, מיין דינער מוז קומען".

אָבער די יונגפרוי האָט אים נישט געהערט און זי האָט זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן אַ שטיין און גענומען קלאַפּן מיטן שטיין אינם הילצערנעם שלאָס פון טיר אַזוי לאַנג, ביז די טיר האָט זיך געעפנט, און על־אַמדושאַד האָט געזאָגט:

„למאי האָסטו עס געטאָן? ווער האָט עס דיר דערלויבט?"

און זי האָט געענטפערט:

„וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? שוין־זשע איז עס נישט דיין הויז"?

און ער האָט געזאָגט:

„יאָ, דאָס הויז איז מיינס, אָבער למאי זאָל מען ברעכן שלעסער?"

אָבער די יונגפרוי האָט אים ווידעראַמאָל נישט געהערט און איז אַריין אין הויז און על־אַמדזשאַד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פון בושה. ער האָט נישט געוואוסט, ווער עס וואוינט אינם דאָזיקן הויז און האָט זיך געשראָקן פאַר די פרעמדע הויזלייט.

אָבער די יונגפרוי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ליבער יונגלינג, אָ, ליכט פון מיין אויג און האָר פון מיין האַרץ, פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין אין הויז?"

און ער האָט געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך. אָבער מיין דינער איז נישטאָ, און איך ווייס נישט צי ער האָט געטאָן אַזוי, ווי איך האָב אים געהייסן".

און ער איז אַריין אין הויז און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט און ער האָט זיך זייער געשראָקן פאַר די הויזלייט. אָבער די אויגן האָט ער דאָך געהאַלטן אָפן און ער האָט געזען אַ וואונדערשיין אויפנאַמצימער מיט פיר דיוואַנעס און מיט אַ סך פאַרטיפונגען, פאַרהאַנגען מיט זיידענע פאָרהיינגלאַך, און אינמיטן צימער איז געשטאַנען אַ געוואַלדיקער פאָנטאַן און אַרום דעם פאָנטאַן זיינען געלעגן פאַרשידענע טייערע מאכלים אין גאָלדענע טעלער, פאַרצירט מיט בלומען און באַלייגט מיט פרוכטן, און דערביי זיינען געשטאַנען הויכע קופּערטס און שטולן מיט אויסטערלישע באַשניצונגען און אויף יעדן שטול איז געלעגן אַ בייטעלע מיט גאָלד און די פּאָדלאָגע איז געווען באַצויגן מיט מאַרמאָר און מיט קאָלירטן גלאָז.

און על־אַמדזשאַד האָט זיך נאָכמער פאַרלאָרן און דאָס האַרץ איז אים געפאַלן פון פחד און ער האָט געטראַכט:

„אָ, מיין וויסטער סוף איז געקומען. דער גיהנם האָט אויסגעשטרעקט זיין פייערדיקע האַנט צו מיר".

אָבער די יונגפרוי האָט געלאַכט און געשפּרונגען אויף אירע לייכטע פיס און זיך אָנגערופן:

„ביי גאָט, דו האָסט אַ גוטן דינער און ער האָט געטאָן אַזוי, ווי דו האָסט אים געהייסן. אָ, מיין שיין בחורל, הויב־אויף די אויגן און זע: ער האָט אונז צוגעגרייט טייערע מאכלים און גוטע פּרוכטן און שטאַרקע וויינען, און מיר זיינען געקומען צו דער ריכטיקער צייט".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז על־אַמדזשאַד נאָכמער געפאַלן ביי זיך, און די יונגפרוי האָט ווייטער געזאָגט:

„אָ, מיין יונגער האַר פון מיין האַרץ, למאי שטייסטו אַזוי אָפּהענטיק און אַזוי ווי דערשראָקן?"

און באַלד דערויף האָט זי אים אַ קוש געטאָן און אַרומגעכאַפּט מיט הייסע הענט און געזאָגט:

„אָ, דו שטערן פון מיין הימל, זאָג מיר די וואָרהייט, אויב דו האָסט אַן אַנדער פרוי, וועל איך זיין איר שקלאַפין".

האָט זיך על־אַמדזשאַד ביטער צעלאַכט און, אַ פאַרלאָרע־נער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און געטראַכט:

„מיין וויסטער סוף געענעט. באַלד קומט אַריין דער באַ־לעבאָס פון דעמדאָזיקן הויז".

און אַז דאָס מיידל האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים און געלאַכט אים אין די אויגן אַריין און געאָטעמט אים אין די ליפּן און געהאַלזט אים מיט הייסע הענט, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט זיינע טראַכטונגען:

„וואָס קאָן איך זאָגן דעם באַלעבאָס, ווען ער וועט אַריין אין זיין הויז? ער וועט מיך זיכער דערהרגענען".

דערזען, אַז ער זיצט, ווי אַ שטיין אין וועג, האָט אים דאָס מיידל פאַרלאָזט און זיך אַנידערגעזעצט ביי די מאכלים און גענומען עסן מיט אַלע ציין און בעת מעשה זיך אָנגערופן:

„עס אויך, מיין האַר".

האָט ער זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אויך עפּעס גע־ניסן פון די מאכלים, אָבער ער האָט נישט געקענט עסן און האָט אַלץ געקוקט מיט גרויס פּחד אויף דער טיר און דאָס האַרץ איז אים געפאַלן. און דאָס מיידל האָט אָנגעגאָסן אַ בע־כער מיט וויין און האָט אים דערלאַנגט, ער זאָל טרינקען און

ער האָט גענומען דעם בעכער און צוגעטראָגן צו די ליפּן און בעת מעשה ווייטער געטראַכט:

„נאָך אַ מינוט און נאָך אַ מינוט, אָבער מיין ווייסטער סוף וועט זיכער קומען. וואָס וועל איך זאָגן דעם באַלעבאָס, ווען ער וועט אַריין אין זיין הויז?"

און ביי דערדאָזיקער מחשבה איז באמת אַריין דער באַ־לעבאָס פון דעמדאָזיקן הויז. דאָס איז געווען דעם מלכס אַ דינער, און דאָס הויז האָט ער אויסגעבויט דערויף, ער זאָל זיך קאָנען אויסרוען און זיך לאָזן וואוילגיין דערין. אין דעמדאָזיקן טאָג האָט ער געשיקט זאָגן זיין געליבטער, אַז זי זאָל קומען צו אים און זאָל גרייטן דעם טיש. געהייסן האָט דערדאָזיקער מלכ־דינער באַהאַדיר, און ער איז געווען אַ גוטער און ברייטהאַר־ציקער מאַן. בשעת ער האָט זיך דערנענט צו זיין הויז, האָט ער דערזען, אַז די טיר איז אָפן, האָט ער געמאַכט שטילע טריט און איז אַריין אינם אויפנאַמצימער, וואו דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט וואוילגיין און על־אַמדושאַד האָט געהאַלטן ביי די ליפּן אַ בעכער מיט וויין.

על־אַמדושאַד איז וויים געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פאַרלאָרן דאָס גאַנצע בלוט זיינס, און די אָרעמס האָבן אים געציטערט פון פחד. דערזען, ווי דער יונגערמאַן ווערט אַלץ ווייסער און ווייסער פון שרעק, האָט באַהאַדיר צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און אים אַ וואונק געטאָן, און על־אַמ־דושאַד האָט זיך תיכּף אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין צום באַלעבאָס פון הויז.

און דאָס מיידל האָט געפרעגט:

„אָ, מיין יונגלינג, וואוהין גייסטו"?

און על־אַמדושאַד האָט איר צוגעוואָרפן:

„נאָר אויף אַ ווייליע. איך גיי באַלד צוריק".

און ער איז אַרויס אין פאָרצימער און האָט זיך איינגעקוקט אין באַהאַדירן און האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער באַלעבאָס פון הויז. האָט ער אים אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט:

„אַלאַ איז גרויס, און איך בעט דיך אין זיין נאָמען, אַז דו זאָלסט מיך פריער אויסהערן, איידער דו גייסט מיך באַשטראָפן“.

און נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט ער אים פאַרציילט די גאַנצע געשיכֿטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און אַז ער שטאַמט פון מלכים און אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין היימלאַנד. און ער האָט אים אויך פאַרציילט, אַז ער איז געקומען אין זיין הויז נישט מיט זיין רצון און אַז נישט ער, נאָר דאָס מיידל האָט אויפגעבראָכֿן דעם שלאָס און אַז זי פירט זיך דאָ אויף צו פריילאַך און צו פריי, פונקט ווי דאָס הויז וואָלט געהערט צו איר.

דערהערט, אַז ער איז אַ בן־מלך, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין היימלאַנד, האָט באַהאַדיר רחמנות געהאַט איבער אים און האָט זיך אָנגערופן:

„מען רופט דיך על־אַמדזשאַד, טאָ הער וואָס איך וועל דיר זאָגן, על־אַמדזשאַד: וועסטו מיר פאָלגן און געהאָרכֿן, וועט דיר זיין גוט און וואויל, ווערסטו זיך אָוועקקערן פון מיינע ווערטער, וועל איך דיך טויטן“.

האָט על־אַמזשאַד געזאָגט:

„זאָג, וואָס דו ווילסט, און איך וועל דיך געהאָרכֿן, ווייל אין דיר ליגט מיין רעטונג“.

און באַהאַדיר האָט זיך אָנגערופן:

„גיי צוריק אין צימער און זעץ דיך צוריק אויף דיין אָרט און זיי רואיק, און איך וועל קומען צו דיר. מיין נאָמען איז באַהאַדיר. בשעת איך וועל אַריין אין צימער, זאָלסטו מאַכֿן אַן אָנשטעל, אַז דו ביזט בלויז גרימצאָרן און זאָלסט מיך באַפאַלן מיט חוזק און גרויס זידלעריי. דו זאָלסט שרייען, אַ שטייגער: „וואו ביזטו געוועזן, וואו ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן, צו אַלדי שוואַרציאָר!“ און טאָמער וועל איך מיך פאַרענטפערן, זאָלסטו שרייען נאָך העכֿער און זאָלסט מיך נעמען שלאָגן. אָבער געדיינק, אויב דו וועסט מיך שאַנעווען, אויב דיין האַנט וועט זיין ווייך צו מיר, וועל איך דיך טויטן! נו, איצט גיי דיר אין צימער און געניס פון אַלץ, וואָס דיין האַרץ גלוסט. הייגטיקער

טאָג איז דיין טאָג און הייַנטיקע נאַכט איז דיין נאַכט, און מאָרגן ביזטו פריי און וועסט קענען גיין, וואוהין דו ווילסט. קיינער וועט דיך נישט פאַרהאַלטן. איך טו מיט דיר אַ חסד, ווייל דו ביזט אַ פרעמדער און פרעמדע באַהאַנדל איך תמיד זייער גוט".

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט אים על־אַמזשאַד ווידער געקושט די האַנט און איז אַריין אין צימער. איצט האָט ער שוין געהאַט פרייליכע פייערלאַך אין די אויגן און אַ שמייכל אויף די ליפּן, און ער האָט זיך אָנגערופן צו דער יונגפרוי:

„אָ, מיין האַרין, איך זע מיין גליק אין דיר און די הייַנטיקע נאַכט איז אונזערע".

און דאָס מיידל האָט געזאָגט:

„דאָס וואונדער איז גרויס, מיין האַר! וואָס איז די סיבה, חאָס דו ביזט פּלוצלונג געוואָרן אַזוי פריילאַך און ליב"?

און ער האָט געענטפערט:

„ביי גאָט, מיין האַרין, איך האָב געמיינט, אַז מיין דינער האָט מיר צוגענומען אַ טייערן האַלזבאַנד מיט ברילאַנטן, וואָס איז ווערט צענטויזנט דוקאַטן. דאָס האָט מיך זייער באַאומרואיקט. אָבער אַז איך בין אַרויס און אַ קוק געטאָן אויף יענעם אָרט, וואו ער איז שטענדיק געלעגן, האָב איך געזען, אַז ער איז גאַנץ און נישט גערירט, און איך האָב מיך תיכף באַרואיקט. דאָך בין איך שטאַרק אויפגערעגט אויף מיין דינער, וואָס איז נאָך אַלץ נישטאָ. איך וועל אים מוזן באַשטראָפן".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך די יונגפרוי צעלאַכט און האָט אים ווידעראַמאָל געהאַלזט און געקושט און געטרונקען וויין מיט אים און געטאַנצט, ביז די זון האָט זיך פאַררויטלט און זיך גענומען אַראָפּלאָזן אונטערן הימל.

און דעמאָלט איז געקומען באַהאַדיר, באַשולט און באַקליידט ווי אַ דינער. ער האָט אַ קוש געטאָן די ערד, וואו על־אַמדזשאַד איז געשטאַנען און נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשולדיקט, און על־אַמדזשאַד האָט אים אָנגע־

קט מיט גרויס גרימצאָרן און געזאָגט:

„אויסוואורף, למאי ביזטו געקומען אַזוי שפּעט?“

און באַהאַדיר האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, איך האָב מיר געוואַשן מיין וועש און האָב באָרנישט געטראַכט, אַז דו ביזט שוין דאָ. אַלעמאָל קומסטו דאָך שפּעט ביינאַכט“.

אָבער על־אַמדושאַד האָט זיך שטאַרק צעשריען אויף אים:

„אויסוואורף, וואָס דו ביזט, למאי רעדסטו אַזוי! ביי גאָט, איך וועל דיר אָנברעכן די ביינער“.

און ביי דידאָזיקע ווערטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט אַ וואָרף געטאָן באַהאַדירן אויף דער ערד און גענומען אים שלאָגן מיט אַ גרויסן שטעקן. דערזען, ווי דער יונגלינג שלאָגט זיין דינער, האָט די יונגפרוי אויך געכאַפּט אַ שטעקן און האָט אַזוי לאַנג געשלאָגן באַהאַדירן, ביז יענעם האָבן זיך באַוויזן טרערן אויף די אויגן און ער האָט זיך צעוויינט און געבעטן און געשריען פון יסורים, און על־אַמדושאַד האָט זיך אָנגערופן:

„לאָז אים אָפּ!“

און די יונגפרוי האָט געזאָגט:

„ניין, איך וויל אויסגיסן מיין בייז האַרץ אויף אים“.

דעמאָלט האָט איר על־אַמדושאַד אַרויסגעריסן דעם שטעקן און האָט זי אָפּגעשטויסן, און באַהאַדיר איז אויפגעשטאַנען און אויסגעווישט די טרערן און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון אַ דינער, וואָס וואַרט אויפן באַפעל פון זיין האַר. באַלד דערויף האָט ער זיך גענומען צו די צימערן און האָט מיט גרויס פלייס געטאָן זיין דינער־אַרבעט. יעדעס מאָל אָבער, ווען ער האָט זיך געוויזן אויף די אויגן פון דער יונגפרוי, האָט זי אים געוואָלט שלאָגן, און על־אַמדושאַד האָט געזאָגט מיט גרויס גרימצאָרן:

„איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַ (געבענטשט און געלויבט איז זיין נאָמען!), דו זאָלסט בעסער באַהאַנדלען מיין דינער. ביז אַהער איז ער נאָך נישט געשלאָגן געוואָרן פון אַ פרוי“.

טויזנט און איין נאַכט.

די יונגפרוי האָט געשוויגן, און ביידע האָבן זיך ווידער געזעצט ביים טיש און מען האָט געגעסן און געטרונקען ביז האַלבע נאַכט און באַהאַדיר האָט זיי באַדינט. צו האַלבע נאַכט איז באַהאַדיר אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון אַרבעט און פון קלעפּ, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און איז שווער איינגעשלאָפן.

און די יונגפרוי האָט זיך אָנגערופן:

„הויב דיך אויף, מיין האַר, און נעם דעמדאָזיקן שווערד, וואָס הייגט אויף דער וואַנט און מאַך אים קירצער מיט אַ קאָפּ, דיין דינער. אויב דו וועסט מיך נישט פאָלגן און נישט טאָן דאָס, וואָס איך הייס דיך, וועסטו אַוועקומען פון מיינע הענט".

און על-אַמדושאַד האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, איך פאַרשטיי דיך נישט. פאַרוואָס ווילסטו טויטן מיין דינער"?

און די יונגפרוי האָט געענטפערט:

„איך האָב ליב דעם תענוג אין זיין גאַנצער טיפקייט. דער תענוג וועט נישט זיין קיין תענוג, אויב מיר וועלן אים נישט דערהרגענען. און אויב דו וועסט עס נישט טאָן, וועל איך עס טאָן".

און על-אַמדושאַד האָט זיך צעשריען:

„ביי גאָט, דו וועסט עס נישט טאָן!"

און זי האָט געזאָגט:

„איך וועל עס יאָ טאָן".

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי גענומען דעם שווערד און אַרויסגעצויגן אים פונם שייד און זיך פאַרמאָסטן דערמיט איבער באַהאַדירן, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד.

און על-אַמדושאַד האָט אין דעם אויגנבליק געטראַכט:

„דערדאָזיקער האַר, וואָס ליגט אויף דער ערד, האָט אונז אַרויסגעוויזן אַזויפיל גוטסקייט און האָט אונז אַפילו באַדינט, און דערפאַר וויל מען אים באַצאָלן מיטן טויט. אָבער איך וועל עס נישט דערלאָזן, כּל-זמן מיינע אויגן זיינען אָפן".

און ער האָט זיך אָנגערופן צו דער יונגפרוי:

„אויב דו ווילסט אים דורכאויס טויטן, טאָ לאָמיך עס בעסער טאָן. אין בין דאָך זיין האַר".

און ער האָט גענומען דעם שווערד פון איר האַנט און האָט איר דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ איבערן האַלז, אַז דער קאָפּ איז איר תיכף־ומיד אַראָפּגעפלויגן פון די אַקסלען און אַרויפגעפאַלן אויף באַהאַדירן, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט אויסגעריבן די אויגן. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט זיך אַרומגעקוקט, און על־אַמדזשאַד איז געשטאַנען קעגן אים מיטן פאַרבלוטיקטן שווערד אין דער האַנט און דאָס מיידל איז געלעגן דערביי אָן אַ קאָפּ, און באַהאַדיר האָט געפרעגט:

„זאָג, וואָס באַטייט עס"?

האָט אים על־אַמדזשאַד געזאָגט אַלץ, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און האָט מוסיף געווען:

„אָ, מיין האַר, זי האָט דיך געוואָלט טויטן, האָב איך פאַרלאַפּט און האָב זי געטויט".

האָט באַהאַדיר געקושט דער יונגלינג אין קאָפּ און געזאָגט:

„אָ, מיין יונגלינג, למאי האָסטו זיך צוגעאיילט? איצט האָבן מיר אַ שווערע אַרבעט: מיר מוזן תיכף פאַרבאַהאַלטן איר גוף".

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט באַהאַדיר גענומען דאָס מיידל און אַריינגעלייגט זי אין אַ קויש, געפלאָכטן פון פאַלמען־צווייגן און געזאָגט:

„אָ, מיין יונגלינג, איך גיי אַוועק דערמיט. אָבער דו וואַרט דאָ אויף מיר, ביז עס וועט נעמען שאַריען אויף טאָג. איך מיין, אַז איך וועל שוין קומען מיט מאַנכע ידיעות וועגן דיין ברודער, ווייל איך וועל מיך נאָכפרעגן דעריבער. אַ מענטש איז אָבער אַ שוואַך און נישט זיכער באַשעפעניש און ער קען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס מיט אים קען פּאַסירן אַ ליאַדע מינוט. אויב איך וועל נישט קומען ביזן זונאויפגאַנג, וועט עס הייסן, אַז עס איז מקוים געוואָרן גאָטס רצון איבער מיר, און דעמאָלט איז מיין גאַנץ פאַרמעגן — דיינס. מיין הויז איז דיין הויז, מיין עשירות — דיין עשירות".

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער גענומען דעם קויש און איז אַרויס פון שטוב און אַוועק אויפן מאַרק און פון מאַרק צום ים, אָבער דאָ, ביים ים, האָט ער פּלוצלונג דערזען דעם וואַלי מיט פּאָליציילייט, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און געעפנט דעם קויש. אינעם קויש האָבן זיי געפונען אַ יונגפרוי אָן אַ קאָפּ, האָבן זיי באַלד געשמידט באַהאַדירן און אַוועקגעפירט אים צום מלך, און אַז דער מלך האָט דערזען זיין דינער, וואָס ווערט באַשולדיקט אין אַ שווערער רציחה, איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט געזאָגט:

„אויסוואורף, וואָס דו ביזט! דו האָסט, קענטיק, געפונען זייער אַ שיינע מלאכה: דערהרגענען מענטשן און אַריינוואַרפן זיי אין ים אַריין, צו פאַרבאָרגן דיינע שענדלאַכע מעשים. זאָג מיר, אויסוואורף, וויפיל מענטשן האָסטו דערהרגעט ביז אַהער?"

און באַהאַדיר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַרן מלך, און דער מלך האָט געפרעגט:

„אויסוואורף, ווער האָט געטויט דידאָזיקע יונגפרוי?"

און דעמאָלט האָט באַהאַדיר געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט—איך האָב דערהרגעט דידאָזיקע יונגפרוי!"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער מלך אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט געהייסן, מען זאָל אים אויפהייגגען. באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן דער תלין, וואָס איז אַוועק איבער די גאַסן פון שטאָט צוזאַמען מיט וואַלי און מיטן מלוכהאויסשרייער, אָנצוזאָגן די שטאָטלייט, אַז מען גייט הייגען אַ מענטשן און ווער עס וויל, דער קען זיך קוויקן מיט די תליהצערעמאָניעס.

פאַר דערדאָזיקער צייט האָט על־אַמדזשאַד געקוקט צום פענסטער, און אַז עס איז געוואָרן טאָג און באַהאַדיר האָט זיך נישט אומגעקערט, האָט ער אויפגעהויבן די הענט און די אויגן און האָט אויסגעשריען:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! וואָס איז געשען מיט באַהאַדירן?"

און ער האָט זיך פּאַרטיפט אין זיינע טראַכטונגען, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ער דערהערט דעם מלוכה־אויס־שרייער, וואָס האָט געשריען אין די גאַסן, אַז מען הייגט אַ מענטשן און אַז דער עולם זאָל גיין קוקן דערויף.

דערהערט דעם נאָמען באַהאַדיר, האָט על־אַמדזשאַד זיך צעווייגט און אויסגערופן:

„מיר אַלע געהערן צו דעם אַלמעכטיקן גאָט און מיר אַלע וועלן זיך אומקערן צו אים. אָבער באַהאַדיר איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק צוליב מיר, וואָרום דאָס מיידל האָב איך דער־הרגעט, נישט ער. ביי גאָט, איך וועל נישט שווייגן!"

און ער איז אַרויס פון שטוב און האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז אַוועק צום וואַלי און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, איר גייט טויטן אַ מענטשן, וואָס איז נישט שולדיק—איך בין שולדיק. ביי גאָט, דאָס מיידל האָב איך גאָר דערהרגעט".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אים דער וואַלי צו־געשטעלט צום מלך און מען האָט ווידעראַמאָל אַרויסגערופן באַ־האַדירן, וואָס האָט מיט גרויס פחד געוואַרט אויפן טויט, און דער וואַלי האָט איבערגעגעבן דעם מלך על־אַמדזשאַס ווערטער.

האָט דער מלך אַ קוק געטאָן אויף על־אַמדזשאַדן און גע־פרעגט:

„דו האָסט געטויט דאָס מיידל?"

און על־אַמדזשאַד האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, איך זאָג די וואָרהייט: איך האָב עס געטאָן".

און דער מלך האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

„אויב אַזוי, טאָ זאָג מיר, וואָס איז די סיבה, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט?"

און על־אַמדזשאַד האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, מיט מיר האָט פּאַסירט זייער אַן אויסטערלישע געשיכטע, וואָס איז ווערט פאַרשרייבן צו ווערן לדורות".

און על־אַמדושאַד האָט דערציילט פאַרן מלך זיין גאַנצ
לעבנס־געשיכטע, און דער מלך האָט זיך זייער געחידושט און גע־
גאַפט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„איך זע, אַז דו ביזט נישט קיין פאַרברעכער און מען
קען דיר מוחל זיין. פאַרקערט, דו פאַרדינסט נאָך אַ שבח פאַר
דיין אויפפירונג. אויב דו ווילסט, קענסטו ווערן מיין וויזיר".

האָט זיך על־אַמדושאַד טיף פאַרנויגט און געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך".

דעמאָלט האָט דער מלך געשיינקט ערנקליידער אים און
באַהאַדירן, און על־אַמדושאַד האָט, אויסערדעם, באַקומען אַ שיין
הויז מיט דינער און אַ וואָך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ וויזיר, און
דער מלך האָט באַפוילן, מען זאָל אויפזוכן זיין ברודער על־אַסאַד.

צװישןאַרום איז על־אַמדושאַד געוואָרן גרויס און דערהויבן
אין לאַנד. ער איז געוואָרן אַ ריכטער און אַ פירער פון דער
מלוכה און האָט זייער גליקלאַך געלעבט. אין אַלע שטעט און
ישובים האָט ער אַרויסגעשיקט אויסשרייער ·מיט פּאַפירן און זיי
האָבן געלייענט פאַר די שטאָטלייט וועגן דעם, אַז עס ווערט
געזוכט על־אַסאַד, אַ ברודער פונם באַרימטן וויזיר, אָבער דער
עולם האָט געהערט און געשוויגן: קיינער האָט נישט געוואוסט
פון על־אַסאַדן.

על־אַסאַד איז נאָך אַלץ געזעסן ביי די כּשופמאַכער, וואָס
האָבן אים געפּייניקט טאָג און נאַכט. אָבער אַז עס האָט זיך
אונטערגערוקט דער יום־טוב פון די כּשופמאַכער, האָט דער עלט־
סטער פון זיי, טאַקע דער אייגענער, וואָס האָט אַריינגענאַרט על־
אַסאַדן צו זיך אין הויז אַריין, זיך גענומען גרייטן אין וועג.
ער האָט אָנגעלאָדן אַ שיף און האָט געבראַכט על־אַסאַדן אין
דערדאָזיקער שיף. אָבער על־אַסאַד איז געלעגן פאַרשלאָסן אין
אַ קאַסטן און האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן.

גרויס זיינען אָבער די וועגן און די מעגלעכקייטן פונם
אַלמעכטיקן אַלאַ, און גראַדע אין דער מינוט, ווען על־אַסאַד איז
אין אַ פאַרשלאָסענעם קאַסטן אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער
שיף, איז על־אַמדושאַד געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט

צום ים. דערזען, ווי מענטשן טראָגן זייער פּאַרזיכטיק אַ גרויסן קאַסטן, האָט אים פּלוצלונג אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן, און ער האָט באַלד צונויפגערופן זיינע לייט און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן צום ברעג ים און אַרויף אויף דער שיף פון די כשופמאַכער און. דאָרט לאַנג געזוכט און געבישטערט, אָבער מען האָט גאָרנישט געפונען.

דעמאָלט האָט על־אַמדזשאַד זיך אומגעקערט אַהיים און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געריסן. ער האָט געשפּאַנט פון איין צימער אין אַ צווייטן מיט אומרואיקע טריט און זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט ביז ער האָט דערזען אויף אַ וואַנט דידאָזיקע שורות פון אַ ליד:

אָ, גוטע פריינט, איך זע אייך פון דערווייטנס
מיטן האַרצן מער, ווי מיטן אויג.
דאָס אויג יעט שטענדיק פרעמדע, אומבאַקאַנטע —
דאָס האַרץ לעבט נאָר מיט אייך צוזאַמען שטענדיק.

דורכגעלייענט דידאָזיקע שורות, האָט על־אַמדזשאַד זיך ביטער צעוויינט. און דער עלטסטער כשופמאַכער איז דערווייל אַרויף אויף דער שיף און האָט געהייסן די מאַטראָזן, זיי זאָלן אויפהויבן די זעגלען. די שיף איז אַריין אין אָפענעם ים און זי איז געגאַנגען און געגאַנגען איבער כוואַליעס בערג און וואַסער־תהומות, ביז מען איז געקומען צו אַ פייערדיקן באַרג. עס האָט זיך אָבער אויפגעהויבן אַ מוראדיקער שטורעמווינט, וואָס האָט פאַרוואָרפן די שיף צו אַ ברעג פון אַ שטאָט, וואו דעם מלכס פּאַלאַץ האָט געקוקט מיט די פענסטער צום ים.

איבער דערדאָזיקער שטאָט האָט געוועלטיקט די מלכה מאַרגאַנעכע, און דער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופן צו דעם עלטסטן פון די כשופמאַכער:

„אָ, מיין האַר, מיר האָבן פאַרלאָרן דעם ריכטיקן וועג און מיר מוזן אַריין אין דערדאָזיקער שטאָט, וואו מיר וועלן זיך אויסרוען אַ ביסל פון די ים־ווינטן און די אומרואיקע כוואַליעס. אָבער איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָט”.

און דער עלטסטער פון די כשופמאַכער האָט געענטפערט:

„דיין עצה איז אַ ריכטיקע. אַזוי ווען מיר טאָן".

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט דער שיפקאַפּיטאַן ווידער־אַמאָל זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, וואָס וועלן מיר ענטפערן דער מלכה פון דערדאָזיקער שטאָט, אויב זי וועט אונז וועלן אויספרעגן? די מלכה מאַרגאַנעכע איז אַ הייסע מאַכמעדאַנערין און זי קאָן אונז לאָזן טויטן און פאַרכאַפּן די שיף".

און דער כשופמאַכער האָט געענטפערט דערויף:

„איך האָב מיטגענומען אַ מאַכמעדאַנער מיט זיך. איך וועל אים אָנטאָן ווי אַ קנעכט און וועל אַריין מיט אים צו דער מלכה. ווען די מלכה וועט אים דערזען, וועט זי אים זיכער אָננעמען פאַר אַ קנעכט און איך וועל איר זאָגן, אַז איך האַנדל מיט קנעכט און עס וועט שוין זיין רעכט".

באַלד דערויף האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די זעגלען און פאַר־אַנקערט די שיף ביים ברעג, און עס איז אַרויסגעקומען די מלכה פון איר פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט ווירזירן און קריגסלייט און זי איז אַרויף אויפן ברעג און געפרעגט אויפן קאַפּיטאַן און דער קאַפּיטאַן האָט געקושט דעם שטויב פון אירע פיס און האָט זיך טיף פאַרנייגט.

און די מלכה האָט געפרעגט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ שיף און וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָדונג?"

און דער קאַפּיטאַן האָט געענטפערט:

„אָ, מיין באַרמהאַרציקע און גנעדיקע מלכה, איך פיר דאָ אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט קנעכט".

און די מלכה האָט געזאָגט:

„ברייננג מיר אַהער דיין סוחר".

און באַלד דערויף איז אַרויס דער כשופמאַכער צוזאַמען מיט על־אַסאַדן, וואָס איז געווען פאַרקליידט פאַר אַ קנעכט, און דער כשופמאַכער האָט געקושט דעם שטויב פון אירע פיס, און די מלכה האָט געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?"

און דער כשופמאַכער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן

האַרצן און נאָכדעם אָנגעוויזן אויף על־אַסאַדן און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסע מלכה, איך האַנדל מיט קנעכט.“

האָט די מלכה אַ קוק געטאָן אויף על־אַסאַדן און געפרעגט:

„ווי רופט מען דיך?“

און על־אַסאַד האָט דערשפּירט, ווי הייסע טרערן לויפן אים אָן אין האַלז און ער האָט קוים געענטפערט:

„אָ, מיין גנעדיקע מלכה, דו ווילסט וויסן, ווי מען רופט מיך איצט, צי ווי מען האָט מיך גערופן פריער?“

האָט זיך די מלכה זייער פאַרחדושט און געפרעגט:

„האָסטו דען צוויי נעמען?“

און על־אַסאַד האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גוטע מלכה, צוויי נעמען האָב איך: פריער האָב איך געהייסן על־אַסאַד און איצט הייס איך על־מאָטאַר.“

און די מלכה האָט אים אָנגעקוקט מיט גוטע אויגן און ווידעראַמאָל געפרעגט:

„קענסטו שרייבן?“

און על־אַסאַד האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גנעדיקע האַרין, איך קען!“

האָט זי אים געגעבן טינט און פעדער און פּאַפּיר און זיך בעת מעשה אָנגערופן:

„נו, מיין שיינער יונגלינג, שרייב מיר אָן עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרדינען מיין בליק פון די אויגן.“

און דעמאָלט האָט על־אַסאַד אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד:

וואָס קען איך טאָן און ווי זאָל איך מיר העלפן.
דאָס בייזע מזל האָט פאַרשטעלט מיין וועג.
איך לעב מיט קאַלטע צוגעמאַכטע אויגן.
די לעצטע האָפענונג איז שוין אויך מיר טויט.
נאָר אפשר וואַרט מיך אָפּ צום לעצטן מאָל מיין גליק,
און איך באַדאַרף נאָר בלויז זיך אומקערן צו דעם?
עס טרעפט דאָך אויף דער וועלט אַזוינס, מיין האַרין,
ווען איינער כאַפּט דאָס לעבן פאַרן טויט...

און די מלכה מאַרגאַנעכע האָט גענומען דאָס פאַרשריבענע שטיקל פּאַפּיר און עס איבערגעלייענט, און דאָס האַרץ איז

איר אָנגעפילט געוואָרען מיט ווייי און אַנגסט און מיט גרויס רחמנות צו דעם אָרעמען יונגלינג, און זי האָט זיך אָנגערופן צו דעם כשופמאַכער:

„פאַרקויף מיר דעמדאָזיקן יונגלינג!"

און דער כשופמאַכער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גנעדיקע הערשערין, איך קאָן דיר אים נישט פאַרקויפן, ווייל ער איז דער איינציקער, וואָס איז מיר געבליבן פון אַלע מיינע קנעכט. איך האָב זיי אַלע אויספאַרקויפט."

האָט די מלכה מאַרגאַנעכע שווער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„דעמדאָזיקן יונגלינג מוזטו מיר פּעו'קויפן. אַנישט, נעם איך אים מיט געוואַלט."

אָבער דער כשופמאַכער האָט מיט גרויס עקשנות געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, איך פאַרקויף אים נישט און מען נעמט אים נישט מיט געוואַלט."

דעמאָלט האָט די מלכה מאַרגאַנעכע גענומען דעם יונגלינג אונטערן אָרעם און זיך אָנגערופן צום כשופמאַכער:

„אויב דו פאַרלאָזט נישט היינט ביינאַכט אונזער שטאָט, וועסטו האָבן אַ וויסטן סוף: איך וועל דיר צונעמען אַלע דיינע סחורות און דיין שיף וועל איך אַראָפּלאָזן צום גרונט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער כשופמאַכער זיך אויסגעדרייט, ווי אַ שלאַנג, פון גרויס אימה און עגמת־נפש און ער האָט זיך אָנגערופן:

„ביי גאָט, מיין נסיעה איז געווען אַ שלעכטע."

נאָכדעם האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. ער האָט געוואַרט, עס זאָל צופאַלן די נאַכט, ער זאָל קענען פאַרלאָזן די שטאָט און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיינע מאַטראָזן:

„פילט־אָן אייערע לאָגלען מיט וואַסער און ביינאַכט וועלן מיר אויפהויבן די זעגלען."

די מאַטראָזן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און זיך אַרומגעקוקט, אָבער אויף דער שיף איז שוין מער נישט געווען על־אַסאַד. די מלכה מאַרגאַנעכע האָט אים אַריינגעפירט אין אַ

פאַלאַצימער און האָט געעפֿענט די פענסטער, און די הויפשקלאַ־
פינס האָבן געגרייט צום טיש. מען האָט אַריינגעטראָגן די שענ־
סטע מאכלים און די בעסטע וויינען, און על־אַסאַד האָט געגעסן
און געטרונקען צוזאַמען מיט דער מלכה. און אין דער אייגע־
נער רגע האָט אַלאַ (געבענשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען
זיין!) אָנגעצונדן דאָס האַרץ פון דער מלכה מיט גרויס ליבע צו
דעם יונגלינג, און זי האָט אים געגעבן צו טרינקען די שטאַרק־
סטע וויינען. האָט ער זיך אָנגעשכורט און איז אַרויס אין גאָרטן
און דאָרט איז ער אַנידערגעפאַלן צווישן בלומען און גראָזן און
איז איינגעשלאָפן.

ביינאַכט האָבן די מאַטראָזן געוואָלט אויפהויבן די זעגלען,
אָבער איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

„מיר מוזן פריער אָנפילן אונזערע לאָגלען מיט וואַסער.
מיר האָבן דאָך ליידיקע לאָגלען.״

האָבן זיי גענומען די לאָגלען און זיינען אַוועק צום פּאַ־
לאַץ. אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, האָבן זיי פלוצלונג דערזען
על־אַסאַדן, וואָס איז געלעגן מיטן פנים אַרויף און געשלאָפן
צווישן בלומען און הויכע גראָזן. קודם אָבער האָבן זיי אָנגע־
פילט די לאָגלען מיט וואַסער און נאָכדעם האָבן זיי אויפגע־
הויבן על־אַסאַדן און האָבן אים אַרויפגעטראָגן אויף דער שיף.
דאָרט האָבן זיי אים אַנידערגעלייגט פאַר דעם אַלטן כשופמאַ־
כערס פיס און געזאָגט:

„אָ, גנעדיקער האַר, דאָ האָסט דו ווידער דעם יונג. דיין
פויק, ווי דו זעסט, האָט געקלאַפּט און דיין פייפל האָט גע־
פייפט*). די מלכה מאַרגאַנעכע האָט דיר אים צוגענומען מיט
געוואַלט, אָבער מיר זיינען געשיקטער פון איר און מיר האָבן
אים איצט צוריק...״

דער אַלטער כשופמאַכער האָט געקוקט אויף די מאַטראָזן
און אויף דעם יונגלינג, און דאָס האַרץ איז אים אויפגעשפרונ־
גען פון גרויס שמחה. האָט ער געכאַפּט פון אַ קאַסטן מתנות

*) אַן אַראַבישער אויסדרוק, ווען עס ווערט עפּעס דערגרייכט.

און האָט זיי צוטיילט צווישן די מאַטראָזן און באַלד דערויף האָט ער אַ וואונק געטאָן, מען זאָל אויפהויבן די זעגלען.

און די מאַטראָזן האָבן אויפגעהויבן די זעגלען און זיינען אַרויס אויפן אָפענעם ים אין דער ריכטונג צום פייערבאַרג.

אין דער אייגענער צייט איז די מלכּה מאַרגאַנעלאַ, שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם יונגלינג, אַרויס אין גאָרטן, וואו זי האָט אים לאַנג געזוכט און געזוכט, אָבער נישט געפונען. דעמאָלט האָט זי געהייסן אירע הויפשקלאַפינס, זיי זאָלן אָנצינדן אַ ליכט און דורכנישטערן גוט דעם גאָרטן. די שקלאַפינס האָבן אַזוי געטאָן, אָבער זיי האָבן על־אַסאַדן נישט געפונען, הגם זיי האָבן אים אַרומגעזוכט די גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג האָט זיי די מלכּה מאַרגאַנעלע אַ פרעג געטאָן:

„און וואָס איז מיט דער שיף? זי איז אַוועק?"

און די שקלאַפינס האָבן געענטפערט אין קיין קול:

„אָ, גנעדיגע הערשערין, די שיף איז אַוועק נאָך ביינאַכט".

האָט די מלכּה אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס און געזאָגט:

„נו, איצט ווייס איך שוין! די מאַטראָזן האָבן דעם ליבן יונגלינג אַרויסגענומען פון גאָרטן און אַוועקגעפירט מיט דער שיף!"

און די מלכּה איז אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן. זי האָט לאַנג געקלאַפּט מיטן רעכטן פוס אָן דער ערד און האָט אַוועקגעשיקט אַ שליח צו איר גרויסוויזיר, ער זאָל תּיכּף ומיד צוגרייטן צען קריגסשיפן און אַרויסשיקן זיי אין ים אַריין. און איינער פון די צען שיפן האָט זי זיך אַליין אַריינגעזעצט און האָט זיך אָנגערופן צו די שיפסקאַפּיטאַנען:

„אויב איר דעריאָגט די שיף פונם כשופמאַכער, באַקומט איר ערנקליידער און אַ סך געלט. אויב אָבער נישט, געפינט איר אייער טויט אין מיין האַנט..."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן זיך די ים־לייט איבערגעשראָקן און זיך מיט לייב און לעבן אַ וואָרף געטאָן צו דער אַרבעט. דריי טעג און דריי נעכט זיינען זיי געפלויגן ווי די רוחות איבער די כוואַליעס, און ערשט אויפן פערטן טאָג

האָבן זיי דעריאָגט די שיף פונם כשופמאַכער און האָבן זי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

דערזעען, אַז ער האָט נישט קיין אויסוועג און קען נישט אַנטלויפן, האָט דער כשופמאַכער שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

„אָ, על־אַסאַד, דאָס אומגליק שטאַמט פון דיר, דאָס ביזטו שולדיג דערין, וואָס מיר ליגן געפאַנגען צווישן צען שיפן!”

און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם יונגלינג פאַר אַ האַנט און האָט אַ געשריי געטאָן צו די מאַטראָזן, זיי זאָלן אים אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

„ביי גאָט,—האָט ער געטרייסלט זיין פויסט פאַר על־אַסאַדס דערשראָקענע אויגן, — דיין טויט לויפט צו דיר שנעלער, ווי צו מיר! איידער איך וועל פאַלן, וועסטו פאַלן.”

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָבן אים די מאַטראָזן אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אָבער אַלאַ (געבענטשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין!) האָט, קענטיק, נישט געוואָלט, אַז דער יונגלינג זאָל אומקומען, האָט ער אים באַשאָנקען מיט כוחות, ער זאָל זיך קענען האַלטן אויפן וואַסער און נישט אַראָפּ צום גרונט. און על־אַסאַד האָט אָנגעשטרייגט דידאָזיקע כוחות און איז געשוואומען איבער די שוימיקע רוישיקע כוואַליעס אַזוי לאַנג, ביז ער איז געקומען צו אַ ברעג. און אויפן ברעג האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך די נאַסע מלבושים און זיך אַנידערגעזעצט און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף די נאַקעטע קני און שטיל אַרויסגעזיפצט דאָסדאָזיקע ליד:

ביי גאָט, איך בין דער עלנטסטער, דער עלנטסטער!
דער טויט האָט לאַנג פאַרכאַפּט מיין ביטער הארץ.
איך הויב מיין בליק צום הימעל מיט אַ וויטאָג:
לטאי בין איך דער עלנטסטער, אָ, גאָט!

און על־אַסאַד איז לאַנג געזעסן אויפן ברעג און דער ברעג איז געווען אַ וויסטער און קיין מענטשן האָט מען נישט געזען. האָט ער אָנגעטאָן צוריק זיינע מלבושים, וואָס האָבן זיך אויסגעטריקנט פאַר דער צייט און האָט זיך געלאָזט אין וועג

אַריין. און ער איז געגאַנגען טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט, וואַלד־איין, וואַלד־אויס, צווישן אומבאַקאַנטע פעלדער, וועלדער און מדבריות, ביז ער איז געקומען צו אַ שטאָט, אָבער אַריינ־גיין אין דערדאָזיקער שטאָט האָט ער שוין נישט געקאָנט, ווייל די טויערן זיינען שוין געווען געשלאָסן. דאָס איז אָבער גע־ווען די אייגענע שטאָט, וואו מען האָט אים אַמאָל געכומען געפאַנגען און וואו זיין ברודער איז געווען דער גרויסוויזיר.

דערזען, אַז די טויערן זיינען געשלאָסן, איז על־אַסאַד אַרויף אויפן בית־עולם און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קבר מיט אַן אָפענער טיר. נאָכדעם איז ער אַריין אינם בנין פון קבר און זיך ווידער אַנידערגעזעצט און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט און איז אַזוי איינגעשלאָפן.

פאַר דערדאָזיקער צייט האָט דער אַלטער כשופמאַכער זיך געראַנגלט מיט די שיפען פון דער בייזער און שטאָלצער מלכה און האָט מצליח געווען אין דעמדאָזיקן געראַנגל: ער האָט זיך אַדורכגעריסן דורך אירע שיפן און איז בשלום געקומען צו אַ ברעג און איז באַלד אַרויף אויפן ריכטיקן וועג צו זיין אייגע־נער שטאָט. אָבער פריער איז ער אַרויף אויפן בית־עולם, וואָס איז געלעגן פאַר דערדאָזיקער שטאָט. אויפן בית־עולם האָט ער געפונען אַ קבר מיט אַן אָפענער טיר, האָט ער זיך זייער פאַר־חדושט און איז אַריין אינם בנין פונם קבר, און דאָ האָט ער ווי־דעראַמאָל געפונען על־אַסאַדן, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איז שטאַרק געשלאָפן. האָט אים דער אַלטער כשופמאַכער אַ טרייסל געטאָן פאַרן אַקסל און געפרעגט:

„זע, דו לעבסט נאָך?"

און באַלד דערויף האָט ער אים זיכער און פעסט אַוועק־געפירט צו זיך אַהיים, וואו ער האָט אים איינגעזעצט אין אַ טיפן קעלער מיט שווערע קייטן אויף די פיס און די הענט, און האָט אָנגעזאָגט זיין טאָכטער, אַז זי זאָל אים טאָג און נאַכט פייניקן אַזוי לאַנג און אַזוי שווער, ביז ער וועט אויס־הויכן זיין לעצטן אָטעם.

און בוסטאַן, אַזוי האָט געהייסן די טאָכטער פונם כשופ־

מאַכער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער מיט אייזנס און מעסערס אין די הענט, אָבער אַז זי האָט דערזען פאַר זיך אַ שיינעם שלאַנקן יונגלינג מיט דינע פיינע ברעמען און שוואַר־צע טרויעריקע אויגען, האָט איר אַ ציטער געטאָן דאָס בייזע האַרץ, און זי האָט געפרעגט:

„ווי רופט מען דיך?"

און דער יונגער פּרינץ האָט געענטפערט:

„על־אַסאַד הייס איך."

און בוסטאַן האָט זיך אָנגערופן:

„זיי בעסער גליקלאַך. דו ביזט צו שיין פאַר יסורים, און איך ווייס, אַז מען פייניקט דיך פאַר גאָרנישט."

און באַלד דערויף האָט זי אים אַראָפּגענומען די קייטן פון די הענט און די פיס און האָט אים טיפער אָנגעקוקט און האָט אים אַ קוש געטאָן, און נאָכדעם איז זי צוגעפאַלן צו אים מיט דער ברוסט.

פון דעם טאָג אָן האָט זי אים אָנגעהויבן טראָגן דאָס בעסטע פון מאכלים און משקאות, און יעדעס מאָל האָט זי אים געקושט און איז צוגעפאַלן צו אים מיט דער ברוסט.

און איינמאָל, בשעת זי איז אַרויס פון קעלער און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין דרויסן, האָט זי פּלוצלונג דערהערט ווי אַ מלוכה־שרייער גייט אַרום איבער דער גאַס און שרייט נישט מיט זיין קול:

„דעריעניקער, וואָס ביי אים געפינט זיך אַ שלאַנקער יונג־לינג מיט דינע פיינע ברעמען און ער וועט אים צושטעלן אין דער און דער שעה אינם הויף פונם פּאַלאַץ, וועט באַקומען אַסך געלט און אַ סך מתנות. אָבער דעריעניקער, וואָס וועט זיך דער־וועגן צו פאַרבאַהאַלטן דעמדאָזיקן יונגלינג, וועט אָן שום רחמנות אויפגעהאַנגען ווערן ביי דער טיר פון זיין הויז, און זיין פאַר־מעגן וועט צוגענומען ווערן און זיין הויז וועט אַוועק מיטן פייער!"

און בוסטאַן האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען על־אַסאַדן, ווייל ער האָט איר שוין פאַרציילט זיין לעבנסגע־

שיכטע, איז זי צוריק אַראָפּ אין קעלער און האָט אים געזאָגט דאָס, וואָס דער מלוכהשרייער האָט געמאָלדן אין גאַס. איז על-אַסאַד אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און בוסטאַן האָט אים אַרויסגעלאָזט פון קעלער און געוויזען אים דעם וועג, וויאַזוי ער זאָל גיין צו דעם גרויסוויזיר. און על-אַסאַד איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, און ער איז באַלד אַריין צו דעם גרויס-וויזיר און האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס ביזטו דאָך מיין ברודער על-אַמדזשאַד!"

און די ברידער האָבן זיך דערקענט און זיך אַרומגענו-מען און זיך געהאַלזט און געפאַלן אין חלשות צווישן די פאַר-גאַפטע און פאַרחדושטע הויפקנעכט.

און אַזביידע ברידער זיינען נאָכדעם געקומען צו די כוחות, האָט על-אַמדזשאַד גענומען זיין ברודער אונטערן אָרעם און האָט אים פאָרגעשטעלט פאַרן סולטאַן און האָט אים אויס-פירלאַך פאַרציילט די לעבנסגעשיכטע פון זיין ברודער. און דער סולטאַן האָט אים אויסגעהערט און זיך אָנגערופן:

„על-אַסאַד, גיי צום כשופמאַכער און נעם אים אַוועק זיין גאַנץ האָב און גוטס."

באַלד דערויף האָט דער גרויסוויזיר אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן צום כשופמאַכער, און דידאָזיקע לייט האָבן צוגענומען דאָס האָב און גוטס פונם כשופמאַכער און אויך אַוועקגעפירט זיין טאָכטער צום גרויסוויזיר. און על-אַסאַד האָט געזאָגט צו זיין ברודער:

„מען האָט געבראַכט צו פירן אַהער די טאָכטער פונם כשופמאַכער. לאָמיר זי אויפנעמען מיט גרויס חשיבות, וואָרום זי האָט מיך מציל געווען פון אַ שווערן טויט."

און דער גרויסוויזיר האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, דו האָסט רעכט."

און מען האָט זי אויפגענומען מיט גרויס חשיבות און פאַראַד, און על-אַסאַד האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גנעדיקע יונגפרוי, דיין פאָטער וועט נישט אויפגעהאַנגען צוליב דיין באַרמהאַרציקייט און גוטסקייט:"

דערהערט די זאָזיקע ווערטער, האָט בוסטאַן זיך צעוויינט און זי האָט געגעבנט צו על־אַסאַד און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין יונגער גוטער האַר, דיין האַרץ איז נאָך בעסער פון מיינס. אָבער זיי צו מיר תמיד גוט!‟

און על־אַסאַד האָט איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט זיך פאַרנויגט פאַר איר און געזאָגט:

„בעסער קען איך שוין נישט זיין צו דיר. ווייל איך האָב דיך ליב...‟

און ער האָט זי אַרומגענומען און מען האָט געשיקט נאָכן כשופמאַכער און דער אַלטער באגראם איז געקומען און האָט זיך צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, מיינע ליבע קינדער, מיין גאַנץ לעבן האָב איך געגרייזט דורך מיין כשוף. איך האָב פאַרזינדיקט מיין לעבן קעגן גאָט און קעגן לייטן. אָבער זאָלן לויטער זיין די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן!‟

און מיט די זאָזיקע ווערטער האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר על־אַסאַדן און פאַרן וויזיר און פאַר דער טאָכטער ביז צו דער ערד.

און נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

„אָ, מיינע ליבע קינדער, איך זע, אַז איר ווילט מאַכן איין האַרץ פון אייערע צוויי הערצער. זאָל אַלאַ, געבענטשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, אייך באַהיטן. אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז איר דערמאָנט מיר די מעשה מיט נעאַמעכן און נאַאַמען...‟

און על־אַסאַד האָט געפרעגט:

„וואָס איז געשען מיט נעאַמעכן און נאַאַמען?‟

און דער אַלטער האָט פאַרציילט.

נעאַמעך און נאָאַם

מען דערציילט, הגם איין גאָט ווייס דעם אמת, אַז אַמאָל, גאָר פאַרצייטנס, האָט אין דער שטאָט על־קופעך געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען ער־ראַבעק, דער זון פון פאַטים. און דער־דאָזיקער מענטש איז געווען דער מושל פון דער שטאָט על־קופעך. און ער איז געווען זייער רייך און זייער גרויס און זייער חשוב ביי אַלעמען, און אַ זון האָט ער געהאַט מיטן נאָמען נעאַמעך.

און איינמאָל איז ער געקומען אויפן שקלאַפנמאַרק, האָט ער דערזען אַ שקלאַפין צום פאַרקויפן, און דידאָזיקע האָט געהאַלטן זייער אַ שיין מיידעלע אויף די הענט. האָט ער־ראַבעק אַ רוף געטאָן מיטן פינגער דעם סוחר פון דערדאָזיקער שקלאַפין און געפרעגט:

„וואָס ווילסטו פאַר דער שקלאַפין מיטן מיידעלע?"

און יענער האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, פופציק דוקאַטן וויל איך!"

און ער־ראַבעק האָט געזאָגט:

„שרייב אָן אַ קאָנטראַקט, באַקומסטו דאָס געלט, און איך די שקלאַפין."

און אַזוי איז געווען. דער סוחר האָט אָנגעשריבן אַ קאָנ־טראַקט און באַקומען דאָס געלט, און ער־ראַבעק האָט גענומען די שקלאַפין מיטן מיידעלע און איז אַוועק מיט זיי צו זיך אַהיים.

געקומען אַהיים, האָט דאָס ווייב זיינס, אַ טאָכטער פון זיינעם אַ פעטער, אָנגעקוקט די שקלאַפין פון פאָרנט און פון הינטן און זיך אָנגערופן צום מאַן:

„אָ, זון פון מיין פעטער, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ שקלאַפין?"

און ער־ראַבעק האָט געענטפערט דערויף:

„איך האָב זי געקויפט צוליב דעם מיידעלע. זע, ווי שיין דאָס איז. שפעטער, אַז דאָס וועט אויסוואַקסן, וועט עס זיין די שענסטע נישט נאָר ביי די אַראַבער — אין דער גאַנצער וועלט."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיין ווייב זיך אויסגעדרייט צו דער שקלאַפין און אַ פרעג געטאָן:

„שקלאַפין, זאָג, ווי רופט מען דיך?"

און די שקלאַפין האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גנעדיקע האַרין, מען רופט מיך טאַאופיקאַ."

און ער־ראַבעקס ווייב האָט ווייטער געפרעגט:

„און ווי הייסט דאָס מיידעלע?"

און יענע האָט געענטפערט:

„סאַאַדאַ*) הייסט זי."

ער־ראַבעקס ווייב האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„דו ביזט גערעכט, מיין שקלאַפין: דו ביזט גליקלאַך און גליקלאַך איז יענער, וואָס האָט דיך געקויפט. אָ, זון פון מיין פעטער! — האָט זי זיך אָנגערופן צום מאַן, — וואָס פאַר אַ נאָמען וואָלסטו איר געגעבן?"

און ער־ראַבעק האָט געזאָגט:

„בו קלייב דיר אויס אַ נאָמען."

*) סאַאַדאַ — גליק אויף אַראַביש.

האָט דאָס ווייב זיך ווידער צעלאַכט און געזאָגט:
„לאָמיר זי רופן נאַאַם, וואָס באַטייט אויך גליק.“
און דער מאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:
„עס בלייבט איר דער נאָמען.“

און די קליינע נאַאַם האָט זיך דערצויגן צוזאַמען מיט געאַמעכן, דעם זון פון ער־ראַבעק, אין איין וויגעלע, און ביידע האָבן געוואָקסן ווי יונגע פּאַלמען אונזיינען געווען שיין, ווי די לבנה. דאָס יינגל האָט דאָס מיידעלע גערופן שוועסטער, און דאָס מיידעלע האָט אים גערופן ברודער, און אַ יאָר נאָך אַ יאָר איז געלאָפן און די קינדער זיינען אַלץ שענער געוואָרן.
און איינמאָל האָט ער־ראַבעק זיך אָנגערופן צו זיין זון:
„אָ, זון מיינער, נאַאַם איז דיר נישט קיין שוועסטער, נאָר אַ שקלאַפין, וואָס איך האָב דיר געקויפט דעמאָלט, בשעת דו ביזט געווען אַ קינד אין וויגעלע, און דעריבער רוף זי מער נישט שוועסטער.“
האָט דער זון געזאָגט צום פאָטער:
„אָ, מיין גנעדיקער און גוטער פאָטער, אויב אַזוי, וויל איך זי מיר נעמען פאַר אַ ווייב.“
און דער פאָטער האָט אויף דידאָזיקע ווערטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:
„דו קענסט, וואָרום קיינער שטערט דיר נישט.“
און נעאַמעך, דער זון פון ער־ראַבעק האָט חתונה געהאַט מיט נאַאַמען און האָט זי ליב געהאַט מיט דער גרעסטער ליבע פון אַ מאַן. עס איז שוין געווען פיר יאָר נאָך זייער חתונה און אין גאַנץ על־קופעך איז נישט געווען נאָך אַזאַ שיינע פרוי, ווי נאַאַם. אויסערדעם, האָט זי געקענט לייענען דעם קאָראַן און געקענט שיין נייען און האַפטן און שפּילן אויף פאַרשידענע שפּילכלים און זינגען און דעקלאַמירן. און איינמאָל, ווען זי איז געזעסן צוזאַמען מיט איר מאַן נעאַמעך, דעם זון פון ער־ראַבעק, האָט זי גענומען אַ האַנטהאַרפעלע, האָט אָנגעצויגן די סטרונעס און אויסגעזונגען דאָסדאָזיקע ליד:
אָ, מיין יונגער, זיסער הערשער,

כ'וועל דיך קיינמאָל נישט פֿאַרראַטן —
נישט פֿאַר גרעסטערע עשירות,
נישט פֿאַר האַרציקערע ליבע.
זאָל מײַן זעלע זײַן אין דײַנער,
זאָל מײַן בלוט אין דײַנעם שפּילן.

און געאַמעך, דערהערט דידאָזיקע ווערטער פֿונם ליד, האָט געקניט פֿאַר זײַן יונג ווײַב און געקושט איר די הענט און געבעטן, זי זאָל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דאָסדאָזיקע ליד.

זיי האָבן געלעבט אַ זיס לעבן, און יעדער טאָג האָט זיי צוגעגאָסן אַ נײַעם הייסן ליבע־טראָפּן אין זייער ליבע.

נישט ווײַט פֿון זיי האָט אין אַ הערלאַכן פּאַלאַץ פֿון האָלץ, גאָלד און זילבער געוואוינט זייער אַ רײַכער מאַן און אַ מקורב פֿון מלך, מיטן נאָמען על־כאַדזשאַי, און דערדאָזיקער על־כאַדזשאַי האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

„איך וועל זי צונעמען, דידאָזיקע שיינהייט, וואָס הייסט נאַאַם און וועל זי אַוועקשיקן צום מלך פֿון די רעכטגלויביקע, צו אַבדול־מעליקן, דעם זון פֿון מאַרוואַן. נישטאָ אין זײַן הויף אַזאַ שיינהייט, ווי זי, און זײַן אויער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרנומען אַזאַ הערלאַך זינגען, ווי אירס.“

און ער האָט אַ רוף געטאָן זײַן אַלטע שקלאַפֿין און זיך אָנגערופֿן צו איר:

„האָרך, וואָס איך רייד צו דיר. איך וויל צונעמען די יונגע, שיינע נאַאַם, וואָס געפֿינט זיך, ווי דו ווייסט, בײַ ער־ראַבעקן אין הויז. אָבער איך ווייס נישט, וויאַזוי מען טוט עס. איך וויל זי צונעמען, ווײַל קיין שענערע פֿון איר איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. וואָס זאָגסטו דערויף?“

האָט די אַלטע פֿאַרגלאָצט די אויגן און זיך אָנגערופֿן:

„עס וועט שוין זײַן גוט.“

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז זי אַוועקגעגאַנגען. צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט זי אָנגעטאָן אַ שיין קלייד און צירונג אויפֿן האַלז און אין האַנט האָט זי גענומען אַ שטעקן מיט אַ

לאָגל און איז אַרויס פון שטוב און געשעפּטשעט פאַר זיך די־דאָזיקע ווערטער:

„נישטאָ קיין גאָט, אויסער גאָט און געבענטשט און גע־לויבט איז זיין הייליגער נאָמען! עס וועט שוין זיין גוט!..״

דידאָזיקע זקנה האָט מיט די לעפּצן געלויבט דעם שעפּער פון דער וועלט, אָבער מיטן האַרץ האָט זי בעת מעשה פאַר־טראַכט זייער אַ געמיינע זאַך. מיט שטילע טריטעלאַך איז זי צו האַלבן טאָג געקומען צו דער טיר פון נעאַמעכס הויז און האָט אָנגעקלאַפּט אין איר, און אַ דינער האָט געעפנט די טיר און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

„וואָס באַגערסטו, אַלטע?״

און די אַלטע האָט געזאָגט:

„איך בין אַן אָרעמע פרוי, אָבער זייער אַ פרומע. די תפילה צו האַלבן טאָג האָט מיך געטראָפן אין דערדאָזיקער גאַס, און דעריבער וואָלט איך אין אייער הויז געוואָלט צו גאָט בעטן.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער דינער גע־זאָגט:

„השובע זקנה, דאָס איז אַ הויז און נישט קיין מעטשעט, און דאָס הויז געהערט צו נעאַמעכן, דעם זון פון ער־ראַבעקן, און פרעמדע מענטשן קומען דאָ נישט בעטן צו גאָט.״

האָט די אַלטע ווידעראַמאָל געזאָגט:

„איך ווייס, אַז דאָס איז אַ געוויינלאַך הויז און נישט קיין מעטשעט, אָבער איך בין דעם מלכס אַ דינערין און איך בין שוין זייער אַלט און האַלט מיך לאַנג אויף די פיס. איך גיי אַ שטיק וועג פון דאַנען.״

אָבער דער דינער אין געווען זייער איינגעשפּאַרט און האָט געזאָגט:

„און דאָך וועל איך דיך נישט אַריינלאָזן.״

האָט די אַלטע גענומען גלאָצן מיט די אויגן און האָט אויסגערופן:

„דו קענסט מיר נישט פאַרווערן איבערצוטרעטן די שוועל פון דעמדאָזיקן הויז, וואָס געהערט צו נעאַמעכן, דעם זון פון

ער־ראַבעק. ווילסן זאָלסטו, אַז איך קום אַריין צו עמירן און צו זיזירן און צו אַלע גרויסע לייט אונטער דעם מאַכֿמעדאַנישן הימל, און קיינער האָט פֿאַר מיר נישט צוגעמאַכֿט זיין טיר. פֿאַרוואָס ביזטו אַזוי איינגעשפּאַרט?"

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך נעאַמעך, דער זון פֿון ער־ראַבעק, באַוויזן אויף דער שוועל, האָט ער זיך צעלאַכֿט און זיך אָנגערופֿן צו דער אַלטער:

„קום אַריין!"

איז די אַלטע אַריין אין הויז און אין יענעם חדר, וואו עס איז געזעסן די יונגע נאָאַם און האָט זיך טיף פֿאַרנייגט פֿאַר איר און האָט באַוואונדערט איר שיינקייט און געזאָגט:

„זאָל גאָט אָפּהיטן זיין ווערק. דו ביזט אַזוי שיין, אַז איך פֿיל דעם בוראס כּוחות אין דיין שיינקייט."

נאָכדעם האָט זיך די אַלטע אַוועקגעשטעלט אין ווינקל און געבעטן צו גאָט ביז עס איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, און אַז מען האָט געמאַכֿט ליכֿטיק אין שטוב, האָט די יונגע נאָאַם זיך אָנגערופֿן צו דער אומבאַקאַנטער זקנה:

„אַלטעטשקע, גענוג דיר צו שטיין אויף די פֿיס. רו דיך אויס אַ ביסל."

און די אַלטע האָט געענטפֿערט:

„אָ, מיין האַרין, דער, וואָס שטייט ביי דער שוועל פֿון דער אמתער וועלט, דער ווערט קיינמאָל נישט מיד. מיט תּפֿילות און געבעט מאַכֿט מען זיך אַלעמאָל לייכֿטער."

איז נאָאַם אַוועק און האָט געבראַכֿט דער אַלטער צו עסן מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, מיין חשובע זקנה, עס און טרינק און בעט גאָט אויך פֿאַר מיר."

אָבער די אַלטע האָט אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, היינט איז ביי מיר אַ תּענית. איך טאָר נישט עסן און נישט טרינקען. עס דו און טרינק דו, ווייל דו ביזט יונג און שיין."

און די אַלטע האָט נישט געגעסן און נאָאַם האָט לאַנג פאַרבראַכט מיט איר, און אַז עס איז געוואָרן שפעט, האָט זי זיך אָנגערופן צו איר מאַן:

„אָ, מיין האַר, דידאָזיקע זקנה ווייזט מיר אויס צו זיין זייער אַ פרומע. זאָל זי וואוינען ביי אונז אַ געוויסע צייט.”

און נעאַמעך האָט געענטפערט דערויף:

„גיב איר אָפּ אַ באַזונדער חדר און זאָל זי דאָרט תפילה טאָן צו גאָט, געבענשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין! דורך אירע תפילות וועט אַלאַ פאַרלענגערן אונזער גליק און וועט אונז קיינמאָל נישט צושיידן.”

און די אַלטע האָט באַקומען אַ באַזונדער חדר, וואו די האָט אַ גאַנצע נאַכט געבעטן צו גאָט און געלייענט דעם קאָראַן און אינדערפרי, בשעת נעאַמעך מיט זיין ווייב זיינען אַריין צו איר אין חדר, מיט אַ גוטמאָרגן אויף די ליפּן, האָט די אַלטע אויפגעהויבן דעס קאָפּ און געזאָגט:

„זאָל גאָט באַשירמען זיינע צוויי ווערק!”

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי געוואָלט פאַרלאָזן דאָס הויז. אָבער נעאַמעך האָט זי פאַרהאַלטן און געזאָגט:

„אָ, חשובע זקנה, למאַי איילסטו זיך?”

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, איך גיי אַוועק, אָבער אויב איר ווילט, איך זאָל באַזוכן אייער חשוב הויז, מוזט איר אָנזאָגן אייער דינער, ער זאָל מיך תיכּף אַריינלאָזן, ווען איך וועל קומען. אָ, מיין האַר, איצט צי איך מיך צו אונזערע הייליקע ערטער, וואו איך וועל בעטן צו גאָט, געבענשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, ער זאָל אייך שיינקען אַ סך גליק און אַ סך לעבן און זאָל אייך קיינמאָל נישט צושיידן.”

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך די יונגע נאָאַם צעוויינט און האָט זיך הייס צעזעגנט מיט דער זקנה, וואָס זי האָט די געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן און וואָס אירע כּוונות זיינען איר געווען לחלוטין אומבאַקאַנט.

די אַלטע איז באַלד אַוועק צו על־כּאַדזשאַין און ער האָט

געפרעגט:

„נו, וואָס הערט מען. קלוגע זקנה?"

און זי האָט געענטפערט:

„מען הערט נישט, נאָר מען זעט. איך האָב געזען די יונגע נאָאַם און איך מוז דיר זאָגן, אַז נאָך אַזאַ שיינהייט איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט."

און על־כּאַדזשאַי האָט געזאָגט דערויף:

„דאָס ווייס איך. אויב דו וועסט אויספירן די זאַך, ווי איך מיין, וועסטו באַשאָנקען ווערן מיט די שענסטע מתנות און מיט אַ סך געלט."

און די אַלטע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„גיב מיר דריי חדשים, ווײַל דאָס איז אַ שווערער ענין."

און על־כּאַדזשאַי האָט געזאָגט:

„איך גיב דיר דריי חדשים."

פון דעם טאָג אָן איז די אַלטע עפּטער געקומען אינם הויז פון נעאַמעך, דעם זון פון ער־ראַבּעק, וואו מען האָט זי אויפגענומען מיט גרויס חשיבות און גרויס כּבוד און מיט טײַערע ווײַנען און די בעסטע מאכלים, און די אַלטע איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין דעמדאָזיקן הויז. און איינמאָל, בשעת די אַלטע איז פאַרבליבן אַליין מיט דער יונגער נאָאַם, האָט זי איר אָנגעקוקט מיט אַ געמאַכטער האַרציקייט און זיך אָנגערופן:

אָ, מיין שיינע האַרין! ביי גאָט, דו מוזט מיט מיר מיטמאַכן די נסיעה צו די הייליקע ערטער. אויב דו ווילסט געהאָלפן ווערן, וועט עס געשען נאָר דאָרט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך די יונגע נאָאַם זייער דערפרייט און האָט אויסגערופן פון גרויס פרייד:

„אָ, אַלטעמשקע, מוטער מיינע, איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַ נעם מיך מיט!.."

און די אַלטע האָט איר געזאָגט דערויף:

„פרעג דיין שוויגער, און אויב זי וועט דיך לאָזן, מאַכן מיר אונזער נסיעה נאָך היינטיקע וואָך."

איז נאָאַם אַוועק צו איר שוויגער, די מוטער פון נעאָ־מעך, און זיך אָנגערופן צו איר:

„אָ, מיין האַרין, איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן, דו זאָלסט פועלן ביי מיין האַר, ער זאָל מיך לאָזן גיין מיט דער חשובער זקנה צו די הייליקע ערטער: איך וויל דאָרט גאָט בעטן פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אונז אַלע.“

האָט די שוויגער געזאָגט:

„גוט.“

און אין דעם אייגענעם טאָג האָט זי איבערגעשמועסט וועגן דעם מיט איר זון, אָבער נעאָמעך האָט זי אויסגעהערט מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע און האָט געזאָגט:

„ניין.“

האָט די אַלטע איבערגעוואַרט אַ פּאָר טעג און איינמאָל, ווען נעאָמעך איז נישט געווען אינדערהיים, האָט זי פאַרגלאָצט די אויגן און אַ זאָג געטאָן צו נאָאַמען:

„נעכטן האָב איך געבעטן גאָט פאַר דיר. דו זאָלסט מיר פאָלגן! קום מיט מיר, לאָמיר גיין צו די הייליקע ערטער, און פאַרנאַכט, איידער דיין מאַן וועט נאָך קומען פון גאַס, וועסטו שוין זיין אינדערהיים.“

איז נאָאַם ווידער אַוועק צו דער שוויגער און האָט זיך אָנגערופן צו איר:

„ביי גאָט, לאָז מיך גיין מיט דער אַלטער. איך וויל זען די הייליקע ערטער מיט די הייליקע מענטשן. איך וועל קומען אַהיים נאָך פריער פון מיין מאַן.“

און די שוויגער האָט געזאָגט:

„איך האָב מורא, אַז דיין מאַן וועט זיך זייער דערצאָ־רענען, ווען ער וועט זיך דערוויסן דערפון.“

ביי דידאָזיקע ווערטער איז אַריין די אַלטע צו דער שווי־גער און האָט זיך אָנגערופן:

„ביי גאָט, מיר וועלן נאָר אַרויס און וועלן באַלד קומען.“

האָט די שוויגער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„גייט אייך, אָבער געדיינקט, וואָס איר האָט געזאָגט.“

און די אַלטע איז באַלד אַרויס מיט דער יונגער שיינער נאָאַם און זי האָט זי געפירט איבער די גאַסן און פלעצער אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי האָט זי אַריינגעפירט אין פּאַלאַץ צו על־כּאַדזשאַי און זי דאָרט פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער חדר און באַלד דערויף איז זי אַוועק צו על־כּאַדזשאַי און האָט אים מיטגעטיילט אין קורצע ווערטער, אַז זי האָט געבראַכט די יונגע נאָאַם, וואָס איז די שענסטע אין דער גאַנצער וועלט.

אויסגעהערט די אַלטע, האָט על־כּאַדזשאַי תּיכּף באַפוילן זיינע רייטער, זיי זאָלן אַרויפזעצן די שיינע יונגפרוי אויף אַ רואיקן פערד און אָפּפירן זי אונטער אַ שטאַרקער שמירה קיין דמשק, צו דעם מלך אַבדול־מעליק, דעם זון פון מאַרוואַן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם עלטסטן פון דער וואַך:

„דו זאָלסט מיר היטן די יונגפרוי, און דאָ האָסטו אַ בריוו צו דעם גרויסן מלך פון די רעכטגלויביקע. ברייננג מיר אָבער אַן ענטפער וואָס שנעלער.“

„איך הער און געהאָרך!“—האָט געענטפערט דער עלטסטער.

און ער האָט גענומען די יונגפרוי און האָט זי אַרויפגעזעצט אויף אַ מוילאייזל און אַוועקגעפירט זי קיין דמשק אונטער אַ גרויסער שמירה. און נאָאַם האָט דעם גאַנצן וועג געוויינט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן אויף איר מאַן און אויף איר לאַגע, ביז זי האָט דערזען די שטאָט דמשק, וואו מען האָט זי איבערגעענטפערט צום מלך פון די רעכטגלויביקע, צו דעם באַרימטן קאַליף אַבדול־מעליק, דעם זון פון מאַרוואַן.

און דער קאַליף האָט זי אַריינגעזעצט אין אַ באַזונדער חדר און איז באַלד דערויף אַוועק אין האַרעם און האָט מיטגעטיילט זיין עלטסטער ווייב, אַז על־כּאַדזשאַי האָט אים געקויפט אַ יונג שיין מיידעלע, אַז זי שטאַמט פון מלכים און אַז יענער האָט באַצאָלט פאַר איר צענטויזנט דוקאַטן, ווי עס איז צו זען פון זיין בריוו, וואָס ער האָט מיטגעשיקט מיט דעם עלטסטן פון זיינע רייטער.

און דאָס ווייב האָט געענטפערט דערויף:

„אָ, מיין האַר, זאָל דיך אַלאַ תּמיד באַשיינקען מיט גליק און פרייד."

און נאָכדעם איז דעם קאַליפס שוועסטער אַריין צו דער יונגער פרוי, און באַלד ווי זי האָט זי דערזען, האָט זי אויסגעשריען:

„ביי גאָט, גליקלאַך איז יענס הויז, וואָס דו געפינסט זיך אונטער זיין אָפּדאַך, הגם מען האָט באַצאָלט פאַר דיר הונדערט טויזנט גאָלדשטיק."

און נאָאַם האָט אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

„אָ, מיין זיסע יונגפרוי, צו וואָסער מלך געהערט דער דאָזיקער פּאַלאַץ און ווי הייסט די שטאָט?"

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געענטפערט:

„דידאָזיקע שטאָט הייסט דמשק און דער פּאַלאַץ געהערט צו מיין ברודער און מיין ברודער איז דער מלך פון די רעכטגלויביקע און הייסט אַבדול-מעליק, דער זון פון מאַרוואַן."

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן:

„אָ, מיין ליבע, שוין-זשע האָסטו עס נישט געוואוסט?"

און נאָאַם האָט געענטפערט:

„ביי גאָט, איך הער עס צום ערשטן מאָל."

האָט דעם קאַליפס שוועסטער אויפסניי געפרעגט:

„שוין-זשע האָט דער מענטש, וואָס האָט דיך פאַרקויפט און גענומען פאַר דיר געלט, נישט געזאָגט, אַז דו ביזט פאַרקויפט געוואָרן צום מלך פון די רעכטגלויביקע?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט נאָאַם זיך צעוויינט און פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געקומען צו זיך און האָט ג'טראַכט: אויב איך זאָל דערציילן דאָס, וואָס מיט מיר האָט איצט פּאַסירט, וועט מען מיר זיכער נישט גלויבן, און דעריבער איז גלייכער, איך זאָל שווייגן. אגב, ווייס איך, אַז גאָט העלפט אַלעמאָל אין אַ נויט."

און מיט דידאָזיקע רעיונות האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט מער נישט גערעדט

מיט איר און זי איז אַרויס פון איר חדר און האָט זיך צו איר ניט געוויזן ביז מאָרגן. און צומאָרגנס האָט זי איר געבראַכט טייערע זיידענע קליידער און אַ האַלזבאַנד מיט ברילִיאַנטן און האָט זי אַזוי אויסגעפּוצט, אַז זי איז געווען הונדערט מאָל שע־נער פאַר דער לבנה.

אין דעם אייגענעם טאָג איז געקומען דער מלך צו איר און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר, און זיין שוועסטער האָט אַזוי געזאָגט:

„קוק אָן דאָסדאָזיקע מיידל: אַלאַ האָט איר געשיינקט שיינקייט צוזאַמען מיט חנעוודיקייט."

האָט דער קאַליף זיך אָנגערופן צו נאָאַמען:

וואַרף אַראָפּ דיין שלייער, איך וויל דיך זען."

אָבער נאָאַם האָט אים ניט געפאָלגט, און דער קאַליף האָט ניט געזען איר געזיכט. ער האָט אָבער ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון אירע הענט און האָט זיך באַלד איינגע־ליבט אין איר און זיך אָנגערופן צו זיין שוועסטער מיט דידאָ־זיקע ווערטער:

„אין דריי טעג אַרום וועל איך קומען צו איר. דו גרייט זי צו דערווייל און מאַך איר פריילאַך."

און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען צו־זאַמען מיט זיין שוועסטער, און נאָאַם איז פאַרבליבן אַליין און האָט געטראַכט פון נעאַמעכן און האָט עפּעס שווער אָפּגעזיפצט.

און צומאָרגנס האָט זי באַקומען היץ און האָט אויפגע־הערט צו עסן און צו טרינקען און האָט זיך שטאַרק פאַרענ־דערט אין געזיכט. האָט מען עס מיטגעטיילט דעם קאַליף, איז דער מלך פון די רעכטגלויביקע אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש. ער האָט גלייך געשיקט נאָך די בעסטע רופאים און דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן באין אופן ניט געקענט פאַרשטיין די מחלה פון דער יונגפרוי און האָבן זי ניט געקאָנט היילן.

וועלן מיר אָבער איבערלאָזן אויף אַ ווײַלע די קראַנקע נאָאַם אינעם חדר פון קאַליף און וועלן זיך אומקערן צו נעאַ־מעכן, דעם זון פון ער־ראַבעק. אַז ער איז געקומען אַהיים און

האָט דערוויסט אַ ליידיק געלעגער, האָט ער אויפגעהויבן דעם לאָמפּ און גענומען זי רופן:

„נאָאַם! נאָאַם!"

אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט. האָט ער גענומען שרייען נאָך העכער, און קיינער האָט אים ווידעראַמאָל נישט געענטפערט, מחמת זיינע שקלאַפינס האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן פון גרויס פּחד. דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַריין צו זיין מוטער, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און נעאַמעך האָט געפרעגט:

„אָ, מיין גוטע מוטער, וואו איז נאָאַם?"

און די מוטער האָט געענטפערט:

„אָ, מיין זון, זי איז אַוועק מיט דער פרומער זקנה, וואָס פאַרדינט גרויס צוטרוי. זי וויל בעטן צו גאָט אויף די הייליקע קברים, אָבער זי וועט באַלד קומען."

און דער זון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געפרעגט:

„אָ, מיין מוטער, למאַי האָסטו זי געלאָזט גיין?"

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„זי האָט מיך אַזוי געבעטן, אַזוי געבעטן!"

דעמאָלט האָט נעאַמעך אויסגעשריען:

„כּוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט!"

און ער איז באַלד אַרויס פון שטוב און איז אַוועק צום וואַלי און זיך אָנגערופן צו אים:

„דאָס האָסטו אַרויסגעפירט פון מיין הויז מיין יונג ווייב? איך פאָר תּיכּף ומיד צום קאַליף און וועל מיך קלאָגן אויף דיר."

און דער וואַלי האָט זיך שטאַרק געחדושט און געפרעגט:

„למאַי רעדסטו צו מיר אַזוי?"

און נעאַמעך האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„עפּעס אַ זקנה איז געקומען צו אונז און האָט מיר אַרויסגענאַרט דאָס ווייב פון מיין שטוב."

און דער וואַלי האָט געזאָגט:

„דו זאָג מיר, ווער איז די זקנה, וועל איך דיר געפינען דאָס ווייב."

און נעאַמעך האָט מיט כּעס געענטפערט:

„אָבער איך קען זי דאָך נישט!"

האָט דער וואַלי, וואָס האָט זייער גוט געוואוסט, אַז על־כּאַדזשאַי האָט דורך דער זקנה אַרויסגעפירט די יונגע נאַאַם פון שטוב, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

„אויב אַזוי, איז דאָס אַזאַ סוד, וואָס נאָר גאָט (געלויבט און געבענטשט זאָל זיין נאָמען זיין!) אַליין קען אים אַנטפלעקן."

און נעאַמעך האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט איבערן טיש און געזאָגט:

„איך גיב מיך נישט אונטער. איך וועל זוכן און זוכן מיין ווייב און על־כּאַדזשאַי וועט זיין דער ריכטער צווישן מיר און דיר."

און דער וואַלי האָט רואיק געענטפערט:

„קענסט טאָן וואָס דו ווילסט. גיי צו על־כּאַדזשאַי און זאָל ער זיין דער ריכטער."

און נעאַמעך איז אַוועק צו על־כּאַדזשאַי.

אַזוי ווי נעאַמעכס פאָטער איז געווען פון די חשובסטע מענטשן אין שטאָט, האָט על־כּאַדזשאַי תּיכּף אויפגענומען נעאַמעכן און האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ באַגילטן שטול און געפרעגט:

„אָ, מיין חשובער יונגערמאַן, וואָס באַגערסטו?"

און נעאַמעך האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, עס איז געשען אַן אומגליק."

און ער האָט אים פאַרציילט די גאַנצע געשיכטע, און על־כּאַדזשאַי האָט געזאָגט:

„ברענג מיר דעם וואַלי אַהער און איך וועל אים הייסן, ער זאָל זוכן די זקנה."

האָט מען געבראַכט דעם וואַלי און דערביי איז געשטאַנען נעאַמעך, און על־כּאַדזשאַי האָט זיך אָנגערופן צום וואַלי:

„זוך מיר תּיכּף אָפּ דאָס ווייב פון נעמאַנעך, דעם זון פון ער־ראַבעק."

און דער וואַלי האָט געענטפערט:

„ווער קען וויסן דעמדאָזיקן סוד, אויסער גאָט געבענטשט

און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין!״

און על־כּאַדזשי האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„נעם דריי רייטער מיט זיך און גיי זוכן דידאָזיקע יונג־פרוי איבער די גרויסע שליאַכן און שטעט...״

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופן צו נעאַמעכן:

„אויב דיין יונגפרוי וועט זיך נישט אָפּגעפינען, באַקומסטו צען שקלאַפינס פון מיין פּאַלאַץ און צען שקלאַפינס פונם וואַלי... און זאָל דער וואַלי זיך לאָזן אין וועג אַריין.״

אָבער פון דידאָזיקע ווערטער איז נעאַמעכן פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט נישט געזען די ערד אונטער זיך. ער האָט זיך צעוויינט און פון גרויס אַנגסט און ווי זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

„איך וועל שטאַרבן,— האָט ער געקלאָגט,— אַ יונגער וועל איך שטאַרבן.״

און אָט האָט איינמאָל זיין פּאָטער זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין זון, גענוג דיר צו קלאָגן. דאָס האָט על־כּאַדזשאַי אַרויסגעגעבן די זיסע יונגפרוי פון דיין שטוב, אָבער גאָט וועט העלפן. זי וועט זיך אָפּגעפינען.״

אָבער נעאַמעך איז אַזוי געפאַלן ביי זיך, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין געשטאַלט און האָט אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען און צו ריידן. דריי שווערע חדשים האָבן זיך אַזוי געצויגן און זיין פּאָטער איז אויך אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש און די רופאים, וואָס האָבן געוואָלט ראַטעווען נעאַמעכן, האָבן סוף־כּל־סוף געזאָגט, אַז אויב מען וועט נישט געפינען די יונגע נאָאָם, וועט נעאַמעך זיכער נישט אויסהאַלטן און וועט שטאַרבן.

און איינמאָל, אין אַ באַזונדער שווערן טאָג, האָט עמעץ מיטגעטיילט נעאַמעכס פּאָטער, אַז עס איז פאַראַן אַ פּערסישער דאָקטאָר, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן סיי אין דער מעדיצין און סיי אין אַסטראָלאָגיע. האָט ער־ראַבעק גערופן דעמדאָזיקן דאָקטאָר און האָט אים אויפגענומען מיט גרויס חשיבות און זיך אָנגערופן צו אים:

„איך האָב געהערט, אַז דו זעסט אַ קראַנקהייט מיט איר

סיבה צוזאַמען. באַטראַכט מיין זון.

האָט דער פּערס גענומען דעם חולה און באַטראַכט זיין האַנט און אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן אַריין און זיך אָנגערופן צו דעם אַלטן ער־ראַבעק:

„אָ, מיין האַר, דיין זון האָט בלויז אַ פיינלאַך האַרץ.

און ער־ראַבעק האָט געענטפערט דערויף:

„דאָס איז וואָר. אָבער אַ פיינלאַך האַרץ איז אויך אַ קראַנקהייט און איך בעט דיך, אָ, ברודער פּערס, הייל אים אויס.“

און דער פּערס האָט געשמייכלט און געזאָגט:

„די קראַנקהייט פון דיין זון איז נישט מער ווי די ליבע צו זיין יונגפרוי, און דידאָזיקע יונגפרוי געפינט זיך אָבער אין על־באַכראַם, אָדער אין דמשק, און דיין זון וועט אויסגעהיילט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט זיך צוריק באַהעפטן מיט איר.“

און ער־ראַבעק האָט געזאָגט:

אָ, מיין ברודער פּערס, אויב דו נעמסט זיך אונטער זיי צו באַהעפטן, וועל איך דיר געבן אַזויפיל געלט, אַז דו וועסט אַליין שטויבען פון דיין עשירות.“

און דער פּערס האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, מען קען זיי לייכט באַהעפטן.“

און באַלד דערויף האָט ער זיך אָנגערופן צו נעאַמען:

„וואַרף אַרויס דיין מרה שחורה פון האַרץ און זיי פרייל לאַך, עס וועט שוין זיין גוט. אָבער קודם־כל מוז מען האָבן פירטויזנט גאָלדשטיק.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער־ראַבעק איינגעצאָלט דעם פּערס דידאָזיקע סומע, און דער פּערס האָט געזאָגט:

„דיין זון דאַרף פאָרן מיט מיר קיין דמשק און גאָט, געבענטשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, וועט מסתמא מאַכן אַזוי, אַז איך וועל מיך נישט אומקערן צוריק אָן דער שיינער יונגפרוי.“

און באַלד דערויף האָט ער געפרעגט דעם חולה:

„ווי רופט מען דיך?“

און יענער האָט געענטפערט:

„נעאַמעך."

און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

„אָ, נעאַמעך, זעץ דיך אַנידער. גאָט, געבענטשט און גע־לויבט זאָל זיין נאָמען זיין, וועט דיך באַהעפטן מיט דיין גע־ליבטער."

און דער חולה האָט זיך אַנידערגעזעצט און דער פּערס האָט ווייטער געזאָגט:

„שטאַרק זיך, נעאַמעך, ווייל מיר דאַרפן היינט גיין קיין דמשק. עס און טרינק און באַרואיק זיך, ווייל דו מוזט אָנזאַמ־לען כוחות צו דער נסיעה."

און דער פּערס האָט באַלד פאַראָרדנט, אַז מען זאָל צו־גרייטן די פערד און דאָס געפּעק און נעאַמעך האָט געגעסן און געטרונקען און זיך צוזעגנט מיט פאָטער און מוטער און איז אַוועקגעפאָרן מיטן דאָקטאָר קיין אַלעפּאָ. דאָרט האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט אויף דער יונגפרוי, אָבער קיינער האָט נישט גע־וואוסט פון איר.

פון אַלעפּאָ זענען זיי אַרויסגעפאָרן קיין דמשק, און אַז זיי זיינען געקומען אין דערדאָזיקער שטאָט, האָט דער פּערס געדונגען אַ קראָם און האָט אויסגעלייגט די פּאָליצעס מיט טיי־ערן כינעזישן פאַרפאָר, מיט שטאָפן פון גאָלד און זילבער און מיט כלערליי רפואות און פראָשקעס און האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַן אַסטראָלאַביע און זיך אָנגעטאָן ווי אַ חכם און אַ רופא, און נעאַמעך האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ זיידן העמדל און זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאָלדענעם גאַרטל.

און דער פּערס האָט געזאָגט:

„נעאַמעך, וויסן זאָלסטו, אַז פון היינט אָן ביזטו מיין קינד און דעריבער זאָלסטו מיך רופן פאָטער און איך דיך–זון."

און נעאַמעך האָט געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך!"

און די איינוואוינער פון דמשק האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַר דער קראָם פונעם פּערס און האָבן זיך נישט געקענט אָפּחדושן

ון נעאַמעכן, דאָס איז געווען שיין ווי די לבנה און פון די זייערע חפצים, און שטאָפן, וואָס זיינען געלעגן אויף די פּאָליצעס.

און דער פּערס האָט גערעדט מיט נעאַמעכן אויף פּערסיש און נעאַמעך האָט געקענט דעמדאָזיקן לשון, ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַ שיינער וואוילגעלערנטער משפחה, און באַלד האָט מען אין דער גאַנצער שטאָט גערעדט בלויז פונם פּערס מיט זיין זון און הונדערטער מענטשן זיינען געקומען צום פּערס נאָך עצות און רפואות. און ער האָט אַלעמען געהאָלפן און אַלעמען צופרידנגעשטעלט און זיין רום איז דערגאַנגען אפילו צום פּאַלאַץ פון קאַליף.

און איינמאָל, בשעת דער פּערס איז געזעסן אין זיין קראָם, איז צוגעפאָרן אַ רייכע זקנה און זיידענע קליידער האָט זי געטראָגן און בריליאַנטן האָבן אַרויסגעפינקלט פון זיי. און דידאָזיקע זקנה האָט אַ צי געטאָן דאָס ציימל פון איר מוילאייזל און האָט אַ וואונק געטאָן צום פּערס און זיך אָנגערופן צו אים:

„איך וויל אַראָפּגיין פון מוילאייזל. העלף מיר.“

האָט איר דער פּערס דערלאַנגט די האַנט און זי איז אַראָפּ פון מוילאייזל און געפרעגט:

„דו ביזט דער פּערסישער דאָקטאָר, וואָס איז געקומען פון על־אַראַק?“

און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין חשובע האַרין, דאָס בין איך!“

און די אַלטע האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„וויסן זאָלסטו, אַז מיין טאָכטער איז זייער קראַנק.“

און ער האָט געפרעגט:

„וואָס איז דיין טאָכטער?“

און די אַלטע האָט אים באַריכות דערציילט פון איר טאָכטערס קראַנקהייט און דער פּערס האָט געזאָגט:

„דו זאָג מיר, ווי הייסט דיין טאָכטער, מחמת איך מוז נאָכזען צווישן די שטערן איר נאָמען און אויך וויסן וואָס פאַר אַ רפואה איך האָב איר צו געבן.“

און די אַלטע האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער פּערס, מיין טאָכטער הייסט נאָאַם."

דערהערט דעמדאָזיקן נאָמען, האָט דער פּערס גענומען חשבונען און רעכענען און שרייבן אויף דער האַנט און נאָכדעם זיך אָנגערופן צו דער אַלטער:

„אָ, מיין חשובע זקנה, קיין שום רפואה קען איך דער־וויל נישט צושרייבן דיין טאָכטער, ביז איך וועל מיך נישט דערוויסן, פון וואָסער שטאָט זי שטאַמט, ווייל יעדע שטאָט האָט גאָר אַן אַנדער לופט. דו זאָג מיר, וואו זי איז אויסגעהאָדע־וועט געוואָרן און וויפיל זי איז אַלט?"

און די אַלטע האָט געזאָגט:

„זי איז אַלט פערצען יאָר און איז אויסגעהאָדעוועט גע־וואָרן אין דער שטאָט על־קופעך, אין דער פּראָווינץ על־אַראַק."

און דער פּערס האָט ווייטער געפרעגט:

„אָ, מיין חשובע האַרין, איצט זאָג מיר, ווילאַנג איז זי שוין אין דמשק?"

און די אַלטע האָט ווייטער געזאָגט:

„מיין טאָכטער געפינט זיך בלויז עטלעכע חדשים אין דמשק."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט נעאַמעך, וואָס איז געשטאַנען דערביי, גענומען ציטערן פון היץ און פון קעלט און דער פּערס האָט דער זקנה געגעבן אַ רפואה, און די זקנה האָט אים באַצאָלט צען גאָלדשטיק פאַר איר און געזאָגט:

„גאָט זאָל דיר נאָכמער באַצאָלן דערפאַר."

און באַלד דערויף האָט די אַלטע אַ קוק געטאָן אויף נע־אַמעכן און געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער פּערס, זאָג מיר, דאָס איז דיין קנעכט, צי דיין זון?"

און דער פּערס האָט געענטפערט:

„אָ, מיין חשובע האַרין, דאָס איז מיין זון."

און נעאַמעך האָט דערווייל צוגענומען פון דער זקנה די רפואה מיטן אויסרייד, אַז ער באַדאַרף צולייגן נאָך אַ פּראָשעק און האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט אָנגעשריבן דערויף:

זאָל די גאַנצע וועלט מיר זאָגן:
„ביזט אַ נאַרישער פאַרליבטער,
קענסט דיר קריגן צוואַנציק נאָאָמס,
צוואַנציק שענערע פון איר״.
איך וועל אָבער קיינעם הערן,
זאָל מען ריידן, וואָס מען וויל מיר.
איך וועל בלייבן טריי דער איינער —
נאָאָם, נאָאָם, וואָס איז מיינע.

און דאָס שטיקעלע פאַפיר האָט ער אַריינגעלייגט אין קעסטעלע פון דער רפואה און האָט דאָס קעסטעלע פאַרקלעפּט און פאַרחתמעט און פון אויבן האָט ער מיט על־קופּעכישע אותיות אָנגעשריבן —

„איך, נעאָמען, דער זון פון ער־ראַבעק פון על־קופּען.״

און די אַלטע האָט באַקומען צוריק דאָס קעסטעלע און האָט זיך צעזעגנט מיטן פּערס און זיין זון און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, וואו זי האָט דערלאַנגט דער קראַנקער דאָס קעסטעלע און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרץ, וויסן זאָלסטו, אַז אין אונזער שטאָט איז געקומען אַ פערסישער דאָקטאָר, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. האָב איך אים געזאָגט, ווי דו הייסט און דיין קריינקהייט האָב איך אים אָפּגעמאָלט און דיינע יאָרן האָב איך אים אָנגעגעבן, און דיין געבורטשטאָט האָב איך אים אָנגערופן. און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען דיין קראַנקהייט און האָט דיר געשיקט אַ רפואה. אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז ער האָט אַ זון, דער פּערס, און דערדאָזיקער זון איז שענער פאַר טויזנט לבנות. נאָך אַזאַ יונגלינג האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען.״

און די אַלטע איז אַנטשוויגן געוואָרן און נאָאָם האָט גענומען דאָס קעסטעלע און האָט איבערגעלייענט דערויף דעם נאָמען פון איר מאַן און זיין פאָטער. און זי איז תיכף ומיד בלאַס געוואָרן און זיך שטאַרק געענדערט אין געזיכט און האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פערסישער דאָקטאָר איז געקומען צוליב איר.

און זי האָט זיך אָנגערופן צו דער אַלטער:

„זאָג מיר, ווי זעט אויס דערדאָזיקער יונגלינג?"

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„הייסן הייסט ער נעאַמעך און ביים רעכטן ברעם האָט ער אַ קליין שראַמעלע... אָבער זיינע קליידער זיינען פון זייד און סאַמעט."

און נאַאַם האָט געזאָגט:

„גיב מיר די רפואה און גאָט זאָל אים בענטשן און זאָל אים באַשירמען פון בייז."

און נאַאַם האָט גענומען די רפואה און האָט זי אַראָפּגע-שלונגען און זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„ביי גאָט, דאָס איז אַן אויסטערלישע רפואה."

און זי האָט באַטראַכט דאָס קעסטעלע און דעמאָלט האָט זי דאָרט געפונען אַ פּאַפּירל און אויפן פּאַפּירל דאָס ליד, וואָס נעאַמעך האָט אויפגעשריבן און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעקוואָלן מיט פריידיק בלוט, און זי האָט זיך נאָכאַמאָל צעלאַכט, און די אַלטע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

„ביי גאָט, דער היינטיקער טאָג איז אַ גליקלעכער."

און נאַאַם האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גוטע אַלטעטשקע, גיב מיר עסן, גיב מיר טרינ-קען; די כוחות לויפן צוריק!"

און די אַלטע האָט באַלד געעפנט די טיר און אַ זאָג גע-טאָן צו די שקלאַפנס:

„גרייט גיכער צום טיש און ברענגט אַריין מאכלים פון פלייש און גוטע וויינען!"

און דער טיש איז געדעקט געוואָרן און מאכלים פון פלייש האָבן זיך באַוויזן און נאַאַם האָט געגעסן פאַר דרייען. און אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען אַבדול-מעליק, דער זון פון מאַוואַ. און ער האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס נאַאַם עסט און טרינקט און ער האָט זיך צוגענויגט צו איר און געזאָגט:

„אָ, נאַאַם, דו ווערסט נאָך שענער, ווי פריער."

און די אַלטע האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעפּובליקע! דיין שקלאַפין נאָאַם קומט צו די כּוחות. און דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַ פּערסישן דאָקטאָר, וואָס איז געקומען צו אונז אין שטאָט און וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. זיין רפואה האָט איר אָפּגעפרישט די בעקלאַך און די אויגן און נאָאַם וויל שוין עסן.“

אויסגעהערט די אַלטע, האָט דער מלך געזאָגט:

„דאָ האָסטו טויזנט גאָלדשטיק. זאָלסט גוט אויפּפּאַסן די שיינע נאָאַם.“

און דער קאַליף האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער און די אַלטע איז אַוועק צום פּערס און האָט אים אונטערגעטראָגן די טויזנט גאָלדשטיק און האָט געזאָגט, אַז זי איז דעם קאַליפס שקלאַפין און אַז דער קאַליף איז זייער צופרידן, וואָס אין זיין שטאָט געפינט זיך אַזאַ גוטער דאָקטאָר און, אויסערדעם, האָט זי אים דערלאַנגט אַ בריוו פון דער שיינער נאָאַם. און דער פּערס האָט דעם בריוו איבערגעגעבן צו נעאַמעכן, דעם זון פון ער-ראַבּעק, און יענער האָט גענומען דעם בריוו און האָט באַלד דערקענט נאָאַמס כּתב און איז פון גרויס צעטרייסלונג געפאַלן אין חלשות, און ערשט דעמאָלט, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געלייענט:

„פון דער שקלאַפין-יונגפרוי, וואָס האָט פאַרלאָרן איר גליק און איר געליבטן, ווי דער דיכטער זאָגט:

איך האָב דיין בריוו געלייענט. זאָל דיין האַנט,
וואָס האָט מיר אים געשריבן, דינען דיר
צום גליק, וואָס ליגט נאָך וואו פאַר אונז פאַרבאָרגן
און וואָס וועט ווידער אונז באַהעפטן, ווי אַמאָל.
איך זוך דיין אויג צווישן פרעמדע אויגן
און צווישן קאַלטע פרעמדע הערצער וויל איך
הערן ווי עס קלאַפּט מיט ליבע פול דיין האַרץ.
אָ, נעאַמעך, דו לעב פאַר מיר באָטש פון דערווייטנס.

איבערנעלייענט דידאָזיקע ווערטער, האָט נעאַמעך זיך צע־וויינט, און די אַלטע האָט געפרעגט:

„אָ, מיין זון, וואָס וויינסטו? האָסט דאָך אַזוינע שיינע אויגן.״

און דער פערס האָט איר געענטפערט דערויף:

„אָ, מיין גוטע האַרין, ווי אַזוי זאָל מיין זון נישט וויינען און נישט קלאָגן, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין געליבטע, וואָס הייסט טאַקע באַאַם און וואָס ליגט ביי דיר אַ קראַנקע און וואָס וואָלט זיכער תיכף אויסגעהיילט געוואָרן, ווען זי וואָלט זיך נאָר געזען מיט אים און ביידע וואָלטן איינאַנדער געפאַלן אויפן האַלז.״

און דער פערס האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווידעראַמאָל זיך אָנגערופן.

„אָ, מיין גוטע האַרין! זיי באַרמהאַרציק צו אונז און פאַר־שטיי אונזער ווייטאָק און אונזער פיין. אָ, אַלטעטשקע זיי נאָך בעסער ווי דו ביזט און פיר צונויף ביידע עלנטע, וואָס לעכצן אַזוי צו איינאַנדער. גאָט, געבענטשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, וועט עס זיכער האַלטן פאַר אַ גרויסער מצוה, און איך פאַר אַ שיינער און גוטער טאַט און איך שיינק דיר שוין אַן אדרויף— דיזעלבע טויזנט גאָלדשטיק און דו וועסט נאָך קריגן וויפיל דו ווילסט אַליין צו יעדער צייט.״

און דער פערס איז אַנטשוויגן געוואָרן, און די אַלטע האָט געפרעגט:

„אָ, מיין האַר, וואָס רעדסטו? איז די שיינע נאַאַם דעם יונגלינגס געליבטע?״

און דער פערס האָט געענטפערט:

„ביי גאָט, דאָס איז אַזוי.״

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„איך זע, אַז דו רעדסט די וואָרהייט, ווייל זי דערמאָנט דעם נאָמען נעאַמעך אַלע טאָג און אַלע שעה.״

און דעמאָלט האָט נעאַמעך פאַרציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אים, און די אַלטע האָט אים אויסגע־הערט און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין יונגלינג, דו קענסט זײַן דיין געליבטע, איך װעל עס שוין מאַכן.“

און זי האָט זיך אַװעקגעזעצט אויפן מוילאייזל און איז אַװעקגעפאָרן אין פּאַלאַץ און איז אַרײַן צו נאַאַמען אין צימער און זיך הויך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שיינע נאַאַם, איצט װייס איך אַלץ: איך װייס, פאַרװאָס דו װיינסט און פאַרװאָס דו ליידסט און פאַרװאָס דו ביזט קראַנק און פאַרװאָס דו עסט נישט: דו האָסט ליב נעאַ־מעכן, דעם זון פון ער־ראַבעק פון על־קופעך און דאָס בייזע מזל האָט אייך צעשיידט?“

און נאַאַם האָט געענטפערט:

„אָ, מיין גוטע אַלטעטשקע, דו האָסט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און דו זעסט די װאָרהייט.“

און די אַלטע האָט איר געענטפערט דערויף:

„אָ, מיין גוט קינד, באַרואיק דיך. ביי גאָט, איך מוז דיך באַהעפטן מיט נעאַמעכן און עס מעג מיר קאָסטן דאָס גאַנ־צע לעבן, װייל איך קען נישט צוזען דיינע ליידן.“

און אויף מאָרגן איז די אַלטע אַװעק צו נעאַמעכן און זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין שיינער יונגלינג, איך האָב גערעדט מיט נאַ־אַמען, און זי האָט מיר געזאָגט, אַז יעדע שעה איז איר אַ יאָר און אַז זי קען נישט אויסהאַלטן און זי מוז דיך זען. דער מלך פון די רעכטגלויביקע איז געגאַנגען צו איר. אָבער זי האָט אים נישט אויפגענומען. אויב דו ביזט אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, װעסטו זי זיכער קענען זען, הגם פאַר מיר איז דאָס געפערלעך: איך קען מיך באַצאָלן מיטן לעבן. איצט ברעך איך דעם קאָפּ דערויף, װי אַזוי דיך אַריינצופירן אין פּאַלאַץ.“

און נעאַמעך האָט געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער, דו רעדסט נאָך בעסער פון אַ מוטער. זאָל דיר אַלאַ העלפן.“

און די אַלטע האָט זיך פאַרגעזעגנט און געזאָגט:

„אָ, מיין שיינער יונגלינג, זיי מיר דערווייל געזונט.“

און זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו נאַאַמען און זיך אָנגעבויגן צו איר און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרציק קינד, נעאַמעך גייט אויס פון ליבע צו דיר. ער קען שוין מער נישט לעבן אָן דיר.“

און באַלד דערויף איז זי אַלטע אַוועק אין קליידערצימער און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פרויענקלייד און געמאַכט אַ פעקעלע דערפון און איז אַוועק מיטן פעקעלע צו נעאַמעכן און זיך אָנגערופן צו אים:

„אַ שבח און לויב צו אַלאַ, דעם שעפער פון שיינקייט און גליק! ביי גאָט, דו ביזט נאָך שענער פון דיין געליבטער. אַז דו וועסט גיין מיט מיר, זאָלסטו אַרויסרוקן דעם לינקן אַקסל און שטעלן טריט, ווי אַ פרוי. ווייז מיר, ווי וועסטו גיין מיט מיר?“

און נעאַמעך האָט איר געוויזן, ווי עס גייט אַ פרוי: די טריט קליינע און די זייטן באַוועגן זיך—אַמאָל רעכטס און אַמאָל לינקס, און די אַלטע האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„איך האָב דיר געבראַכט אַ פרויענקלייד. טו עס אָן אַזוי, אַז מען זאָל דערקענען אַ פרוי און נישט קיין מאַן. אויסערדעם, זאָלסטו אָנטאָן צירונג—בריליאַנטן און בראַסלעטן און זאָלסט זיך האַלטן גוט.“

און די אַלטע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם ווידעראַמאָל געזאָגט:

„אויב גאָט, געבענטשט און געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, וועט נישט זיין דערווידער, וועסטו מאָרגן גיין אין פּאַלאַץ. זאָלסטו אָבער זיין רואיק און געלאַסן. אַז דו וועסט אָנבאַגעגענען אַ הויפדינער, זאָלסטו דורכאויס אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און נישט ריידן מיט אים. מען טאָר נישט ריידן, ווייל דו האָסט אַ שטים פון אַ מאַן. אָבער איך וועל אויך זיין דערביי און איך וועל דיך שוין אַרויסהעלפן.“

און צומאָרגנס ביינאַכט איז די אַלטע געקומען צו נעאַמעכן און איז אַוועק מיט אים אין פּאַלאַץ אַריין, און די אַלטע איז געגאַנגען פֿאָרױס און נעאַמעך פון הינטן און געשטעלט

טויזנט און איין נאַכט.

האָט ער קליינע פּרויענטריט. אָבער אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן צו נאָאַמס צימער, האָבן זיי פּלוצלונג דערזען אַ הויפּדיענער, וואָס האָט זיי פאַרהאַלטן אין וועג, און די אַלטע האָט זיך צושריען אויף אים:

„אָ, דו פאַרשאָלטענער קנעכט! שוין־זשע זעסטו נישט, אַז דאָס איז די שקלאַפין פון דער שיינער נאָאַם, וואָס געהערט צו דעם מלך פון די רעכטגלויביקע? גראָבער קאָפּ דו, לאָז איר גיין!"

און דער הויפּדינער האָט זיך פאַרענטפערט און זיך פאַרבויגט און געזאָגט:

„אָ, מיינע האַרינס, גייט אייך, וואוהין איר באַדאַרפט."

און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער און האָבן אָנגעטראָפן הויפּדינער, אָבער קיינער האָט זיי נישט אָפּגעשטעלט, ביז זיי זיינען געקומען צו פיר לאַנגע קאָרידאָרן מיט אַ סך טירן, און דאָ איז געשטאַנען דעם קאַליפס סריס, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

„אַלטע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידל?"

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„אָ, חשובער סריס, אונזער האַרין האָט זי געקויפט!"

און דער סריס האָט געזאָגט:

„אָן דעם מלכס דערלויבעניש טאָר דאָ קיינער נישט אַריין. די שקלאַפין מוז גיין צוריק, איך וועל זי נישט דורכלאָזן. איך מוז היטן דעם קאַליפס באַפעל."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז די אַלטע בייז געוואָרן און אָנגעשריען אויפן סריס:

„אָ, שטריינגער סריס, וואו איז דיין שכל? נאָאַם געהערט צום מלך פון די רעכטגלויביקע און ער האָט זי אַזוי ליב, אַז ער באַזוכט זי אַלע טאָג. און נאָאַם, מוזטו וויסן, איז געווען קראַנק און איצט פאַרבעסערט זי זיך אַ ביסל אין געזונט און דער קאַליף האָט אָנגעזאָגט, אַז קוים וועט זי עפּעס באַרלאַנגען, זאָל עס תיכף דערפילט ווערן. היינט האָט נאָאַם געקויפט אַ שקלאַפין, און וועלכער זי נויטיגט זיך, און דו, טעמבער קאָפּ, האָסט זיך איינגעשפּאַרט און לאָזט זי נישט אַריין.

נו, זאָג אַליין, ליגט דיר נישט אַ שטיק האָלץ אויף די אַקסלען, אָנשטאָט אַ קאָפּ? און וואָס וועט דער קאַליף זאָגן? זאָלסט וויסן, סריס, אַז דו וועסט זיך שטאַרק באַצאָלן דערפֿאַר."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער סריס געזאָגט:

„נו, זי קען אַריין, אָבער פֿון דעם אַלעם מאַכט אַ שוויג."

און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען און די אַלטע האָט אַ שעפּטשע געטאָן צו נעאַמעכן:

„אָ, מיין האַרציקער יונגלינג, גיי לינקס און צייל אָפּ פֿינף טירן און גיי אַריין אין דער זעקסטער."

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי זיך אָפּגערוקט פֿון אים.

און נעאַמעך איז געגאַנגען נישט לינקס, ווי די אַלטע האָט אים געהייסן, נאָר רעכטס און אָפּגעציילט האָט ער נישט פֿינף טירן, נאָר זעקס און איז אַריין אין דער זיבעטער טיר, און דאָ האָט ער דערזען אַ גרויס צימער, פֿאַרהאַנגען מיט זיידנס און באַהאָפטן מיט גאָלד און באַשפּריצט מיט אַמבערע און מיט אַ שיינעם געלעגער פֿון פּערל און קרישטאָל. און נעאַמעך האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעמדאָזיקן געלעגער און ער האָט נישט געוואוסט וואָס מען טוט מיט זיך און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט און ער איז געזעסן און געטראַכט ביטערע טראַכ־טונגען, ביז עס האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס איז אַריינ־געקומען די שוועסטער פֿון קאַליף, באַגלייט פֿון אַ שקלאַפֿין. און זי האָט דערזען דער יונגלינג, וואָס איז געווען פֿאַרקליידט פֿאַר אַ מיידל, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און זיך אָנגערופֿן:

„אָ, ווער ביזטו, מיידל, און צו וואָס ביזטו געקומען אַהער?"

און נעאַמעך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט איר נישט געענטפֿערט.

און דער קאַליפֿס שוועסטער האָט ווייטער געזאָגט:

„אָ, שקלאַפֿין־מיידעלע, אפשר געהערסטו צו דעם האַרעם פֿון מיין ברודער, און מיין ברודער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דיר, וועל איך מאַכן שלום צווישן אייך."

אָבער נעאַמעך האָט ווידער געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגע־געלאָזט און האָט ווידער נישט געענטפערט.

און דעמאָלט האָט דעם קאַליפס שוועסטער זיך אָנגערופן צו איר שקלאַפין:

שטעל זיך ביי דער טיר און לאָז קיינעם נישט אַריין אַהער.״

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געגענט צו נעאַמעכן און האָט זיך איינגעקוקט אין אים און האָט שטאַרק באַוואונ־דערט זיין שיינקייט און געזאָגט:

„אָ, זאָג מיר, שקלאַפן־מיידעלע, ווער ביזטו און ווי הייסטו און צו וואָס ביזטו געקומען אַהער? איך האָב דיך קיינמאָל ז׳אָ נישט געזען...״

און נעאַמעך האָט ווידעראַמאָל נישט געענטפערט און דאָס האָט זייער דערצאָרנט דעם קאַליפס שוועסטער און זי האָט מיט דער האַנט אַ דריק געטאָן נעאַמעכס ברוסט, און אַזוי־אַרום האָט זי באַלד איינגעזען, אַז דאָס איז נישט קיין מיידל, און זי האָט געזאָגט:

„אָ, דו ביזט אַ יונגלינג, פאַרקליידט פאַר אַ מיידל. זאָג, וואָס טוסטו דאָ?״

און נעאַמעך האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט זיך אָנ־גערופן:

„אָ, מיין האַרין, איך בין אַ שקלאַף און דו קענסט מיך קויפן. איך בעט דיך, דערבאַרעם דיך איבער מיר און פאַרלאָז מיך נישט.״

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געזאָגט:

„עס וועט דיר קיין שום ביי: נישט געשען. דו זאָג מיר נאָר, ווער האָט דיך געבראַכט אַהער?״

און ער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, מען קען מיך אונטערן נאָמען נעאַמעך, דער זון פון ער־ראַבעק, וואָס שטאַמט פון דער שטאָט על־קופעך. פאַר דער שיינער נאַאַם האָב איך ביז אַהער אָפּגעגעבן מיין לעבן און קען עס ווייטער אויך טאָן. אָבער על־כאַדזשאַי האָט זי מיר

אַרויסגעגאַרט פון מיין הויז און האָט זי אַריינגעזעצט אין דעמ־דאָזיקן פּאַלאַץ.״

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„אָ, קיין שום בייז וועט דיר נישט געשען. דו קענסט זיין רואיק.״

און באַלד דערויף האָט זי אַ רוף געטאָן די שקלאַפין, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר און האָט זיך אָנגערופן צו איר:

„גיי צו נאָאַמען און רוף זי אַריין צו מיר אין צימער.״

און די אַלטע איז נאָך פריער אַריין צו נאָאַמען אין צימער און האָט געפרעגט די יונגפרוי:

„אָ, מיין קינד, דיין האַר איז נאָך נישט געקומען?״

און נאָאַם האָט געענטפערט:

„כּוּ! און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט: מיין האַר איז נישט געקומען.״

און די אַלטע האָט געזאָגט:

„מסתּמא האָט ער זיך טועה געווען און איז אַריין אין אַן אַנדער טיר. ער האָט זיך עטוואָס געשראָקן.״

און דערנאָך האָט די אַלטע ווידעראַמאָל געזאָגט:

„אָ, מיין זיס קינד, מיר מוזן געפינען עפּעס אַן עצה צו אונזער לאַגע. גאָט ווייס, וואָס אונז קען געשען דערפאַר.״

אוןביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און ביידע האָבן געטראַכט זייערע טראַכטונגען, און דאָ איז אַריינגעקומען די שקלאַפין פון דעם קאַליפס שוועסטער און זי האָט געזאָגט צו נאָאַמען:

„אָ, שיינע יונגפרוי, מיין האַרין רופט דיך.״

און נאָאַם האָט געענטפערט דערויף:

„איך הער און געהאָרך!״

און די אַלטע האָט אָבער בעת מעשה אַ שעפּטשע געטאָן צו נאָאַמען:

„אָ, גאָטס ווערק, אפשר געפינט זיך דיין האַר ביי דעם קאַליפס שוועסטער און דער פאָרהאַנג איז אויפגעהויבן געוואָרן און דער סוד איז שוין נישט מער קיין סוד?״

אָבער אַזאַ האָט איר נישט געענטפערט דערויף, זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו דעם קאַליפס שוועסטער, און יענע האָט זיך אָנגערופן צו איר:

„דאָ זיצט דיין האַר. ער האָט זיך טועה געווען מיט דער טיר און איז געגאַנגען נישט אַהין, וואו ער באַדאַרף, אָבער, גאָאַם, נישט דו האָסט זיך וואָס צו שרעקן און נישט ער האָט זיך וואָס צו שרעקן. קיין שום בייז וועט אייך נישט געשען.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך נאָאַם באַרואיקט און זי איז אייליק צוגעגאַנגען צו נעאַמענען, און ער האָט זיך אויפגעהויבן און ביידע האָבן זיך הייס אַרומגענומען און זיינען תיכף ומיד געפאַלן אין חלשות. און נאָכדעם, אַז זיי זיינען געקומען צו די כוחות, האָט דעם קאַליפס שוועסטער זיך אָנגערופן צו זיי:

„זעצט אייך, געליבטע, און זייט רואיק און לאָמיר צוזאַמען באַטראַכטן די לאַגע. איר שטעקט ביידע אין אַ פּלאָנטער און איר מוזט אַרויס פון דעמדאָזיקן פּלאָנטער.“

און ביידע האָבן געענטפערט:

„אָ, באַרמהאַרציקע האַריך, מיר הערן און געהאָרכן. זאָג אונז נאָר, וואָס האָבן מיר צו טאָן.“

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, קיין שום בייז וועט אייך נישט געשען. איר געפינט זיך אונטער לייטזעליקע פליגלען.“

און באַלד דערויף האָט זי זיך אָנגערופן צו דער שקלאַפין:

„ברענג אונז צו עסן און צו טרינקען.“

און יענע איז אַוועק און געבראַכט צו עסן און צו טרינקען, און אַלע דריי האָבן געגעסן און געטרונקען, און די פלעשער מיט וויין זיינען אַלץ מער און מער אויסגעליידיקט געוואָרן, און ביידע יונגפרויען האָבן געלאַכט, און עס איז געווען פריילאַך און מען האָט הויך גערעדט, און נעאַמען האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיינע האַרציקע יונגפרויען, אין וואָס אַ בעלן געווען צו וויסן, וואָס וועט זיין נאָכדעם?“

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געזאָגט:

„אָ, נעאַמעך, שיינער יונגלינג דו, זאָג מיר די וואָרהייט, דו האָסט זייער ליב נאַאַמען?"

און ער האָט געענטפערט דערויף:

„אָ, מיין האַרין, מיין האַרין! מיין ליבע צו נאַאַמען איז אַזוי גרויס, אַז זי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט."

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט געפרעגט נאַאַמען:

„נו, און דו, נאַאַם? האָסטו טאַקע זייער ליב נעאַמעכן?"

און נאַאַם האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַרציקע האַרין! מיין ליבע צו נעאַמעכן איז אַזוי גרויס, אַז איך בין איר אונטערגעוואָרפן, ווי אַ קראַנקהייט. ער איז מיין טאָג און מיין נאַכט און מיין ווייי און מיין געלעכטער."

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט זיי ביידן אויסגעהערט און געזאָגט:

„איצט זע איך, אַז איר האָט איינאַנדער ליב און פאַרשאָלטן זאָל ווערן די האַנט, וואָס וויל אייך צושיידן. זייט פריילאַך און געניסט פון אייער ליבע, ווי פון גוטן ווייַן."

און אַלע דריי האָבן זיך צולאַכט און נאַאַם האָט געבעטן, מען זאָל איר געבן אַ האַנטהאַרפעלע און זי האָט אָנגעצויגן די סטרונעס דערויף און האָט געשפילט און געזונגען צוזאַמען:

איר ווייסט, מען קען דעם גוף צושיידן,
נישט דאָס האַרץ.
די ליבע איז אַלאָס מתנה —
לעב אין איר.
די ליבע גיט מער צער ווי פריידן,
ס'מאַכט נישט אויס.
מיט נעאַמעך איין שעה אַ גוטע —
אָך, עס קלעקט!
אָ, זאָל די שעה איר צייט פאַרגעסן,
שנעלער, שנעל.

כ'הער דײַן אָטעם שױן געליבטער —
פֿאַל אױף מיר.

און אַז זי האָט געענדיקט זינגען און שפּילען, האָט זי איבערגעגעבן דאָס האַנטהאַרפֿל נעאַמעכן און געזאָגט:

„אָ, מײַן האַר, זינג אונז עפּעס."

און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ און גענומען זינגען און שפּילן:

צו דיר, נאָאַם, איז ענלאַך די לבנה,
װאָס שװימט אין בלױען הימל אינם מזרח־לאַנד.
דײַן העלער שײַן דערשרעקט דעם שאָטן תּמיד
און װאו די קומסט, דאָרט ברײַנגסטו גליק און ליכט.
נאָאַם, נאָאַם, פֿאַרװאַרף אױף מיר דײַן חנט
און לאָמיר ציען קושן פֿונם קושנקװאַל!

און נעאַמעך האָט געענדיקט זינגען און שפּילן און נאָאַם האָט אים אָנגעגאָסן אַ בעכער װײַן און האָט אים צוגעטראָגן צו די ליפּן. און ער האָט אױסגעטרונקען דעם װײַן און האָט אָנגעפֿילט דעם אײגענעם בעכער פֿאַר דעם קאַליפּס שװעסטער, און זי האָט אױך אױסגעטרונקען דעם װײַן און נאָכדעם גענומען דאָס האַנטהאַרפּעלע און אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און געזונגען:

עס װײס מײַן האַרץ פֿון בײַנקעניש און פּײַן;
די ליבע האָט עס שטענדיק אױסגעמיטן.
איך בין געגאַנגען אױף דעם ליבע־װעג
און האָב געטראָפֿן שװאַרצע ראָבן שװעבן.
באַדױערט מיך, באַדױער'ט, כ'בין עס װערט.

און דעם קאַליפּס שװעסטער האָט טרױעריק געשפּילט און געזונגען, אָבער נעאַמעך האָט איר אַרױסגענומען פֿון האַנט דאָס האַנטהאַרפּעלע און האָט גענומען שפּילן אַ פֿרײלאַכס און אַ לע־בעדיקס, און די צװײ יונג־פֿרױען האָבן זיך באַלד צעלאַכט און האָבן װידער געגאָסן פֿונם װײַן און האָבן זיך צעטאַנצט אין שײנע לײַכטע טענץ און נאָאַמעך האָט אַלץ געשפּילט און געשפּילט, ביז עס האָט זיך פּלוצלונג באַװיזן אױף דער

שועל דער מלך פון די רעלטגלויביקע. האָבן זיי עטוואָס אויפ־געציטערט, אָבער באַלד געקומען צו זיך און אַ קוש געט ? דעם שטויב פון זיינע פיס און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, נאָאָם, איך זע, אַז דו ווערסט געגעזן, און שיין ביזטו, ווי הונדערט לבנות. איך וועל אַלעמאָל דאַנקען גאָט דערפאַר.“

און באַלד דערויף האָט ער אַ קוק געטאָן אויף נעאַמעכן, וואָס האָט געטראָגן אַ פרויענקלייד און האָט זיך אָנגערופן צו דער שוועסטער:

„אָ, מיין שוועסטער, וואָס פאַר אַ יונגפרוי זיצט עס נעבן נאָאָמען?“

און די שוועסטער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער און גרויסער מלך פון די רעלטגלויביקע, פאַראַן זייער שיינע יונגפרויען צווישן די שקלאַפינס, וואָס זיי־נען געקויפט געוואָרן פאַר דיין האַרעם. אָט די יונגפרוי איז זייער אַ שיינע און נאָאָם קען נישט לעבן אָן איר. זי עסט און טרינקט מיט איר צוזאַמען און זיי שיידן זיך קיינמאָל נישט.“

און נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט זי אויסגעזונגען פאַרן מלך דאָס פאָלגנדיקע ליד:

זיי זיינען ביידע שיין,
נאָר יעדע אויף איר שטייגער
נעמט איינע מיטן שמייכל
די צווייטע מיטן בליק.

און דער קאַליף האָט זיך בעסער צוגעקוקט און האָט אויסגערופן:

„ביי גאָט, זי איז אַזוי שיין, ווי נאָאָם! למאי האָט איר געשוויגן ביז אַהער? ביז מאָרגן באַדאַרף איר אָפּגעגעבן ווערן אַ שיין באַזונדער צימער און איך וועל איר אַריינשיקן אַ פיינע גאָלד־געשניצטע בעט מיט זיידענע העמדער.“

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין הייליקער ברודער, דו מוזט מיטפּיין מיט אונז.“

און דער קאַליף האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גוטע שוועסטער, דאָס קען איך היינט טאָן.“

און מען האָט ווידער געגרייט צום טיש און דער קאַליף האָט געגעסן און געטרונקען און געשפּאַסט, און אַז עס האָט געהאַלטן ביים ווייַן, האָט ער אויפגעהויבן דעם בעכער און אַ וואונק געטאָן צו נאָאַמען און געזאָגט:

„אָ, מיין זיסע נאָאַם, זינג אונז עפּעס.“

און נאָאַם האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער ווייַן, וואָס דער קאַליף האָט איר דערלאַנגט און זי האָט גענומען דאָס האַנטהאַרפּעלע און אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און אָנגעהויבן צו זינגען:

דער מלך גיט מיר ווייַן צו טרינקען,
טרינק איך גליק מיט ביידע הענט,
הויב איך שטאָלץ די אויגן מיינע,
לאַך איך ברייט פון גאַנצן האַרצן,
זע איך גליק אין אַלע מענטשן,
וועלכע דינען טריי דעם מלך.

און דעם קאַליף איז זייער געפעלן געוואָרן דאָסדאָזיקע ליד, האָט ער ווידעראַמאָל אָנגעפילט דעם בעכער מיט ווייַן און ווידעראַמאָל דערלאַנגט נאָאַמען, און נאָאַם האָט אויסגעטרונקען דעם ווייַן און די צאַרטע באַקן האָבן זיך איר אָנגעצונדן מיט ראָזע פלאַמען, און זי האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און גענומען זינגען:

זאָל אַלאַ דעם מלך היטן
אין מלחמה און אין שלום.
צווישן אַלע מוסולמענער,
סיי ביי טאָג און סיי אין אָוונט,
סיי ביינאַכט און סיי באַגינען.
סיי אין פרילינג, סיי אין זומער —
אומעטום אויף אַלע וועגן,
אינדערהיים און צווישן פרעמדע
זאָל אַלאַ דעם מלך היטן!

און דער קאַליף האָט זיך צעלאַכט מיט די אויגן און די ליפּן און ער האָט זיך אָנגערופן צו נאַאַמען:

„אָ, מיין טייער קינד, דו ביזט שיין, ווי קלוג, און קלוג, ווי שיין און דו זינגסט, ווי אַ באַרגטייבל פון מזרח.“

און ווידעראַמאָל האָבן זיי געטרונקען וויין און זיך אַלע געפרייט מיט אייבאַנדער און דער קאַליף האָט זיך געהאַלטן ווי אַ גלייבער מיט גלייבע, און זיין שוועסטער האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין ברודער און מלך פון די רעכטגלויביקע, אויב דיין האַרץ איז רואיק און דיין געדולט איז שטיל, וועל איך דיר פאַרציילן אַ שיינע געשיכטע, וואָס איך האָב אַרויסגעלייענט אין אַ בוך, וואו עס ווערט באַשריבן דאָס לעבן פון הויכגעשטעלטע לייט.“

און דער קאַליף האָט געפרעגט:

„אָ, מיין שוועסטער, וואָס פאַר אַ געשיכטע קענסטו מיר דערציילן?“

און זיין שוועסטער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער און מלך פון די רעכטגלויביקע, הער מיך אויס. וויסן זאָלסטו, אַז אין דער שטאָט על־קופען האָט געוואוינט אַ יונגלינג מיטן נאָמען נעאַמעך, דער זון פון ער־ראַבעק, און דערדאָזיקער נעאַמען האָט געהאַט אַ געליבטע, מיט וועלכער ער האָט תמיד געגעסן און געטרונקען און געשלאָפן צוזאַמען. און ביידע האָבן זיך געוואַלטיק ליב געהאַט, ווי צוויי פלאַמען, און ביידע האָבן געברענט פאַר אייבאַנדער מיט דעם הייליקסטן פייער פון ליבע. טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט האָבן ביידע געברענט פון ליבע און תענוג און גליק. אָבער דעמדאָזיקן יונגלינג איז פלוצלונג געשען אַ גרויס אומגליק: שלעכטע מענטשן האָבן אַרויסגענאַרט די געליבטע פון זיין הויז און בלוטיק צוויי פאַרליבטע הערצער צעריסן. איינער פון די־דאָזיקע שלעכטע מענטשן האָט גענומען דאָס מיידל און זי אַוועקגעפירט און פאַרקויפט צו איינעם אַ קאַליף פאַר צענטויזנט גאָלדשטיק. דעמאָלט האָט דער יונגלינג פאַרלאָזט זיין היים און

זיין גוטס און זיך אַוועקגעלאָזט אין שווערן וועג אַריין, צו זוכן זיין געליבטע, וואָס אָן איר קען ער נישט לעבן. און ער האָט זי געזוכט אין פאַרשיידענע שטעט און מדינות, ביז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ קאַליף. אָבער דערדאָזיקער הייס-פאַרליבטער און דרייסטער יונגלינג מיטן נאָמען נעאַמעך, דער זון פון ער־ראַבעק, האָט זיך נישט פאַרלאָרן, און ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און זיך אַי־בערגעטאָן פאַר אַ יונגפרוי און איז אַריין אין פאַלאַץ פונם קאַ־ליף און אָפּגעזוכט דאָס צימער כון זיין געליבטער און דאָרט איז ער איר געפאַלן אויפן האַלז און האָט זיך צעוויינט און געקושט דעם זוים פון איר קלייד און דעם שטויב פון אירע שיך און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין טייערע, אָדער שטאַרבן, אָדער לעבן צוזאַמען מיט דיר!..״

„אָבער דאָ, ביי דידאָזיקע ווערטער איז אַריין דער קאַ־ליף אינם צימער פון דער יונגפרוי און, דערזען די צוויי פיינ־לאַך פאַרליבטע, האָט ער אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און צוריסן דעם האַלזבאַנד, וואָס די יונגפרוי האָט געטראָגן אויפן האַלז און געעפנט די טיר און אויסגעשריען נישט מיט זיין קול:

„האַסאַן, האַסאַן, נעם און שעכט זיי אויף מיינע אויגן!״

און האַסאַן, וואָס איז געווען דעם מלכס אַ לייבשומר, איז באַלד אַריינגעלאָפן מיט אַ שווערד און האָט מיט צוויי שנע־לע שטאַרקע קלעפּ אַראָפּגעהאַקט צוויי יונגע שיינע קעפּ און דאָס צימער איז פאַרלאָפן מיט הייסן פאַרליבטן בלוט...״

און דעם קאַליפס שוועסטער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געפרעגט:

„אָ, מיין ברודער, זאָג מיר די וואָרהייט, האָט דער קאַ־ליף גוט געטאָן, וואָס ער האָט געלאָזט טויטן די צוויי פאַר־ליבטע קינדער?״

און דער קאַליף האָט אַ ווײַלע נאָכגעדיינקט און געזאָגט:

„אָ, מיין גוטע שוועסטער, דאָס איז אַ פלאדיקע געשיכטע, וואָס לאָזט זיך הערן. אָבער דער קאַליף האָט זיך נישט גוט

נאָגאַנגען צוליב דידאָזיקע טעמים: ערשטנס, איז דאָס געווען אַ יונג פאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט אָן אײנאַנדער נישט געקענט לעבן; צווייטנס, האָבן זיי זיך געפונען אין זײַן רשות און אין זײַן פּאַלאַץ און, דריטנס, באַדאַרף אַ מלך האַנדלען זייער ער־לאַך און זייער פּאָרזיכטיק און זייער באַדאַכט, בפרט נאָך, אַז די זאַך באַרירט דעם מלך גופא. לויט מיין מיינונג האָט דער־דאָזיקער מלך געהאַנדלט גאָרנישט ווי קיין מלך.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זײַן שוועסטער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער און מלך פון די רעכטגלויביקע, דו מוזט אויסהערן דאָס ליד, וואָס נאָאַם וויל דיר זינגען.״

און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, מײַן שיינע נאָאַם, זינג מיר, וואָס דיין האַרץ גלוסט. איך וועל דיך תמיד הערן.״

און נאָאַם האָט געזונגען:

מיין לעבן איז פאַרבונדן מיט אַ יונגלינג,
וואָס האָט אויף מיר געקוקט מיט ליבע־אויגן,
וואָס האָט געשיינקט זיין ערשטן קוש מיין בעקל,
און האָט אויף מיר זיין ווארעמקייט צעגאָסן.
דאָך האָט דאָס בייזע מזל אונז צעשיידט:
מען האָט מיך פון זיין האַנט אַוועקגעכאַפּט.
איך האָב פאַרלאָזט מיין ליבע און מיין היים,
און ער האָט מיך געזוכט אין לייד און פּיין.
און אָט האָט ער געפונען מיך צולעצט:
אין פּאַלאַץ, ביי אַ קאַליף, אינדערפרעמד.
אָ, גרויסער מלך, שיינק אונז היינט דיין חסד
און לאָז אונז ביידן צו צו אונזער גליק.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער פונעם ליד, איז דער מלך זייער גערירט געוואָרן און האָט געזאָגט:

„איך פאַרשטיי דיך, נאָאַם.״

און זײַן שוועסטער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מײַן ברודער, דער מענטש, וואָס האָט זיך אַליי

אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, באַדאַרף איך אויספירן, דעם פּסק־דין.
נעאַמעך, הויב דיך אויף, און דו, נאָאַם, הויב דיך אויך אויף!"

און נעאַמעך מיט נאָאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן, און
דעם קאַליפס שוועסטער האָט געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעבּטגלוויביקע, וואָס דו ביזט
אויך מיין ברודער! וויסן זאָלסטו, אַז דאָסדאָזיקע שיינע קינד
איז נאָאַם און על־כאַדושאַי האָט זי אַרויסגעגנבעט פון איר
האַרס הויז און האָט זי דיר צוגעשיקט מיט אַ בריוו, אין וועלכן
ער האָט געזאָגט ליגן, אַז ער האָט זי כּלומרשט געקויפט פאַר
צענטויזנט גאָלדשטיק, און דערדאָזיקער יונגלינג איז נעאַמעך־
דער זון פון ער־ראַבּעק פון על־קופעך, וואָס האָט נאָאַמען לי־
בער פון זיין אייגן בלוט. אין נאָמען פון אונזערע גרויסע אבות,
וואָס האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט גוטסקייט און באַ־
רעמהאַרציקייט און אויך אין נאָמען פון אַלאַ, וואָס ער איז
דער שעפער און ריכטער פון אַלץ און אַלעם בעט איך דיך,
דו זאָלסט נישט טראָגן קיין בייז האַרץ קעגן דידאָזיקע אומ־
שולדיקע קינדער און זאָלסט זיי נישט באַשטראָפן, ווייל זיי
געפינען זיך אין דיין הויז און דיין רשות און ווייל זיי ליבן
איינאַנדער ווי צוויי פלאַמען און ווייל דו ביזט אַ מלך און
ווייל זיי האָבן געטרונקען דיין וויין און געגעסן דיין ברויט."

און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גוטע שוועסטער, דיין וואָרט איז אמת און
דיין כּוונה איז אַ גוטע. אָבער מיין וואָרט האָט אויך זיין כּוח
און איך וועל עס נישט ברעכן. באַרואיק זיך."

און באַלד דערויף האָט ער זיך אָנגערופן צו נאָאַמען:

„אָ, נאָאַם דו האָסט ליב דעמדאָזיקן יונגלינג?"

און נאָאַם האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך פון די רעבּטגלוויביקע, אַזוי איז
עס, ווי דו פרעגסט איצט."

און דער מלך האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„אָ, מיינע קינדער, איר קענט זיין גליקלאַך, איך שיינק
אייך דאָס לעבן. איר זייט פריי."

און נאָכדעם האָט דער מלך געפרעגט נעאַמעכן:

„אָ, זאָג מיר שיינער יונגלינג, ווי אַזוי האָסטו געפונען דיין געליבטע?"

און נעאַמעך האָט געזאָגט:

„אָ, אַלמעכטיקער מלך פון די רעכטגלויביקע, מיין געשיכטע איז אַ טרויעריקע, אָבער אַן אמתע און איך וועל דיר אַלץ פאַרציילן, ווי פאַר גאָט".

און ער האָט אים אַלץ פאַרציילט פון אָנהויב ביזן סוף.

דעמאָלט האָט דער קאַליף געזאָגט:

„ברייננט מיר דעם פערס. איך וויל אים זען."

און אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען אים געבראַכט דעם פערס און דערדאָזיקער האָט זייער אויסגענומען מיט זיין חכמה און גוטע זיטן ביים קאַליף, און דער קאַליף האָט איך געשיינקט ערנקליידער און האָט מיט אים לאַנג פאַרבראַכט און צולעצט געזאָגט:

„אַזאַ מענטש, ווי דו, מיט אַזאַ שכל און אַזויפיל חכמה, מוז פאַרבלייבן אין מיין פאַלאַץ. אָ, ליבער פערס, דו וועסט שטייגן ביי מיר און בלויז גוטס וועסטו געפינען אין מיין הויף."

און דער קאַליף האָט נאָכדעם געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע הויפלייט און פאַרן פערס און פאַר נאַאַמען מיט נעאַמעכן, און זיבן טעג מיט זיבן נעכט האָט זיך געצויגן דידאָזיקע סעודה. אויפן אַכטן טאָג האָט נעאַמעך און נאַאַם זיך הייס צוזעגנט מיטן קאַליף און זיין שוועסטער און דעם פערס און זייענען געזונט און גליקלעך, מיט טויזנטער ברכות פונם מלך אַרויסגעפאָרן אַהיים קיין על־קופעך, וואו זיי האָבן נאָכדעם אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין שמחה און עשירות און גוטע מעשים, ביז דער טויט האָט זיי אין טיפן עלטער אָנגעקלאַפט אין טיר.

דער סוף פון דער געשיכטע מיט על=אמדזשאד און על=אסאד.

אויסגעהערט דידאָזיקע געשיכטע פונם אַלטן באַגראַמען, האָבן ביידע—על־אַמדזשאַד און על־אַסאַד זיך שטאַרק געחדושט און בײַנאַכט נישט געקענט אײַנשלאָפן. און באַלד, ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרן, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף פערד און אַוועקגעפאָרן צום מלך און געבעטן, ער זאָל זיי אויפנעמען. און דער מלך האָט זיי אויפגענומען און האָט געלאָזט גרייטן צום טיש, און זיך אָנגערופן:

„אָ, וואָס קענט איר מיר זאָגן אין דערדאָזיקער שעה?"

אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך דערהערט אַ געשריי און אויף דער שוועל האָט זיך פלוצלונג באַוויזן איינער פון די עלטסטע ווזירן, וואָס האָט אויסגערופן נישט מיט זיין קול:

„אָ, מיין גרויסער מלך, הינטער דער שטאָט הויערן גרויסע חילות מיט עפּעס אַ מלך, און מיר ווייסן נישט, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אונז."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער מלך זיך אָנגע־

רופן ביי על־אַמדזשאַדן:

„אָ, מיין ליבער וויזיר, וואָס קענסטו זאָגן דערויף?"

און על־אַמדזשאַד האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און זיך אָנגערופן צום מלך:

„אָ, מיין גרויסער מלך, דאָס איז זייער אויסטערליש. איך מוז צופאָרן אַהין און נאָכזען, וואָס זיינען עס פאַר אַ חילות."

און על־אַמדזשאַד איז באַלד אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין דער באַגלייטונג פון רייטער און גרויסע מחנות פוסגייער. און אַז ער האָט זיך דערנענט צו די פרעמדע חילות, האָבן זיי תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ שליח פון מלך, האָבן זיי אים אַריינגעפירט אין געצעלט פון זייער קאַליף און על־אַמדזשאַד האָט אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם קאַליפס פיס.

דערדאָזיקער קאַליף איז אָבער נישט געווען קיין זכר, נאָר אַ נקבה, און אויפן פּנים האָט זי געטראָגן אַ געדיכטן שלייער, און באַלד ווי זי האָט נאָר באַרויקט על־אַמדזשאַדן, האָט זי זיך אָנגערופן צו אים:

„וויסן זאָלסטו, אַז דידאָזיקע שטאָט גייט מיר נישט אָן. איך זוך דאָ בלויז איינעם אַ קנעכט פון מלכּס פּאַלאַץ. וועל איך אים געפינען ביי אייך, וועט אייך גאָרנישט געשען. וועל איך אים אָבער נישט געפינען ביי אייך, וועט זיך גיסן בלוט אין די גאַסן, ווייל דערדאָזיקער דינער מוז מיר דאָ תּיכּף ומיד אָפּגעזוכט ווערן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט על־אַמדזשאַד געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסע הערשערין, זאָג מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ קנעכט און ווי זעט ער אויס?"

און די מלכּה האָט געזאָגט:

„וויסן זאָלסטו, אַז איך הייס מאַרגאַנע און דער קנעכט על־אַסאַד. אַן אַלטער כּשופמאַכער מיטן נאָמען באַגראַם האָט אים איינמאָל געבראַכט צו מיר אין פּאַלאַץ, אָבער ער האָט מיר אים נישט געוואָלט פאַרקויפן. דעמאָלט האָב איך אים צוגענומען מיט געוואַלד און איך האָב מיך באַרויקט. דער אַל־

טער כשופמאַכער איז אָבער אַ גרויסער רמאי און ביינאַכט האָט ער אים אַרויסגעגנבעט פון מיין פּאַלאַץ. איצט זוך איך אים אין אייער רעזידענץ און מיינע חילות וועלן זיך נישט באַרו־איקן, כּל־זמן זיי וועלן נישט אָפּגעפינען דעמדאָזיקן קנעכט, וואָס איז, אגב, שיין ווי זעכצן לבנות."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט על־אַמדזשאַד באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָט מיינט מען זיין ברודער על־אַסאַד, און ער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, דו גרויסע הערשערין, דיין וועג איז אַ ריכטיקער און דו האָסט נישט געגרייזט, ווארום דערדאָזיקער קנעכט, וואָס ווערט אַזוי געזוכט פון דיר און דיינע חילות, איז מיין ברודער."

און ער האָט איר פאַרציילט אַלץ, וואָס איז געשען מיט זיין ברודער און ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַזויפיל סכנות און געפינט זיך איצט אינם פריילעכן פאַלאַץ פון דעם מלך פון די רעכטגלויביקע, און די מלכּה מאַרגאַנעך האָט אים אויסגעהערט און האָט זיך זייער געפרייט פאַר על־אַסאַדן און האָט געשיינקט ערנקליידער על־אַמדזשאַדן פאַר זיין גוטער בשורה. און על־אַמדזשאַד איז באַלד אַוועקגעריטן צו זיין מלך און האָט אים פאַרציילט די געשיכטע מיט דער מלכּה מאַרגאַנעך און זיין ברודער על־אַסאַד און ווי אַזוי זי זוכט אים אַרום איבער אַלע מדינות, און דער מלך פון די רעכטגלוי־ביקע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער וויזיר, לאָמיר אַרויספאָרן צו דערדאָזי־קער מלכּה."

און דער מלך מיט זיין וויזיר, מיט על־אַסאַדן און מיט נאָך אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט פון זיין הויף זיינען אַרויס־געפאָרן צו דער מלכּה, און די מלכּה האָט זיי גוט אויפגענו־מען און מען האָט געדעקט אַ טיש אויפן מיטן פעלד און מען האָט געבראַכט די בעסטע וויינען און די בעסטע מאכלים און מען האָט זיך געלאָזט וואוילגיין און פאַרבראַכט די צייט אין גרויס שמחה און גליק.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב אויפן וועג און דערדאָזיקער וואָלקן האָט זיך דערנענט און דערנענט און באַלד זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון אים גרויסע מחנות חיל, וואָס האָבן תּיכּף ומיד באַלאַגערט די שטאָט און אויפגעהויבן די בלאַנקע שווערדן. דערזען דידאָזיקע בהלה און דידאָזיקע באַלאַגערונג, האָט אַמדזשאַד אויפגעהויבן דאָס פּנים צום הימל און אויסגערופן:

„מיר לעבן אין אַן אויסטערלישער צייט! אָבער מיר גע־הערן נאָר צו גאָט און צו גאָט וועלן מיר זיך אומקערן! וואָס זיינען דאָס פאַר אַ חילות און וואָס פאַרלאַנגען זיי פון אונז? ביי גאָט, מיר מוזן באַלד שליסן אַ בונד מיט דער חשובער מלכּה מאַרגאַנעך, אַנישט וועלן דידאָזיקע חילות באַפאַלן אונזער שטאָט און מיר וועלן געפינען דעם טויט אין זייערע הענט. אָבער מיר טאָרן קיין איין מינוט נישט פאַרלירן.״

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז על־אַמדזשאַד אַריין אין די רייען פון די נייע חילות און דאָ האָט ער, צו זיין גרויסן חדוש און פּחד, דערזען, אַז דאָס זיינען די חילות פון על־גאַיור, דער פאָטער פון זיין מוטער, דער פּרינצעסין בודור. און על־אַמדזשאַד איז באַלד צוגעגאַנגען צום מלך פון די חילות און האָט געקניט פאַר אים און געקושט דעם שטויב פון זיינע פיס און געפרעגט:

„אָ, אַלמעכטיקער וועלטהערשער, וואָס באַטייט דידאָזיקע באַלאַגערונג?״

און דער מלך האָט געענטפערט:

„וויסן זאָלסטו, אַז איך הייס על־גאַיור און געקומען בין איך אַהער, ווייל מיין טאָכטער בודור האָט מיך פאַרלאָזט און איך ווייס נישט, וואו זי געפינט זיך איצט און וואו עס גע־פינט זיך איר מאַן קאַמאַר־עס־זעמאַן. אָ, זאָג מיר, ליבער האַר, אפשר געפינען זיי זיך אין דערדאָזיקער שטאָט?״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט על־אַמדזשאַד אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און געטראַכט, אַז דאָס איז זיין זיידע, דער פאָטער פון זיין מוטער, און דאָס האַרץ האָט אים גענומען

קלאַפּן און ער האָט ווידעראַמאָל געקניט און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם מלכס פיס און נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן:

„וויסן זאָלסטו, גרויסער מלך, אַז איך בין דער זון פון דיין טאָכטער בודור...״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז אים דער מלך אַרומ־געפאַלן אויפן האַלז און ביידע האָבן זיך שטאַרק צעוויינט.

אָבער אַז דער מלך האָט זיך עטוואָס באַרואיקט, האָט ער אויסגערופן:

„אָ, מיין זון, כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט. אַלאַ איז גרויס אין אַלע זיינע מעשים.״

און דעמאָלט האָט אים על־אַמדזשאַד דערציילט, אַז זיין טאָכטער בודור איז פריש און געזונט און אַז איר מאַן קאַמאַר־עס־זעמאַן איז פריש און געזונט און אַז זיי וואוינען אין דער שטאָט פון די שוואַרצע אינזלען.

און נאָך האָט ער אים פאַרציילט, אַז זיין פאָטער קאַמאַר־עס־זעמאַן איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן אויף די קינדער, דאָס הייסט אויף אים מיט זיין ברודער, אַז ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיי דערהרגענען, און ווען נישט אַ געוויסער שייך, וואָס האָט זיי פאַרבאָרגן און אַזויאַרום געראַטעוועט זיי דאָס לעבן, וואָלטן זיי ביידע אומגעקומען.

און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, נעם דיין ברודער און קום מיט מיר צו דיין פאָטער. ער וועט אייך גוט אויפנעמען און מיר וועלן לעבן אַלע צוזאַמען אין שלום און גליק.״

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך על־אַמדזשאַד איינגעבויגן און האָט אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם מלכס פיס. און דער מלך האָט געשמייכלט און האָט אים געשיינקט ערנקליי־דער און האָט אים אַרומגענומען, און על־אַמדזשאַד איז באַלד אַוועק צו זיין מלך און האָט אים פאַרציילט פון אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט מיטן מלך על־גאַיור.

און דער מלך האָט אויסגעהערט על־אַמדזשאַדן און האָט זיך שטאַרק געחידושט פון זיינע ווערטער און האָט בעשיקט

דעם מלך על־גאַיור מתּנות: פערד און מוילאייזלען און שעפסן און גוטע ווייַנען, און אַזוינע מתּנות האָט ער אויך געשיקט דער מלכּה מאַרגאַנעכן און דערביי האָט ער איר מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס ער האָט זיך איצט אָנגעהערט און אָנגעזען, און די מלכּה האָט געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער הערשער, אַלאַ, געלויבט און געבענטשט זאָל ער זיין, וועיזט אונז גרויסע וואונדער. וויסן זאָלסטו, אַז מיינע חילות שטייען איצט ווי דיינע פריינט און נישט ווי דיינע פיינט.“

און דער מלך האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„אָ, מיין גוטע גנעדיקע הערשערין, מיר שטייען איצט אונטערן צייכן פון שלום“.

נאָר אָט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ וואָלקן שטויב אויפן וועג, און דערדאָזיקער שטויב האָט פאַרשטעלט דעם שיין פון טאָג. האָבן זיך אַלע חילות אויפגעשטעלט און זיך אומגעקוקט און זיי האָבן געהערט אַ קלאַפּן פון שווערדן און אַ טופּעריי פון פערד און מענטשן האָבן געשריען און געקלאַפּט אין די פויקן.

און באַלד האָט זיך פונם שטויב באַוויזן אַ גרויסע אַרמיי, וואָס האָט זיך משונה אַריינגעשניטן צווישן די צוויי אַרמייען און האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט הינטער די ווענט פון דער שטאָט.

דערזען די נייע חילות, האָט דער מלך פון דער שטאָט אויסגערופן:

„אַן אויסטערלישער טאָג איז היינט! אָ, אַמדזשאַד, פאַר די ניי־געקומענע חילות האָב נישט קיין פּורכט, מחמת מיר שטייען מיט די ערשטע צוויי אַרמייען אונטערן צייכן פון שלום. ביי דעם קלענסטן פיינטלעכן שריט פון די נייע חילות וועלן מיר זיי צעשמעטערן און פאַרטיליקן ווי איבערגעשראָקענע האָזן.“

און דער מלך האָט זיך צעלאַכט און זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן צו על־אַמדזשאַדן:

„אָ, אַמדזשאַד, מיין טרייער וויזיר, פונדעסטוועגן וועסט גאָרנישט שאַדטן, ווען דו וועסט אַ פרעג טאָן די פירער פון

דידאָניקע חילות, צו וואָס, אַ שטייגער, זיינען זיי געקומען־אַהער? און וואָס איז זייער באַגער?

און על־אַמדזשאַד האָט זיך פאַרנויגט און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, איך הער און געהאָרך.“

און ער האָט גענומען זיין ברודער על־אַסאַד און איז אַריין מיט אים אין די רייען פון דער ניי־געקומענער אַרמיי און דידאָזיקע אַרמיי איז געווען זייער גרויס און על־אַמדזשאַד מיטן ברודער על־אַסאַד האָבן לאַנג געזוכט די אַרמייפירער, און די לעצטע האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען געקומען מיט זייער מלך, וואָס געפינט זיך נישט ווייט אין דעם אויפגעשטעלטן געצעלט.

זיינען די ברידער אַוועק צום געצעלט און דאָ האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז זייער פאָטער, דער מלך פון די שוואַרצע אינזלען, קאַמאַר־עס־זעמאַן און זיי זיינען צוגעפאַלן צו זיינע פיס און געקושט דעם שטויב פון די פיס און זיך צעוויינט, און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און האָט זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און איז בלאַס געוואָרן און האָט אויסגערופן נישט מיט זיין קול:

„כוח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! אָ, מיינע קינדער, איך האָב דאָך געמיינט, אַז איר זייט טויט? איצט, אַז איר לעבט, זייט איר ביי מיר געפונענע אוצרות און מיין האַרץ שטאַרקט זיך פון גליק!“

און דער מלך האָט אויסגעשפרייט זיין אָרעם און האָט אַרומגעכאַפּט זיינע צוויי קינדער און האָט זיי געקושט און פאַרציילט, אַז ער האָט נישט געקענט לעבן אָן זיי און אַז טאָג און נאַכט האָט אים געפייניקט זייער טויט און זיין אכזריות.

— „אָ, מיינע קינדער,—האָט ער אויסגערופן,—מסתמא האָט מיר גאָט מוחל געווען מיין אכזריות, וויבאַלד אַז איך האָב דערלעבט אייך צו זען פריש און געזונט!“

און דאָ האָט זיך על־אַמדזשאַד אָנגערופן:

— „אָ, מיין פאָטער, דאָס גליק ענדיקט זיך נישט בלויז מיט

אונז. דער מלך על־גאַיור שטייט דאָ אונטער דער שטאָט מיט זיינע חילות.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך האָב עס נישט פאַרדינט. לאָמיר פאָרן צו דעם מלך על־גאַיור.״

און קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און איז מיט זיינע זין און הויפלייט אַריינגעפאָרן אין די רייען פון על־גאַיורס חילות, און אַ שנעלגייער האָט באַלד מיטגעטיילט דעם מלך פון דידאָזיקע חילות, אַז דער מלך קאַמאַר־עס־זעמאַן איז געקומען אַהער מיט זיינע אַרמייען.

און דער אַלטער מלך על־גאַיור איז באַלד אַרויס פון זיין געצעלט און האָט זיך באַגריסט מיט זיין איידעם און האָט אויפגעהויבן די הענט און געזאָגט!

„באמת, גאָטס וועגן זיינען פול מיט הדושים.״

און עס איז געווען אַ גרויסע שמחה און דאָס נייס האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און אַלט און יונג, קליין און גרויס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די הייזער און האָבן זיך משמח געווען אין די גאַסן און עפענע פּלעצער און מען האָט געזונגען פסוקים פון קאָראַן און די יינגערע האָבן געטאַנצט.

אָבער אין דער אייגענער צייט, ווען די שטאָט האָט פאַרהילכט פון שמחה און געזאַנג, האָט אַ וואָלקן שטויב ווידעראַמאָל פאַרשטעלט די ערד און דעם הימל און ווידעראַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טופּען פון פערד און אַ קלאַפּן פון פויקן.

און באַלד דערויף האָט מען דערזען אַ געוואַלדיקע אַרמיי, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אָנגעטאָן אין שוואַרצע ברייטע מלבושים, און פאָרויס איז געפאָרן אַן אַלטעטשקער זקן און האָט זיך משונה אַרומגעוויגט אויפן פערד. און די שטאָטלייט זיינען געבליבן שטיין אינמיטן געזאַנג מיט פאַרגאַפטע מיילער און אויגן, און דער מלך פון דער שטאָט האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיינע גוטע אונטערטאַנער, שרעקט זיך נישט, מיר שטייען

היינט אונטערן צייכן פון שלום. וואָס קענען אונז טאָן די נייע חילות, ווען מיר האָבן קעגן זיי אַזאַ מאַכט?"

און דער גרויסוויזיר, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט צוגעגעבן:

„איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי זיכער אין אַ נצחון, ווי דאָסמאָל. זאָלן זיי נאָר אָנהויבן, וועלן מיר זיי ווייזן דעם רייץ פון כוח."

און ביי דידאָזיקע ווערטער איז צוגעפאָרן אַ שליח פונם מלך, וואָס זיינע שוואַרצגעקליידטע און שטאַרק באַוואָפנטע חילות האָבן זיך נאָר־וואָס באַוויזן אונטער דער שטאָט, און דערדאָזיקער שליח האָט אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון אַלע דריי מלכים און דער מלכה און האָט זיך באַלד דערויף אָנגערופן:

„אָ, מיינע גרויסע אַלמעכטיקע הערשער! מיין מלך קומט פון אַ ווייטער מדינה, אָבער ער איז נישט מיד און געווענג דרייסט. שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין הייסגעליבטן זון און ער זוכט אים אַרום איבער אַלע לענדער און מדינות. און אָט וואָס איך קען אייך זאָגן: אויב דער זון געפינט זיך אין דערדאָזיקער שטאָט, איז גוט און וואויל צו אייך, און אויב נישט, וועט פון דער שטאָט ווערן אַ באַרג מיט אַש און פון די איינוואוינער — אַ טייך בלוט..."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט קאַמאַר־עס־זעמאַן אויסגערופן:

„מיר ווייסן נאָך נישט, ווער עס וועט דאָ פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טייך בלוט. זאָג מיר אָבער, ווי הייסט דיין מלך?"

און דער שליח האָט געענטפערט:

„ער הייסט שאַך־זעמאַן און ער געוועלטיקט איבער די קאַלידאַנישע אינזלען. מיר געפינען זיך שוין חדשים־לאַנג אין וועג און מיר זוכן אַלץ אַרום זיין זון."

און קאַמאַר־עס־זעמאַן איז פלוצלונג בלאַס געוואָרן ביי דידאָזיקע ווערטער און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות אַזוי, אַז מען האָט אים לאַנג נישט געקענט אָפּמינטערן. אָבער אַז ער

איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך פעסט אַנידערגעשטעלט אויף די פיס און זיך אָנגערופן צו על־אַמדזשאַדן און על־אַסאַדן מיט דידאָזיקע ווערטער:

„גייט און קניט פאַר אייער זיידן, וואָס איז מיין פאָטער, פאַר דעם מלך שאַך־זעמאַן און זאָגט אים, אַז איך בין געזונט און פריש און אַז ער קען שוין אויסטאָן זיינע שוואַרצע מלבושים, וואָרום נאָך אַ לעבעדיקן טרויערט מען נישט.״

און ער האָט פאַרציילט די מלכים, וואָס מיט אים איז געשען אין דער יוגנט און וואָס ער האָט איבערגעלעבט, און די מלאכים האָבן געצויגן מיט די ליפן און זיך שטאַרק געחדוש.

און באַלד דערויף זיינען אַלע אַוועק מיט קאַמאַר־עס־זעמאַנען צו זיין פאָטער, און דער זון איז געפאַלן דעם פאָטער צו די פיס און ביידע האָבן זיך שטאַרק צעוויינט און געהויבן די הענט צום הימל, און נאָכדעם האָט שאַך־זעמאַן פאַרציילט דעם זון אַלץ, וואָס מיט אים האָט פאַסירט.

און שפּעטער, אַז אַלע האָבן זיך באַרואיקט און אַלע מלאכים, וויזירן, עמירן און פירער פון די חילות האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ גרויסן טיש פאַרשטעלט מיט כּל־טוב, וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר ווינטשן און פאַרלאַנגען און די מוזיקאַנטן פון די חילות האָבן געשפּילט זייערע רוישיקע פריידיקע נצחון־מאַרשן און די מלכים האָבן געטרונקען וויין, זיך משמח געווען, געלאַכט און פאַרציילט איינאַנדער פאַרשידענע פּאַסירונגען—נאָך דעם אַלעם האָט מען געפּראַוועט די פריילאַכסטע חתונה אין דער וועלט—די חתונה פון על־אַסאַד און דער מלכּה מאַרגאַנעך און אַלע מלכים מיט די גאַנצע חילות האָבן זיי באַגלייט אַהיים, דאָס הייסט אין דער מדינה פון דער מלכּה.

על־אַמדזשאַד האָט חתונה געהאַט מיט בוסטאַנען, די טאָכטער פון דעם אַלטן באַגראַם און אַלע זיינען באַלד דערויף אַוועקגעפאָרן אין דער שטאָט פון שוואַרצן האָלץ, וואו קאַמאַר־עס־זעמאַן האָט געהאַט אַ געהיימע באַראַטונג מיט זיין שווער,

דעם מלך אַרמאַנוס, און האָט אים פאַרציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פאַסירט.

דער מלך אַרמאַנוס האָט אים אויסגעהערט און זיך שטאַרק געהדושט און אַ קוש געטאָן אים אין שטערן.

נאָכדעם איז דער מלך על-גאַיור אַריין צו זיין טאָכטער בודור אין פאַלאַץ און האָט איר פאַרציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פאַסירט און וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין וועג, און די מלכה בודור האָט זיך צעוויינט און צעלאַכט און געזאָגט, אַז זי איז גליקלאַך.

און אַ חודש צייט האָט דער מלך על-גאַיור פאַרבראַכט אין דער שטאָט פון שוואַרצן האָלץ, וואו יעדער טאָג איז גע-ווען אַ יום-טוב און יעדע שעה—אַ שמחה.

און אַז דער חודש איז פאַרלאָפן, איז דער מלך על-גאַיור אַרויסגעפאָרן אַהיים צוזאַמען מיט דער מלכה בודור, מיט על-אַמדזשאַדן און מיט זיינע אַלע הויפלייט, און דאָרט, אין זיין מדינה, האָט ער אָוועקגעזעצט על-אַמדזשאַדן אויפן טראָן און האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין זון, איצט איז געקומען די צייט פון דיין ממשלה. פאַרליר זיך נישט, זיי מוטיק, און אַלאַ, געבענטשט און גע-לויבט זאָל ער זיין, וועט דיר תמיד העלפן!"

און באַלד דערויף איז דער מלך קאַמאַר-עָכ-זעמאַן אַרויס-געפאָרן צוזאַמען מיט זיין פאָטער דעם מלך שאַך-זעמאַן, צו די קאַלידאַנישע אינזלען. און זיי זיינען בשלום געקומען אין זייער רעזידענצשטאָט, וואָס איז געווען באַפוצט מיט פאָנען און באַ-האָנגען מיט לעמפעלאַך, און פויקער זיינען אַרומגעגאַנגען אי-בער די גאַסן און געקלאַפּט און געהילכט אין גרויסע פויקן און די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט געטאַנצט און געזונגען אין די גאַסן, אונטערן בלויען הימל.

און קאַמאַר-עס-זעמאַן איז אַרויף אויפן טראָן און האָט לאַנג און קלוג און גוט געוועלטיקט און האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ביי דער גערעכטיקייט, וואָס נאָר זי איינע איז איי-ביק ביי גאָט און ביי מענטשן, און יאָרן נאָך יאָרן זיינען גע-

לאָמן ביז קאַמאַר־עס־זעמאַן איז אַלט געוואָרן און האָט זיך שטיל איבערגעגעבן אין די אָרעמס פון טויט.

און דעמאָלט האָט די באַפעלקערונג אויסגעשריען אין גרויס געוויין:

„אָ, גרויסער מלך קאַמאַר־עס־זעמאַן! קאַמאַר־עס־זעמאַן! דו וועסט אונז באַשיצן אין הימל!"

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט שעכערעזאַדע געענדיקט איר מעשהלע פאַרן מלך, און דער מלך האָט אויסגערופן:

„אָ, שעכערעזאַדע, דיינע מעשהלעך זיינען אַזוי שיין, אַז איך שפּיר די גאַנצע צייט דעם גלאַנץ פון פּערל און דעם שיין פון שטערן."

און שעכערעזאַדע האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, אָבער די געשיכטע מיט אַלאַדין־אַבו-שאַמאַט איז טויזנטער מאָל שענער פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דיר ביז אַהער דערציילט."

און דער מלך האָט געזאָגט:

„אָ, שעכערעזאַדע, וואָס איז געשען מיט אַלאַדין־אַבו־שאַמאַט? דערצייל מיר, שעכערעזאַדע."

און שעכערעזאַדע האָט אָבער געענטפערט:

„אָ, מיין גרויסער מלך, דידאָזיקע געשיכטע וועל איך דיר דערציילן אַ צווייט מאָל, ווייל איך האָב פאַרגעסן אַ קליי־ניקייט."

און דער מלך האָט גוטמוטיק באַוויליקט דערצו.

194